STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11653

MENTSH UN VUNDER

Jules Verne

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זשול ווערן

מענטש און ווונדער

ראמאן

יידיש: מ. גרין.

ערשטער טייל.

פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע

Printed in Poland.

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

מענטש און ווונדער

אַ קורץ פאָרוואָרט.

דער זומער פון יאָר 888 . איז געווען זייער א הייסער. איך בין נאָך דעמאָלט געווען גאַנץ ווייניק באַקאַנט מיט אַמעריקע, און האָב נישט געהאַט קיין באַשטימטע בעשעפטיקונג. זיצן אין אַ הייסן זומערטאָג אין די ענגע פאַרשטיקטע חדרים פון אַ ניו־יאָרקער טענעמענט־הויז איז נישט פון די גרויסע פאַרגעניגנס. איך פלעג דעריבער אַרומשפּאַצירן, אָדער, ריכטיקער, אַרומבלאָנדזשען איבער די גאַסן פון דער וועלטשטאָט ניו־יאָרק, דערעיקרשט אָבער אין האַפן, ווו די שיפן קומען אָן און גייען אַוועק.

תחילת פלעג איך גיין אין האַפן, ווייל דאָרט איז קילער, ווי אין די גאַסן, באַלד אָבער בין איך דאָרט אַזוי צוגעוויינט געוואָרן, אַז איך פלעג אַוועקזיצן שעהנלאַנג אויף די ברעטער און קלעצער און פלעג קוקן אויף די שמוציקע וואַסערן און אויף ד' הונדערטער שיפן, באָטן, סקונערס און שלעפּדאַמפּערס, וואָס גליטשן זיך לייכט, לויפן, קומען, פייפן, רוישן און ליאַרמען אין דעם גרויסן און ברייטן האַפן.

עס איז מיר געפעלן דאָס האַפן - לעבן. עס איז מיר געפעלן דאָס קאָכן, זידן, רוישן, ווירקן און שאַפן אויף דידאָזיקע שווימענ-דיקע שטעט און דערפער, וועלכע הייסן שיפן. עס איז מיר געפעלן דער טומל און געשריי פון די אַרבעטער און מאַראָזן, ווען זיי לאָדן אויס די שיפן. איך פלעג באַטראַכטן מיט גרויס חידוש די טויזענטער אַרטיקלען, וועלכע די שיפן שלעפן אָן פון אַלע עקן וועלט, און גיבן עס איבער אין די פלייסיקע הענט פון די ניו-יאָרקער פאַבריקאַנטן און סוחרים.

און איך פלעג מיך קיינמאָל נישט לאַנגווײַלן. איך פלעג קע-נען אַוועקזיצן אין האַפן פון אינדערפרי ביז שפעט אין דער נאַכט, און האָב פאַרגעסן אָן עסן, טרינקען און שלאָפן. מײַנע גע-דאַנקען האָבן געלעבט מיט די מענטשן פון האַפן. איך פלעג זייער אָפט מקנא זיין די מאַטראָזן און די מענטשן פון די שיפן. איך פלעג מקנא זיין זייער לעבעדיקע און פרייליכע אַרבעט.

יעדן פרייטיק פלעגט קומען אַ סקונער מיט גרינוואַרג און אַנדערע דאָרפּפּראָדוקטן, ווי היי, שטרוי, קאַרטאָפל, עפל, באַרנעס, פלוימען און דאָסגלייכן. דאָס איז נישט קיין נייס. אין ניו-יאָרקער האַפן קומען אַלע טאָג הונדערטער אַזעלכע באָטן און סקונערס. איך האָבן מיך דעריבער תחילת ווייניק צוגעקוקט צו דעמדאָזיקן סקונער. ער האָט געהייסן „לילי-לאָלאַ". דאָס האָט מיך אויך זייער ווייניק אינטערעסירט. יעדער באָט און יעדער סקונער האָט אַ נאָמען, ווייל דאָס קינד מוז דאָך האָבן אַ נאָמען.

באַלד אָבער האָט מיר דער סקונער „לילי-לאָלאַ" פאַראינ-טערעסירט. איך האָב דערזען אויף אים אַ נעגער און צוויי ווייסע מענטשן, ענגלענדער. דאָס איז אַפילו אויך נישט קיין נייס: מען טרעפט זייער אָפט נעגערס אויף די אַמעריקאַנישע שיפן. דאָס מערקווירדיקע איז אָבער געווען דאָס, וואָס דער נעגער איז געווען

דער עלטערער, דער שיפסקאפיטאן אָדער דער באַלעבאָס פון סקונער.

דאָס האָט מען זייער לייכט געקענט באַמערקן, ווייל דער נע- גער פלעגט זיך שאַפן מיט די ווייסע מענטשן, מיט די צוויי יונגע ענגלענדער. ער פלעגט זיי הייסן טאָן אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געדאַרפט טאָן אויפן סקונער און צו אים פלעגן זיך ווענדן די אַלע, וועלכע פלעגן קומען קויפן די פּראָדוקטן פון סקונער.

דאָס איז שוין ביי מיר געווען אַ נייס. ביז אַהער האָב איך גע- זען נעגערס אַרבעטער, אָבער נעגערס שיפסקאַפּיטאַנעס האָב איך קיינמאָל נישט געזען, און איך האָב אָנגעהייבן זיך בעסער צוצוקוקן צום סקונער „לילי - לאָלאַ".

דער נעגער איז געווען אַן עכטער אַפריקאַנער, אַ געבוירע- נער אַפריקאַנער מיט אַ פלאַך געזיכט, הויכע באַקנביינער און אומגעוויינלעכע גראָבע ליפּן. זיינע האָר זענען געווען ווייס, ווי שניי, און די באַקן צוקנייטשט און ערטערווייז איז די הויט אַראָפּ- געהאָנגען פון זיי. ווי אַלט דער נעגער איז געווען, האָב איך נישט געקענט וויסן: אויף אַ נעגער - פּנים איז זייער שווער צו טרעפן די יאָרן. נאָך מיין חשבון האָט ער געדאַרפט אַלט זיין אַ יאָר פופציק. ער איז אָבער נאָך געווען גאַנץ שטאַרק, און אין זיינע טיפע, שוואַרצע אויגן האָט נאָך געברענט אַ יונג פייערל.

איך האָב זיך אַזוי פאַראינטערעסירט מיט דעמדאָזיקן נעגער׳ אַז איך פלעג וואַרטן אויף דער „לילי - לאָלאַ" מיט דער גרעסטער אומגעדולט. דער סקונער פלעגט קומען געוויינלעך פרייטיק אינ- דערפרי, פלעגט פאַרברענגען אין האַפן דעם פרייטיק און דעם שבת און זונטיק פלעגט ער זיך אַוועקפאָרן.

איינמאָל, פרייטיק נאָך מיטאָג, ווען איך בין אַזוי געזעסן און געקוקט אויפן סקונער, האָב איך געזען, ווי אַ רייכער מענטש פון אַ יאָר עטליכע און פערציק איז פלוצלונג אויסגעוואַקסן אין

האפן. ער איז גלייך אַרויפגעגאַנגען אויפן סקונער און האָט אויסגע־שטרעקט ביידע הענט צום נעגער.

— האַלאָ, סנאָי! — האָט ער אויסגערופן פריינטלעך און האַרציק, ווי צו א ברודער.

— האַלאָ, בילי! — האָט דער נעגער געענטפערט אין דעמ־זעלבן טאָן, און האָט אים געדריקט די הענט.

איך בין געווען איבעראַשט, ווען איך האָב דערזען, ווי דעם נעגערס אַלטע, שוואַרצע, פאַרשמירטע הענט האָבן געדריקט אַזוי פריינטלעך און ברידערלעך די הענט פון דעם רייכן אַמעריקאַנער. דערמיט האָט זיך אָבער דער וויזיט נישט געענדיקט. דער נעגער האָט באַלד געהייסן זיינע ווייסע מאטראָזן, זיי זאָלן אַרויפברענגען אויפן דעק צוויי שטולן און זאָלן אַרויפלייגן אויף א פעסל קאַר־טאָפל א פאָר ברעטער.

עס איז באַלד געוואָרן א פראָוויזאָרישער טיש, און ביידע פריינט, דער נעגער און דער רייכער אַמעריקאַנער, האָבן זיך אַנידערגעזעצט. מען האָט אַריינגעבראַכט א פלאַש ווייַן, גלעזער, טעלער, ברויט און פירות.

איך בין געבליבן זיצן אויף מיין אָרט, ווי א צוגעשמידטער און האָב באַטראַכט דעם גאַסט פון אַלע זייטן. ער האָט מיר אויס־געוויזן צו זיין א רייכער באַנקיר פון וואָל - סטריט אָדער א פאַב־ריקאַנט. ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט, און האָט בעת מעשה גע־רעדט מיטן נעגער, ווי מען רעדט מיט א ברודער אָדער מיט א גאַנץ נאָענטן פריינט. איך בין אַפילו געזעסן צו ווייט פון זיי, אַז איך זאָל קענען הערן אַלץ, וואָס זיי רעדן, אָבער איך האָב געקענט ייער גוט זיי באַטראַכטן. דער טאָן, מיט וועלכן זיי האָבן גערעדט, זייע־רע מינעס אין העוויות, זייער שמייכלען, זייערע געלעכטערלעך,— אַלץ האָט גאַנץ דייטלעך עדות געזאָגט, אַז דאָס זענען צוויי אַלטע פריינט.

„ווער זענען זיי?" — האָב איך געפרעגט זיך אליין. — „ווי קומען זיי איינער צום אַנדערן? וואָס קערן זיי זיך אָן? אמת, אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד און די נעגערס האָבן אַלע רעכט, ווי די ווייסע בירגער. איך האָב אָבער געוווּסט, אַז די ווייסע אַמע־ריקאַנער האָבן נישט שטאַרק ליב די שוואַרצע אַמעריקאַנער, און איך האָב בייגעוווינט אַ פאַל, ווען מען האָט נישט געוואָלט פאַר־קויפן א נעגער אַ גלאָז ביר. דער שטאָלצער, רייכער יענקי שעמט זיך צו רעדן מיט אַ נעגער אויף דער גאַס. מען וויל אים נישט אַריינ־לאָזן אין אַן אָנשטענדיקן האָטעל".

פונוואַנען נעמט זיך דאָך דידאָזיקע פריינטשאַפט צווישן דעם רייכן אַמעריקאַנער און דעם נעגער? ווי שעמט זיך עס נישט אַ באַנקיר צו עסן מיט אַ נעגער פראַנק און פריי אויפן דעק פון סקוּנער, ווו טויזנטער אויגן קוקן זיך צו צו זיי?

איך בין געווען געוואַלדיק איבעראַשט און פאַראינטריגירט, כמעט ביז אַ נערוון־אַטאַק. ווען איך וואָלט מיך נישט געשראָקן פאַר אַ קלאַפּ, וואָלט איך צוגעגאַנגען צו זיי און וואָלט זיי געפרעגט, פונוואַנען זיי קענען זיך. דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך. און דעריבער האָב איך באַשלאָסן ליבערשט איבערצוּוואַרטן. איך מוז מיך באַקענען מיטן נעגער און אים אויספרעגן ווער ער איז.

אָבער אַ זאַך טוט זיך נישט אַזוי שנעל, ווי עס רעדט זיך. באַ־שליסן עפּעס איז זייער לייכט, ווען עס קומט אָבער אויסצופירן די זאַך, זעט מען ערשט, ווי שווער עס איז.

איך האָב געהערט, ווי דער רייכער אמעריקאַנער האָט גע־רופן דעם נעגער סנאי. איז דאָס אָבער אַ נאָמען? — סנאָ איז אויף ענגליש שניי; סנאָי הייסט אַ פאַרשנייטער. איז דאָס אפשר אַ צונאָמען? — דער נעגער האָט גערופן דעם אַמעריקאַנער בילי־ דאָס איז שוין אַ נאָמען. בילי הייסט ווילהעלם אָדער ווילליאַם. וואָס ווערט אָבער דערפון? דאָס איז אַ געוויינלעכער נאָמען. און

ניו - יאָרק געפינען זיך צענער טויזנטער מענטשן מיטן נאָמען וויליאַם.

דער רייכער ענגלענדער איז אַוועקגעזעסן מיטן נעגער אַ פּיינע פּאָר שעה. דאַן האָבן זיי זיך ווידער געגעבן די הענט פריינטלעך און דער אַמעריקאַנער איז זיך אַוועקגעגאַנגען. איך האָב געברענט פון בייגיר און אויפרעגונג. איך וואָלט אַוועקגעגעבן אַ יאָר פון מיין לעבן, ווען מען זאָל מיר זאָגן, ווי אַזוי דידאָזיקע מענטשן געהערן זיך אייגאַנדער און וואָס איז עס פאַר אַ פריינטשאַפט צווישן אַ שוואַרצן און ווייסן. דערווייל אָבער איז געוואָרן נאכט און איך האָב געמוזט גיין אַהיים.

צומאָרגנס בין איך גאַנץ פרי געקומען אין האַפן. דער נע-גער איז געווען שטאַרק פאַרטאַראַמט מיט זיינע קונים און איך האָב נישט געקענט צוטרעטן צו אים. עס איז אַזוי אַוועק דער גאַנצער טאָג און איך האָב בשום אופן נישט געקענט געוואָר ווערן ווער דער נעגער איז.

ונטיק איינדערפרי אין דער סקונער „לילי - לאָלאַ" אַוועק-געשווומען. אַ גאַנצע וואָך בין איך אַרומגעגאַנגען, ווי משוגע. איך האָב ווידער אָפּגעוואַרט די „לילי - לאָלאַ" מיטן נעגער, און מיינע נערוון זענען געווען געוואַלדיק אָנגעשרויפט. דאָנערשטיק ביינאַכט אָבער איז ער ווידער אָנגעקומען.

דאַסמאָל מוז איך מיך מיט אים באַקענען! עס מעג דונערן און בליצן! ווי אַזוי אָבער?

איך האָב באַמערקט, אַז דער נעגער פּיפּקעט אַ קורצע ליימענע לולקע, ווי עס רויכערן געוויינלעך די מאַטראָזן. געוווסט האָב איך, אַז אַ רויכערער, אַ טרינקער און אַ קאָרטנשפּילער באַקע-נען זיך זייער לייכט, און אַזוי ווי איך רויכער אויך, האָב איך באַלד גענומען אַ פּאַפּיראָס אין מויל און בין אַרויפגעגאַנגען אויפן סקונער בעטן פייער ביים נעגער.

דאָסמאָל האָב איך געטראָפן. דער נעגער האָט מיר געגעבן אַ שוועבעלע און האָט מיך געלאָזט שטיין אויפן דעק פון סקונער. איך האָב אים געפרעגט, פונוואַנען ער איז, און ער האָט מיר גאַנץ פשוט געענטפערט, אַז ער וווינט אין ניו-לאָנדאָן.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און מיר האָבן זיך צערעדט. דער נעגער האָט מיר דערציילט, אַז דער סקונער איז טאַקע זיין אייגענער. ער איז דער קאָמיסיאָנער, דער בעל-עגלה און דער פאַר־מיטלער צווישן די פערמער פון ניו-לאָנדאָן און ניו-יאָרק. ער נעמט זייערע פּראָדוקטן און ברענגט זיי קיין ניו-יאָרק. אַלע האָבן צוטרוי צו אים און אַליין איז ער אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער מענטש.

מיר האָבן געשמועסט אַ היבש שטיקל צייט און זענען זיך צוגאַנגען, ווי אַלטע גוטע פריינט. פאַרנאַכט איז דער רייכער אַמעריקאַנער ווידער געקומען צו זיין פריינט. דאָסמאָל אָבער האָט ער פאַרבראַכט אויפן סקונער בלויז געציילטע מינוטן.

פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביים נעגער סנאָי. איך בין אים געפעלן און מיר זענען געוואָרן גוטע פריינט. ער האָט מיך אַמאָל מיטגענומען צו זיך אַהיים און איך האָב איבערגענעכטיקט ביי אים.

ווען איך בין שוין געווען מיט אים גוט באַקאַנט, האָב איך אים אַ מאָל געפרעגט, ווער איז דער רייכער אַמעריקאַנער, וואָס ער רופט אים מיטן נאָמען בילי און פונוואַנען זיי קענען זיך?

„עס איז אַן אַלטע געשיכטע", — האָט דער נעגער געזאָגט. — „איך ווייס נישט, צי דאָס איז אַ פריילעכע, צי אַ טרויעריקע געשיכטע, עס איז אָבער אַ וווּנדערלעכע געשיכטע".

דער נעגער האָט זיך פאַרטראַכט און האָט נאָכדעם צוגעגעבן:

„איך בין אַ שלעכטער דערציילער. בילי קען עס בעסער, ווי איך. ער וועט אייך דערציילן, בילי איז אַ מענטש אַ געלערנטער.

די אַנדערע וואָך איז דער רייכער אַמעריקאַנער ווידער גע־קומען צו זיין פריינט אויף א באַזוך. דער נעגער האָט מיך באַ־קענט מיט אים און דערביי באַמערקט, אַז איך בין א בעלן צו וויסן די געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיט זיי ביידן.

דער שטאָלצער אַמעריקאַנער האָט אַפילו תחילת נישט גע־וואָלט רעדן מיט מיר. ער האָט געזען, אַז איך טראָג נישט קיין גאָלדענע קייט און קיין דימענטענע רינגען. צום גליק אָבער, טראָג איך גאָלדענע ברילן, און דער נעגער האָט אים דערציילט, אַז איך בין אַ שרייבער און בין זיין בעסטער פריינט.

דער נעגער האָט אונדז אַראָפּגערופן אין דער קאַיוטע, האָט אַנידערגעשטעלט פאַר אונדז א פלאַש וויין און געבעטן זיין פריינט בילי, ער זאָל אָנהייבן דערציילן זייער געשיכטע.

אָט די געשיכטע וויל איך איצט איבערגעבן מיינע לעזער וואָרט אין וואָרט. איך גלויב, אַז זי איז אינטערעסאַנט און ניצלעך. צו דער גאַנצער געשיכטע האָב איך נאָר צוגעלייגט אייניקע דער־קלערונגען און אויסטייטשונגען.

קאַפּיטל איינס.

בילי האָט אָנגעהייבן:

„איך בין אלט געווען זיבעצן יאָר, ווען איך בין אַנט־לאָפן פון מיינע עלטערן. פאַרוואָס בין איך אַנטלאָפן? איך האָב עס אליין נישט געוווסט און ווייס עס נאָך עד היום נישט.

איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין ענגלאַנד. מיין פאָטער איז געווען א פערמער. ער איז געווען נישט רייך. זיין פערמע אָבער האָט אים אריינגעטראָגן אזויפיל, אַז ער האָט גע־קענט מפרנס זיין די פאַמיליע גאַנץ אָנשטענדיק און האָט נאָך אָפּגע־שפּאָרט עטלעכע פונט סטערלינג אויף אַ שלעכטער צייט, אָדער אויף א „רעגנטאָג", ווי די ענגלענדער זאָגן.

מיין מוטער איז געווען אַ פּעיקע פרוי. זי האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט און פלעגט נאָך העלפן מיין פאָטער אין זיין שווע־רער פעלדאַרבעט.

מיינע עלטערן האָבן מיך ליב געהאַט און האָבן זייער גע־וואָלט מאַכן פון מיר אַ לייט. זיי האָבן מיך נישט געלאָזט אַרבעטן

אין פעלד. זיי האָבן בעסער געוואָלט מאַכן פון מיר אַן אינזשיניער. זיי האָבן מיך דערניבער געהאַלטן אין אַ שולע. פאַר די לעצטע גראָשנס פלעגן זיי מיר קויפן לערנביכער און די אַלע מכשירים, וועלכע זענען נייטיק אין אַ שולע.

איך בין געווען אַ פלייסיקער תלמיד און מיינע לערער זע־נען געווען גאַנץ צופרידן מיט מיר.

עס פרעגט זיך דעריבער: פאַרוואָס בין איך אַנטלאָפן פון מיינע עלטערן?

דאָס שטעטל, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן, איז געלעגן ביים ים. פון קינדוויייז אָן האָב איך ליב געהאַט דעם ים. עפּעס האָט מיך געצויגן צו אים. אין דער פרייער צייט פלעג איך אַוועקליגן שעהנלאַנג אויף אַ בערגל לעבן ים און פלעג קוקן, ווי ער רוישט, ווי ער קאָכט, ווי זיינע כוואַליעס קומען צו צום ברעג, פאַרגיסן אים, פאַרטרינקען אים און גייען זיך אַוועק צוריק.

איך פלעג זיך נישט שפּילן, ווי אַנדערע קינדער אין סאָל־דאַטן, אין פערדלעך און אין אנדערע שפּילערייען. מיין איינציק פאַרגעניגן איז געווען דער ים. איך פלעג רעדן צום ים, איך פלעג זינגען צום ים. פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ לעבעדיקער מענטש.

דער ים האָט מיך פאַרכישופט. ער פלעגט מיך ציען צו זיך מיט אַזאַ כּוח, אַז איך פלעג זייער אָפט גיין פון דער שולע גלייך צום ים. דער גרויסער וועלט - ים איז געווען פאַר מיר אַ סוד, וואָס איך האָב געוואָלט אַנטפּלעקן, א רעטעניש, וועלכן איך האָב געוואָלט טרעפן, אַ פאַרכישופטער שלאָס, וואָס האָט פאַרכאַפּט מיין נשמה.

איך פלעג מקנא זיין די מאַטראָזן, וועלכע פאָרן אַרום יאָרנ־לאַנג אויפן ים. מיין יונגער קינדערשער קאָפּ האָט זיך פאָרגע־שטעלט, אַז עס קענען גאָרנישט זיין קיין גליקלעכערע מענטשן

אין דער וועלט, ווי מאטראָזן, וועלכע פאַרברענגען זייער לעבן אויפן ים.

איך פלעג עס זאָגן מיינע עלטערן און פלעג זיי בעטן, זיי זאָלן מיך מאכן פאַר אַ מאטראָז. זיי האָבן אָבער דערפון נישט געוואָלט הערן, און האָבן מיר תמיד באַוויזן, אַז עס זענען דאָ פיל בעסערע און ניצלעכערע פראָפעסיעס, ווי די פראָפעסיע פון אַ מאטראָז אָדער אַפילו אַ שיפקאַפיטאַן.

צום אומגליק, האָט זיך באַזעצט ביי אונדז אין שטעטל מיין מוטערס אַ קרוב.

מיר, קינדער, פלעגן אים רופן פעטער. ער איז אָבער גע־ווען נאָר אַ ווייטער קרוב פון מיין מוטער. דאָס איז געווען אַן אַלטער מאַן פון אַ יאָר זעכציק, אַ מאטראָז, וועלכער האָט פערציק יאָר פון זיין לעבן פאַרבראַכט אויפן ים.

ער איז אויסגעפאָרן אַלע ימים און אָקעאַנען פון דער וועלט און האָט איבערגעזען אַלע לענדער, וואָס ליגן ביים ים.

איצט פאַרשטיי איך, אַז אין דער צייט פון די פערציק יאָר האָט ער זיך אָפגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט פונט סטערלינג אויף דער עלטער. דעמאָלט אָבער האָב איך עס נישט פאַרשטאַנען. איך האָב געמיינט, אַז ער איז זייער רייך, און האָט געבראַכט פון די ווייטע לענדער פעסלעך מיט גאָלד.

ער פלעגט קומען זייער אָפט צו אונדז און פלעגט אַוועק־זיצן ביי אונדז שעהנלאַנג. אין די פינסטערע און לאַנגע ווינטער־נעכט פלעגט ער אונדז דערציילן פון די ווונדער, וועלכע ער האָט געזען אין די ווייטע לענדער, פון די זעלטענע פיש און חיות, וועלכע ער האָט געזען אין ים און אין די לענדער ביים ים.

ער האָט געקענט זייער שיין דערציילן און האָט נישט פיינט געהאַט צו זאָגן אַ ליגן.

איך פלעג אויסהערן זיינע מעשיות און מיין קינדערשע פאַנטאזיע האָט זיך צעברענט. איך האָב אויך געוואָלט פאָרן קיין אינדיע, קיין כינע, קיין אַוסטראַליע, צו די ווייטע און כישופדיקע אינדזלען, און אָט האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון מיינע עלטערן און ווערן אַ מאַטראָז.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען פערצן יאָר.

אין דעם שטעטל, ווו איך בין געבאָרן געוואָרן, איז דאָ אַ קליינער האַפן. אַהער קומען זייער אָפט שיפן, שטייען על פי רוב עטלעכע טעג און פאָרן זיך ווייטער אַוועק. איך האָב גערעכנט, אז איך וועל קומען צו אַ קאַפּיטאַן פון אַ שיף און וועל אים זאָגן, אז איך וויל ווערן אַ מאַטראָז, וועט ער מיך באַלד אויפנעמען. אַנדערש האָב איך עס מיר נישט געקענט פאָרשטעלן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן בין איך אַוועק אין האַפן און בין אַרויפגעגאַנגען אויף דער ערשטער, בעסטער שיף, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. איך האָב מיר דערפרעגט צום קאַפּיטאַן און האָב אים דערציילט, אז איך וויל ווערן אַ מאַטראָז.

„האָסטו עלטערן?" — האָט מיר דער ערלעכער קאַפּיטאַן געפרעגט.

„געוויס האָב איך עלטערן".

„טאָ שיק מיר צו דיינע עלטערן. איך מוז מיט זיי רעדן", — האָט ער אַ זאָג געטאָן און מער נישט גערעדט מיט מיר.

איך בין אַרויפגעגאַנגען אויף א צווייטער שיף און האָב דערציילט דעם קאַפּיטאַן, וואָס איך וויל, האָט ער מיך אָבער אויסגעלאַכט.

„גיי בעסער אין שולע און לערן עפּעס. דו ביזט נאָך צו יונג".

איך האָב מיך געפילט באַליידיקט און דערשלאָגן: מען האַלט

מיך נאָך פּאַר אַ קינד! דאָס האָט מיך נאָך אָבער מער אויפ־גערייצט און האָט נאָכמער פאַרשטאַרקט מיין חשק צו ווערן אַ מאַטראָז.

איך בין אויסגעווען אַלע שיפן אינם האַפן. קיינער האָט מיך אָבער נישט געוואָלט אויפנעמען. מיט אייניקע וואָכן שפּעטער האָב איך מיך נאָכאַמאָל געפּרוווט בעטן, מען זאָל מיך אָנעמען אויף אַ שיף. קיינער האָט ווידעראַמאָל נישט געוואָלט. דאָס איז אַלץ געווען זומערצייט.

ווינטער פלעגן קומען צו אונדזער פּאָרט ווייניקער שיפן און איך פלעג זיין מער באַשעפטיקט אין שולע. דער חשק צום ים פלעגט דעמאָלט אַ ביסל נאָכלאָזן.

אַזוי זענען פאַרגאַנגען דריי יאָר. אַלע זומער פלעג איך אַרומגיין איבער די שיפן און פלעג בעטן יעדן קאַפּיטאַן, ער זאָל מיך אָנעמען פאַר אַ מאַטראָז; עס האָט זיך אָבער נישט געפונען אַזאַ איינער, וואָס האָט זיך געוואָלט צוהערן צו מיין בקשה. און אָט געדענק איך: זומער, אין יאָר 1857 איז אָנגעקומען אין אונדזער האַפן אַ גרויסע שוואַרצע שיף מיט דריי הויכע זעגלביימער. אויף איר האָט געפלאַטערט אין דער הויך דער פלאַג פון בראַזיליע. דאָס איז געווען אַ נייס ביי אונדז. אין אונדזער קליינעם האַפן פלעגן זייער זעלטן קומען שיפן פון ווייטע לענדער. איך האָב תחילת גאָרנישט געוווסט, וואָס פאַר אַ פלאַג דאָס איז. אַ באַקאַנטער מאַטראָז האָט עס מיר אָבער דערקלערט.

בראַזיליע איז דעמאָלט געווען ביי מיר אַ וווּנדערלאַנד, אַ כּישוף־לאַנד. פון דער געאָגראַפיע האָב איך געוווסט, אַז אין בראַזיליע רעדט מען פּאָרטוגיזיש. איך האָב אָבער, אויסער ענגליש און אַ ביסל פראַנצויזיש, נישט פאַרשטאַנען קיין אַנדער לשון.

„ווי וועל איך רעדן מיטן קאַפּיטאַן, ווען איך פאַרשטיי

קיין ווערט נישט פּאָרטוגעזיש?"—„האָב איך געפרעגט זיך אליין.—
„עס העלפט אָבער נישט! איך מוז פּרווון".

איך בין ארויפגעגאַנגען אויף דער פּאָרטוגעזישער שיף און האָב מיך דערפרעגט צום שיפקאַפּיטאַן. איך האָב מיך באַלד דערשלאָגן צו אים און איך האָב אים געזאָגט, וואָס איך פאַרלאַנג.

צו מיין גרעסטן חידוש האָב איך דערהערט, אַז דער שיפ־קאַפּיטאַן רעדט זייער גוט ענגליש. ער האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, ווי אַ פערדהענדלער באַטראַכט אַ פערד און האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיך אָנעמען. איך האָב אַ טאַנץ געטאָן פאַר פרייד. אָן אַ גוזמא קאָן איך זאָגן, אַז איך בין דעמאָלט געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט.

דער קאַפּיטאַן האָט מיך אויסגעפרעגט, ווער איך בין און צי האָב איך עלטערן. איך האָב אים אַלץ דערציילט. ער האָט מיך נישט געפרעגט, צי מיינע עלטערן זענען מסכים מיך אַוועקצולאָזן. ער האָט זייער גוט געוווסט, אַז איך אַנטלויף פון מיינע עלטערן און ער האָט זיך זייער ווייניק געקימערט דעריבער. ער האָט מיך באַלד פאַרשריבן אין זיין בוך אַלס לערנייִנגל און די זאַך איז אַזויאַרום באַשלאָסן געוואָרן.

איך בין געווען אַזוי צופרידן און גליקלעך, אַז איך האָב אַפילו פאַרגעסן זיך צו באַדינגען מיט מיין שיפקאַפּיטאַן. איך האָב פאַרגעסן צו רעדן מיט אים, וויפל יאָר איך דאַרף ביי אים דינען און וואָס ער דאַרף מיר צאָלן פאַר מיין אַרבעט. וואָס האָבן מיך געאַרט אַזעלכע קלייניקייטן? — איך בין אַ מאַטראָז און וועל פאָרן אויפן ים! און מער ווי דאָס האָב איך נישט געוואָלט.

איך בין מיך מודה, אַז איך האָב פאַרגעסן צו פרעגן, וווהין די שיף גייט און וואָס פאַר אַ סחורות זי פירט. וואָס אַרט עס מיך? איך האָב אָבער נישט פאַרגעסן צו פרעגן, ווען די שיף וועט יועט אָפּגיין.

„איבערמאָרגן גאַנץ פרי, זעקס א זייגער!" — האָט דער קאַפּיטאַן אָפּגעהאַקט. — „ביז דער צייט דאַרף איך דיך נישט. און איך עצה דיר טאַקע, אַז דו זאָלסט זיך בכלל נישט ווייזן אויף דער שיף ביז דערדאָזיקער צייט".

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן און איז זיך אַוועקגעגאַנגען.

די צוויי טעג, וואָס די שיף איז נאָך געשטאַנען ביי אונדז אין האַפן, בין איך אַרומגעגאַנגען, ווי אַ משוגענער. איך האָב מיר קיין אָרט נישט געפונען. איך האָב נישט געגעסן, נישט געטרונקען און נישט געשלאָפן. מיין גוטע מוטער האָט עס באַמערקט און איז געוואָרן זייער אומרויק. זי האָט געמיינט, אַז איך בין עפּעס נישט געזונט. איך האָב זי אָבער באַרויקט און האָב געזוכט נישט צו זיין אינדערהיים.

דעם לעצטן אָוונט פאַר מיין אַוועקפאָרן האָב איך געגעסן צוזאַמען מיט מיין טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער. איך האָב געפילט, אַז איך טו זייער שלעכט, וואָס איך אַנטלויף פונדאַנען. עס זענען געווען מינוטן, ווען איך האָב מיך געוואָלט אַרויפוואַרפן מיין מאַמען אויפן האַלדז און איר אַלץ דערציילן. איך האָב מיך אָבער איינגעהאַלטן. און אָט, פינף אַ זייגער פאַרטאָג בין איך שוין געווען אָנגעטאָן און בין געלאָפן אין האַפן.

אין אַ שעה אַרום איז די שיף אַרויסגעפאָרן אין גרויסן וויטן וועלט־ים.

קאַפּיטל צוויי.

אין די ערשטע עטלעכע שעה בין איך געווען גאַנץ גליק־לעך אויף דער שיף.

עס זענען דאָך עפּעס דערפילט געוואָרן אַלע מיינע פאַר־לאַנגען. אָט בין איך אויף אַ מאַטראָז און שווים מיט לייטן צו־גלייך אויפן גרויסן און ברייטן וועלט־אָקעאַן.

מיין שמחה האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. קוים זענען מיר אַרויסגעפאָרן אויפן גרויסן פרייען וועלט־אָקעאַן, האָב איך מיך אָנגעהייבן צו פילן זייער שלעכט. דער קאָפּ האָט מיר גע־שווינדלט, עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן און איך האָב אָנגעהייבן צו ברעכן.

איך האָב באַקומען די באַקאַנטע ים־קראַנקהייט...

איך בין פאַרקראָכן אין אַ ווינקעלע און האָב געבראָכן, געקרעכצט, גערופן עמעצן צו הילף — קיינער האָט מיר אָבער נישט געענטפערט. קיינער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט־אַך, ווי אָפט האָב איך מיר געווונטשן, אַז דער ים זאָל מיך פארשלינגען צוזאַמען מיט דער שיף און מיט אַלע מענטשן אויף איר!

צום גליק פאַר מיר, איז ביי מיר די ים־קראַנקהייט געווען אזוי שטאַרק, אַז זי האָט מער נישט געדויערט ווי א פּאָר מעת לעת. אַן אַלט שפּריכוואָרט זאָגט, אַז שטרענגע מושלים הערשן נישט לאַנג. אַזוי איז עס אויך געווען מיט דער ים־קראַנקהייט. ווען אַ חולאת קומט אָן פּלוצלונג און זייער שטאַרק, דויערט ער נישט לאַנג.

צומאָרגנס ביינאַכט האָב איך מיך געפילט אַ סך בעסער. איך האָב מיך אויפגעהייבן פון מיין געלעגער און בין געגאַנגען נאָך אַ ביסל וואַסער. ליידער, איז די טיר פון קיך געווען פאַרשלאָסן און אַלע מאַטראָזן, אויסער די וואַך, האָבן געשלאָפן. איך בין צוגעגאַנגען צו די מאַטראָזן, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, און געבעטן ביי זיי אַ ביסל וואַסער. זיי האָבן מיך אויסגעלאַכט.

איך האָב געמוזט צוריק קריכן אין מיין ווינקעלע און איבערליגן די נאַכט. צומאָרגנס האָט זיך אָנגעהייבן מיין אַרבעט און מיינע יסורים. דער קאַפּיטאַן האָט מיר געהייסן פוצן זיינע שטיוול, וואַשן זיינע וועש און רייניקן זיין קאַיוטע. דאָסזעלבע האָט מיר געהייסן טאָן דער ערשטער אָפיציר און אַלע אַנדערע, וואָס האָבן נאָר געהאַט אַ שטיקל דעה אויף דער שיף.

פיר מענטשן זענען געווען די עלטסטע אויף דער שיף. איך האָב מיך באַלד מיט זיי באַקענט און עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך בין שטאַרק באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר, וואָס איך בין אַנטלאָפן פון מיינע גוטע עלטערן.

דער שיפקאַפּיטאַן איז געווען א גראָבער ברוטאַלער מענטש. ער פלעגט זעלטן זיין ניכטער. איז ער געווען שיכור, האָט ער ממש דערמאָנט אין א ווילדער חיה; איז ער, ווידער, געווען ניכטער, האָט מען געזען, אַז דאָס איז אַ קאַלטבלוטיקער, באַדאַכטער רוצח.

איך בין איצט זיבנאונפערציק יאָר אַלט. איך האָב מיך אָנגעזען אין מיין לעבן געגוג שלעכטע מענטשן, אָבער אַזאַ ווילדן גראָבן ברוטאַלן כאַראַקטער האָב איך מער נישט געזען, און איך בעט טאַקע גאָט, איך זאָל עס אויך נישט זען.

דער ערשטער אָפיציר איז געווען נישט פיל בעסער פון זיין קאַפּיטאַן. דער אונטערשייד צווישן זיי איז באַשטאַנען דערין, וואָס דער ערשטער אָפיציער פלעגט ווייניק טרינקען. אַזוי ווי דער קאַ-פּיטאַן איז זעלטן געווען פעיק צו פירן די שיף, פלעגט עס טאָן דער ערשטער אָפיציער.

אויפן שיף איז נאָך געווען אַ צווייטער אָפיציר. דאָס איז אָבער געווען אַ שטילער, רויקער מענטש, וועלכער פלעגט זיך אין קיין זאַך נישט מישן, און ווען ער פלעגט הייסן עפּעס טאָן, פלעגט אים קיינער נישט פאָלגן. ער פלעגט זיך האַלטן ווייט פון אַלעמען און אַלע פלעגן זיך דערווייטערן פון אים.

דער אויפזעער פון דער שיף איז געווען אַן אַלטער מאַן מיט אַ רויטער נאָז און מיט אַ מיאוס געזיכט. נאָכן ערשטן אָפיציר איז ער געווען דער עלטסטער אויף דער שיף. אים פלעגן אַלע פאָלגן און ער פלעגט קאָמאַנדעווען מיט די מאַטראָזן, ווי אַ פּרייסישער אונטעראָפיציר מיט זיינע סאָלדאַטן. די מאַטראָזן פלעגן ציטערן פאַר אים.

תחילת האָב איך נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אַלע האָבן אַזוי מורא געהאַט פאַר אים. ערשט שפּעטער, ליידער, צו שפּעט, בין געוואָר געוואָרן, וואָס פאַר אַ ראָל ער האָט געשפּילט אויף דער שיף.

דער פערטער באַאַמטער אויפן שיף איז געווען דער קיכער. דאָס איז געווען אַ יונגער און קרעפטיקער נעגער. ער איז געווע. דער אַליינהערשער אין קיך און דער פאַרוואַלטער פון פּראָוויאַנטן ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, פּראָוויאַנטמייסטער פון דער שיף. די-

מאַטראָזן פלעגן זיך לעקן צו אים, ער זאָל זיי געבן אַ גלעזל ראָם, אָדער מער מיט אַ שטיקעלע פלייש.

איך מוז נאָך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די מאַטראָזן. איך האָב שוין דערציילט, אַז די שיף איז אַריינגעקומען אין אונדזער האַפן מיטן פלאַג פון בראַזיליע. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ בראַזילישע שיף און די מאַטראָזן דאַרפן רעדן פּאָרטוגעזיש. צו מיין גרעסטן חידוש אָבער, האָבן די מאַטראָזן גערעדט אַלע מעגלעכע שפּראַכן פון וועלט. מאַנכע האָבן געקנאַקט שפּאַניש, אַנדערע האָבן געהאַקט פראַנצויזיש, עס האָט געקלונגען דייטש, על פי רוב אָבער האָט מען גערעדט ענגליש.

אַלע זענען געווען ווילד, אויסגעלאַסן און ברוטאַל. אמת׳ צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען גוטע מענטשן, אָבער נאָר צוויי. דאָס בין איך געוואָר געוואָרן ערשט שפּעטער.

שטעלט אייך פאָר מיין לאַגע. איך בין אַנטלאָפן פון גוטע ערלעכע עלטערן, וועלכע האָבן מיך דערצויגן, געלערנט, און אָט פון אַזאַ ליבן נעסט בין איך מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ שוואַרצער קאַטאָרגע.

ערשט שפּעט, צו שפּעט בין איך געוואָר געוואָרן, אַז איך האָב מיך אַליין פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט. ווען דער שיפקאַפּיטאַן האָט מיך אויפגענומען, האָט ער מיר געגעבן אַ געדרוקטן בויגן פּאַפּיר, איך זאָל אים עפּעס אונטערשרייבן. איך האָב עס אַפילו נישט געלייענט און האָב אים אונטערגעשריבן. שפּעטער אָבער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז געווען אַ קאָנטראַקט אויף פינף יאָר. אויף גאַנצע פינף יאָר האָב איך מיך פאַרקויפט מיט לייב און זעל פאַר אַ קנעכט. אַזוי האָבן מיר שפּעטער געזאָגט דער שיפקאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר. איך האָב געמוזט זיי גלויבן, ווייל פאַר יעדער קלייניקייט האָט מען מיך געשלאָגן אָן רחמנות. האָב איך נאָר עפּעס געטאָן נישט אַזוי, ווי דער קאַפּיטאַן

האָט געוואָלט, האָט ער גענומען דעם עק פון א שטריק מיט א קנופּ אונטן און האָט מיך געשלאָגן, ווו ער האָט געטראָפן: אויף די פּלייצעס, אויפן רוקן, אויפן בויך, אויפן פּנים, איבער די הענט און פיס.

איך קען נישט דערציילן, וואָס איך האָב איבערגעליטן און וואָס איך בין אויסגעשטאַנען אויף דער שיף. וואָס דער שוואַרצער קיכער פלעגט מיר געבן, פלעג איך מוזן עסן. אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט קיין געלט און נישט געהאַט וואָס צו שענקען דעם בעגער, פלעגט ער מיר געבן צו עסן דווקא אַזעלכע זאכן, וועלכע מען האָט געדארפט אַרויסוואַרפן. א הונט וואָלט עס נישט געגעסן.

איך בין אַנטלאָפן פון מיינע עלטערן אין מיינע לייכטע זומער־מלבושים. איך האָב נישט געהאַט נישט קיין מאַטראַץ, נישט קיין האַמאַק, נישט קיין קאָלדרע, נישט עפּעס זיך אונטערצוּבעטן, גאָרנישט, גאָרנישט. דאָס ערגסטע אָבער איז געווען, וואָס איך האָב נישט געהאַט ווו צו שלאָפן.

די מאַטראָזן פלעגן שלאָפן אין פאָרקאַסל — די פאָדערשטע זייט פון דער שיף. יעדער האָט געהאַט א באַנק און פון אויבן איז געהאָנגען א האַמאַק. פאַר מיר איז אָבער קיין אָרט נישט געווען, ווו צו שלאָפן. אין פאָרקאַסל פלעגן די מאַטראָזן האַלטן זייערע קעסטלעך. יעדער מאַטראָז האָט געהאַט זיין אייגענעם קאַסטן. אַזוי ווי אויפן דעק פלעגט אַמאָל זיין זייער קאַלט ביי־נאַכט, פלעג איך אַריינגיין אין פאָרקאַסל און מיך צולייגן אויף די קאַסטנס פון די מאַטראָזן. זיי האָבן עס אָבער דערזען, האָבן זיי מיך געשלאָגן און אַרויסגעטריבן.

די פּאָדלאָגע אין פאָרקאַסל איז געווען זייער שמוציק, אויפן דעק אָבער פלעגט עפּטער זיין זייער קאַלט. פלעג איך מיך צולייגן אויף דער פּאָדלאָגע אין פאָרקאַסל, אַבי איך זאָל מיך כאָטש א ביסל אָנוואַרעמען. אָבער אויך דאָס האָט מען מיר נישט

דערלויבט. די מאַטראָזן האָבן מיך אַרויסגעיאָגט פון פּאַרקאַסל און האָבן מיר אָנגעזאָגט, אז זיי וועלן מיר צעברעכן די ביינער, ווען איך וועל מיך נאָכאַמאָל אַנידערלייגן לעבן זיי.

צו דעם אַלעם האָב איך נאָך נישט געהאַט קיין מינוט רו. איך האָב געמוזט אַרבעטן פון פינף אינדערפרי ביז אַכט, ניין אַ זייגער ביינאַכט. עס איז נישט געווען קיין שמוציקערע אַרבעט פון דער, וואָס איך האָב געמוזט טאָן. איך פלעג מוזן רייניקן, קראַצן, ראָמען, קערן און וואַשן אלע קאַיוטעס, און טיילמאָל פלעגט מיר פשוט קערן צו דער גאַל.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס איך פלעג מוזן באַדינען אפילו דעם נעגער. אויך ער פלעגט מיך שלאָגן אָן שום רחמנות ווען איך האָב עפּעס געטאָן נישט ווי ער האָט געוואָלט. ער פלעגט זייער אָפט מיך שלאָגן פון תענוג וועגן, ווייל ווו האָט ער נאָך געקענט האָבן אַ געלעגנהייט צו שלאָגן אַ ווייסן מענטשן?

איך ווייס אפילו זייער גוט, אַז אַ סך מאַטראָזן האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ שרעקלעכע שולע, ווען זייז ענען אָנגעקומען אויף אַ שיף. זיי האָבן אָבער אַלץ געדינט צווישן מענטשן. איך האָב מיך געפונען צווישן ווילדע חיות.

אַך, ווי שרעקלעך איך בין באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר, וואָס איך בין אַנטלאָפן פון מיינע עלטערן!

קאַפּיטל דריי.

און אַט אַזוי זענען פאַרגאַנגען אַ סך שווערע און טרויעריקע טעג. איך האָב אַלץ איבערגעטראָגן און האָב מיך פאַר קיינעם נישט געקלאָגט. פאַר וועמען זאָל איך מיך קלאָגן? ווער וועט מיך הערן? ווער וועט מיר ענטפערן? ווער עס האָט נאָר געקענט, האָט זיך באַדינט מיט מיר און האָט מיך געשלאָגן און געממיתט. איך בין געווען פאַרצווייפלט און האָב נישט איינמאָל געטראַכט, איך זאָל מיך אַריינוואַרפן אין וואַסער און זאָל מיט איינמאָל זיך ענדיקן מיין לעבן און מיינע יסורים. איך פלעג מיך אָבער שטאַרקן. איך פלעג מיר אַלץ קלערן: מיר וועלן דאָך אַמאָל צוקומען צו אַ האַפן־דאָרט געפינט זיך געוויס אַן ענגלישער קאָנסול. איך וועל מיך ווענדן צו אים, וועל אים דערציילן מיין געשיכטע און וועל אים בעטן, ער זאָל מיך אָפּשיקן אַהיים.

איינמאָל האָט מיר אַ צופאַל פאַרשאַפט אַ פריינט און אַ באַשיצער. אמת, ער האָט מיך נישט געקענט פאַרטיידיקן און באַשיצן קעגן דעם קאַפּיטאַן און דעם ערשטן אָפיציר. ער האָט מיך

אָבער באַשיצט און באַשירמט קעגן די גראָבקייטן און אכזריות פון די איבעריקע מאַטראָזן.

צווישן די מאַטראָזן איז געווען איינער מיטן נאָמען בען בראַס, אָדער בנימין בראַס. געווען איז ער איינער פון די בעסטע און פעיקסטע מאַטראָזן. אַליין יונג און שטאַרק, האָבן פאַר זיינע צוויי אייזערנע הענט געציטערט אַלע מאַטראָזן. דער שיפקאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר האָבן געוווּסט זיין ווערט. בען בראַס האָט געקענט פירן די שיף אַזוי ווי דער קאַפּיטאַן און ווי דער ערשטער אָפיציר.

ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, האָט בען בראַס אויך געליטן זייער פיל אין זיין לעבן. ער איז געווען אַ גוטער מענטש פון דער נאַטור, אָבער פאַרגרעבט און פאַרווילדעוועט צווישן די חיות, מיט וועלכע ער האָט געלעבט אין דער לעצטער צייט.

ווי קום איך אָבער צו בען בראַסן? ווי קומט עס, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען פאַר מיר? און ווי איז ער געוואָרן מיין פריינט און באַשיצער?

איך האָב שוין דערציילט, אַז די מאַטראָזן אויף דער שיף האָבן גערעדט אַלע מעגלעכע שפּראַכן. זיי זענען טאַקע על פי רוב געווען אַנטלאָפענע פאַרברעכער, גזלנים און רוצחים פון אַלע לענדער פון דער וועלט. זיי זענען געווען דער אויסוואורף און דער אָפּשוים פון דער גאנצער וועלט.

בען בראַס איז געווען אַ האָלענדער. אויפן שיף איז אָבער געווען נאָך אַ מאַטראָז, אַ פראַנצויז, לע־גראָ*). דאָס איז געווען אַ הויכער יונג פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק מיט אַ ווילד פנים און ווילדע אייגנשאַפטן. אין אָט דעם מענטשן זענען געווען פאַראייניקט אַלע שלעכטע אייגנשאַפטן פון אַלע מאַטראָזן צוזאַמען.

---

*) לע־גראָ — דער דיקער.

ער איז געווען דער ערגסטער פון זיי אַלע, דערפאַר איז ער אָבער געווען אַ גוטער מאַטראָז, נישט ערגער פון בען בראַסן.

ווען מען זאָל געווען פרעגן דעם שיפקאַפּיטאַן, ווער עס איז אַ בעסערער מאַטראָז: בען בראַס, צי לע-גראָ, וואָלט ער זיכער נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. זיי זענען ביידע געווען גוטע מאַטראָזן. דערפאַר אָבער זענען זיי געווען דם-שונאים צווישן זיך. יעדער פון זיי האָט געוואָלט זיין דער ערשטער. יעדער האָט זיך געהאַלטן מאַרן בעסטן און פעיקסטן מענטשן אויפן שיף.

לע-גראָ פלעגט מיך כסדר פייניקן און באַליידיקן. איינמאָל האָט ער מיר געהייסן אויסוואַשן זיינע העמדער. איך האָב עס געטאָן, ווי איך האָב געקענט. אים איז אָבער מיין אַרבעט נישט געפעלן. האָט ער אָנגעהייבן מיך צו שלאָגן און האָט מיר געגעבן אַזאַ זעץ אין פנים, אַז עס האָט אָנגעהייבן פלייצן בלוט פון נאָז און מויל.

אין דער מינוט איז אָנגעקומען בען בראַס. ער האָט דערזען, ווי איך שטיי אַ פאַרבלוטיקטער, און עס האָט אים, קענטיק פאַרקלעמט ביים האַרצן. אין אים האָט זיך אויפגעכאַפּט דאָס מענטשלעכע געפיל. אין אים האָט אויפגעפלאַקערט אַ פונק פון מיטלייד און רחמנות... ער איז צוגעלאָפן צום מאַטראָז לע-גראָ און האָט אים געגעבן אַ טאַראַבענץ אין פלייצע, אַזוי, אַז לע-גראָ האָט זיך איבערגעקערט און איז אומגעפאַלן. ער איז אָבער באַלד אויפגעשפרונגען און האָט צעבויפגעלייגט די הענט אין שטאַרקע פויסטן.

בען בראַס האָט זיך פאַר אים נישט איבערגעשראָקן. ער האָט אויך אויסגעשטעלט זיינע שטאַרקע הענט.

אַלע מאַטראָזן זענען זיך צונויפגעלאָפן און האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום ביידע קעגנער.

„שלאָגן! פייטן! „מזיקן!" — האָט מען געשריִען פון אַלע זייטן.

בען בראַס און לע־גראַ האָבן זיך געשטעלט איינער קעגן דעם אַנדערן און האָבן זיך צוגעגרייט צו אַ פויסטקאַמף. ווי טרויעריק און דערשלאָגן איך בין געווען, האָב איך דאָך באַמערקט, אַז קיינער מישט זיך נישט אין דעמדאַזיקן געראַנגל. קיינער וויל אים נישט שטערן. אפילו די עלטסטע פון דער שיף: דער קאַפּי־טאַן,ביידע אָפיצירן, דער שוואַרצער קיכער און די אַנדערע, וועלכע זענען געווען געוויינט, מען וויל זיך שלאָגן, זענען אויך געקומען צו לויפן. זיי זענען געשטאַנען רויק און האָבן געקוקט אויף די צוויי ווילדע מאַטראָזן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי צוויי צערייצטע טיגערס.

דאָס געשלעג האָט זיך באַלד אָנגעהייבן. לע־גראַ איז אפשר געווען שטאַרקער פון בען בראַסן. דערפאַר אָבער איז בען בראַס געווען פלינקער און געשיקטער. ער איז געווען אַ באָקסער א שלעגער, אַ געלערנטער און געאיבטער ביינברעכער. אין איין־מינוט אַרום איז לע־גראַ געווען צעשלאָגן, ווי אַ ווייניקער עפּל, און אַרום זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן צוויי גרויסע, שוואַרצע רעדער. צולעצט אָבער האָט אים בען בראַס דערלאַנגט אַ טאַראַבעניץ אין בויך. דער פראַנצויז איז אומגעפאַלן, ווי אַ בוים, וועלכן מען האָט אונטערגעזעגט.

„נא דיר, פראַנצויזישער כלב!" — האָט בען בראַס געשריִען.. — „דו וועסט מיך שוין געדענקען! וועסטו נאָכאַמאָל שלאָגן אָט דאָס ייִנגל, וועסטו נאָכמער קריגן..."

בען בראַס האָט זיך דאַן געווענדעט צו אַלע מאַטראָזן, האָט זיי געוויזן אויף מיר און געזאָגט:

„איך וואָרן אייך אַלעמען, איר זאָלט נישט אָנרירן דעמ־דאָזיקן אומגליקלעכן יונג. ער איז נאָך אַ קינד. ווער עס וועט

אויף אים אַרויפלייגן אַ פינגער, דעם וועל איך ווייזן, ווער עס איז עלטער.״

מיט די ווערטער איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן שטריקלייטער פון אַ זעגלבוים, גלייך ווי ער האָט געוואָלט זען פון דער הויך, צי זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אַן איינדרוק אויף די מענטשן.

לע־גראָ איז געווען קראַנק עטלעכע טעג. זיין שטאַרקע נאַטור האָט אָבער אויסגעהאַלטן, און ער איז באַלד געזונט געוואָרן.

פון דער צייט אָן האָט קיינער פון די מאַטראָזן זיך נישט דערוועגט מיך אָנצורירן. ווען איך פלעג באַגעגענען לע־גראָן, פלעגט ער מיך אָנקוקן מיט אַ בייזן, ווילדן בליק, פונקט ווי ער וואָלט מיך געוואָלט איינשלינגען. ער פלעגט אָבער באַלד אַוועקגיין. בען בראַס האָט אים געגעבן אַ גוטע לעקציע, די איבעריקע מאַטראָזן האָבן מיך אויך געלאָזט צו רו.

מיינט אָבער נישט, אַז מיין לאַגע איז דורכדעם געוואָרן פיל בעסער. דער קאַפּיטאַן, דער ערשטער אָפיציר און דער אויפזעער פלעגן מיך כסדר שלאָגן און באַליידיקן, ווי פריער. איך האָב נאָך געאַרבעט שווער און ביטער. די מאַטראָזן אָבער האָבן אויפגעהערט מיך צו שלאָגן און צו מאַטערן. איך האָב טאַקע פרייער אָפּגעצויגן דעם אָטעם. לאָמיר אָבער דערציילן כסדר.

ווי האָט געהייסן די שיף, אויף וועלכער איך האָב אַזויפיל געליטן? דאָס וועט איר געוויס וועלן וויסן. ליידער אָבער איז עס פאַר מיר אויך געווען אַ סוד. ווען די שיף איז אָנגעקומען אין האַפן׳ האָב איך איבערגעלייענט אויף אירע ווענט דעם נאָמען „דאָם פעדראָ״׳ שפּעטער, ווען מיר זענען געווען אין דער מיט פונם גרויסן וועלטאָקעאַן, איז דער נאָמען „דאָם פעדראָ״ פאַרשוווּנדן געוואָרן און אנשטאָט אים האָט זיך באַוויזן דער נאָמען „ראַפּינאַ״. מיך האָט

עס נישט אינטערעסירט. אַזוי ווי איך האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס עס האָט געהייסן „דאָס פעדראָ“, אַזוי האָב איך נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס עס הייסט איצט „ראַפינאַ“. איך האָב אויך נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מען האָט דער שיף פּלוצלונג געגעבן אַן אַנדער נאָמען.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן. איך האָב געזען, אַז אויף דער „ראַפינאַ“ געפינען זיך עטלעכע און זעכציק מאַטראָזן. איך בין געווען זייער יונג און האָב נישט געוווּסט, וויפל מאַטראָזן דאַרפן זיך געפינען אויף אַזאַ שיף, ווי די „ראַפינאַ“.

דאָס אָבער האָב איך באַלד באַמערקט: די גרעסטע העלפט מאַטראָזן איז געזעסן ליידיק. זיי האָבן גאָר קיין אַרבעט נישט געהאַט. עס פלעגן אַרבעטן אַ צען, פופצן מאַן יעדן טאָג. די איבעריקע פלעגן עסן, טרינקען, שלאָפן, שפּילן אין קאָרטן, אַרומקריגן זיך און זייער אָפט זיך שלאָגן.

„צו וואָס דאַרף מען אַזויפיל מאַטראָזן?“ — פלעג איך זייער אָפט זיך פרעגן. — „אמת, דער קאַפּיטאַן איז מער שיכור, ווי ניכטער. אַזויפיל דאַרף ער אָבער דאָך פאַרשטיין, אַז די איבעריקע מאַטראָזן קאָסטן אים דאָך זייער טייער“.

דאַן האָב איך ווידער באַמערקט, אַז די מאַטראָזן פרעסן און זויפן און זענען אַלע טאָג שיכור. ווי יונג איך בין געווען, האָב איך דאָך געוווּסט, אַז מאַטראָזן אויף אַ שיף טאָרן נישט טרינקען אַן איבעריק גלעזל. זיי טאָרן נישט זיין שיכור. די זיכערקייט פון דער שיף פאָדערט עס, אַז אַלע זאָלן זיין ניכטער. ווי קומט עס, פרעגט זיך דעריבער, וואָס די מאַטראָזן פון דער „ראַפינאַ“ זענען טויט שיכור גאַנצע טעג און קיינער זאָגט זיי נישט אַ וואָרט?

איך האָב ווייטער באַמערקט, אַז די מאַטראָזן קימערן זיך זייער ווייניק וועגן שיפקאַפּיטאַן. נישט אַלע פאָלגן אים. איך האָב

געוווסט, אַז יעדער קאַפּיטאַן איז אויף זיין שיף אַ קיסער. אַלע זיינע באַפעלן מוזן אויסגעפירט ווערן פּינקטלעך און ווי מעגלעך שנעל. דאָס לעבן פון אַלעמען און דער גורל פון דער גאַנצער שיף הענגט אַמאָל אָפּ פון דער אויספירונג פון דעם קאַפּיטאַנס באַפעל. אויף דער „ראַפּינאַ" אָבער האָט יעדער געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט. נאָר אין אַ גרויסער געפאַר, אין דער צייט פון אַ שטורעם, פלעגן די מאַטראָזן זיך צוהערן צו דעם קאַפּיטאַנס באַפעלן. אָבער אויך דעמאָלט פלעגן זיי עס טאָן נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואָלט ראַטעווען זייער אייגן לעבן.

אויף אָט די אַלע פראַגן האָב איך אָבער נישט געפונען קיין ענטפער און איך האָב נישט געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדן נאָך אַ דערקלערונג.

זינט בען בראַס האָט זיך אָנגענומען פאַר מיר, האָט זיך מיין לאַגע שטאַרק פאַרבעסערט. מען האָט מיר אָנגעהייבן צו געבן אַ פּאָרציע עסן גלייך מיט אַלע מאַטראָזן. מען פלעגט מיך שוין לאָזן שלאָפן אין פאָרקאַסל. מען האָט מיר אַפילו דערלויבט צו לייגן זיך אויף אַ קאַסטן. דאָס איז שוין געווען אַ גליק פאַר מיר.

ווען עס גייט אַ מענטשן גוט, גייט עס פון אַלע זייטן. איינער פון בען בראַס גוטע פריינט האָט מיר געשענקט אַן אַלטע קאָלדרע. איר קענט אייך לייכט פאָרשטעלן, ווי גליקלעך איך בין געווען, ווען איך האָב געהאַט וואָס זיך אונטערצובעטן און מיט וואָס זיך צוצודעקן.

בען בראַס האָט מיר געשענקט אַ מאַטראָזנמעסער. דאָס איז אויך געווען זייער אַ ביישיקע זאַך אויף אַ שיף. אַן אַנדער מאַטראָז האָט מיר געשענקט אַן אַלט העמד. איך האָב אייך שוין דערציילט, אַז איך בין אַנטלאָפן פון דערהיים אין מיינע זומערדיקע מלבושים. איך האָב געהאַט נאָר דאָס העמד, אין וועלכן איך בין אַנטלאָפן. דאָס העמד איז סוף כל סוף צעפאַלן געוואָרן אויף מיר.

איך פלעג צונויפבינדן, צונויפקניפן די שטיקער, אבי איך זאָל נישט גיין אדם-נאַקעט. צולעצט אָבער איז דאָס העמד אַזוי צעפאַלן, אַז איך האָב עס געמוזט אַוועקוואַרפן.

איצט קענט איר פאַרשטיין, ווי דאַנקבאַר איך בין געווען דעם מאַטראָז, וועלכער האָט מיר געשענקט אַ העמד. עס איז אפילו נישט געווען קיין באַטיסט העמד, אָבער דאָך אַ חעמד, וואָס האָט פאַרדעקט מיין צעשלאָגענעם אויסגעמוטשעטן גוף.

אַנדערע מאַטראָזן האָבן מיר געשענקט קליינינקייטן. באַזונדערס דאַנקבאַר בין איך געווען איינעם, וועלכער האָט מיר געשענקט אַ מאַטראָזמאַנטל, וואָס לאָזט נישט דורך קיין נעץ. ביז אַהער, אַז עס פלעג טרעגענען, אָדער ווען דער ים איז געווען אומרויק און פלעגט שפריצן זיינע געזאַלצענע וואַסערן אויפן דעק, פלעג איך דורכגענעצט ווערן ביז די ביינער. אויף מיין לייב האָבן זיך געוויזן קרעצלעך און ווונדן. איצט האָב איך שוין געקענט שטאָלצירן מיט מיין געלן מאַטראָזמאַנטל. איך האָב שוין קיין מורא נישט געהאַט פאַרן זאַלציקן וואַסער פונם ים.

מיינט אָבער נישט, אַז מיר איז געווען צו גוט. איך פלעג אַרבעטן איבער די כוחות, ווי פריער, און דער שיפקאַפיטאַן, דער ערשטער אָפיציר, דער אויפזעער מיטן קיכער, דעם נעגער, פלעגן מיך שלאָגן אָן רחמנות. דער אונטערשייד איז נאָר געווען, וואָס זייט בען בראַס האָט זיך אָנגענומען פאַר מיר, האָב איך געהאַט ווו צו שלאָפן און פלעג שוין מער נישט ליידן קיין הונגער.

איך קען מיך אייגנטלעך דערויף נישט באַקלאָגן, ווייל אזוי איז שוין איינגעפירט אויף אַלע שיפן. דעם יונג אָדער דעם נייעם מאַטראָז באַהאַנדלט מען על פי רוב זייער שלעכט. די יונגע מאַטראָזן אויף די ענגלישע קריגסשיפן שטייען אויס דעם אמתן גיהנם. איך האָב עס אָבער דעמאָלט נישט געוווסט. איך בין נישט געווען באַקאַנט מיט די טראַדיציעס און מנהגים פון אַ שיף.

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל גערעדט מיטן שיפקאַפּיטאַן פֿון דער „ראַפּינאַ", האָב איך אים געבעטן, מען זאָל מיך לערנען צו זיין אַ מאַטראָז. איך האָב געוואָלט וויסן, ווי יעדע זאַך הייסט און צו וואָס זי ווערט געברויכט.

דער קאַפּיטאַן האָט עס מיר צוגעזאָגט, אָבער ער האָט זיין וואָרט נישט געהאַלטן. איך בין געווען זעקס וואָכן אויף דער „ראַפּינאַ" און האָב נישט אָנגעהייבן צו וויסן, צו וואָס מען דאַרף דאָס קלענסטע שטריקל. איך האָב געהערט, ווי מען הייסט אַ מאַטראָז אַרויפקריכן אויפן פּאָקמאַסט, אָבער איך האָב נישט געוווּסט, וואָסער זעגלבוים הייסט פּאָקמאַסט, און וואָס דאַרף מען דאָרט צו רעכט מאַכן.

איך האָב מיך אויסגעלערנט עטלעכע ווערטער פֿון דער שיף - טערמינאָלאָגיע און מער האָב איך נישט געוווּסט. דאָס פֿלעגט מיך אָפּט זייער קרענקען. ווען איך בין אויף אַ שיף און ווען איך לייד שוין אַזויפיל, לאָמיך ווייניקסטנס עפּעס לערנען, לאָמיך ווייניקסטנס עפּעס קענען.

ליידער, האָב איך נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדן וועגן דעם. דער קאַפּיטאַן וואָלט מיך זיכער געשלאָגן מכּות רצח, ווען איך וואָלט אים געזאָגט אַ וואָרט. איך האָב דעריבער געמוזט שווייגן. איך האָב אפילו געקענט פרעגן בען בראַסן אָדער אַן אַנדער מאַטראָז. איך האָב אָבער געהאַט ווייניק צייט דערצו און נישט אַלעמאָל זענען זיי געווען געשטימט מיר צו ענטפֿערן.

איינע פֿון די שווערסטע אַרבעטן פֿאַר אַ מאַטראָז איז דאָס קלעטערן אויף די שטריקלייטערס אויף די זעגלביימער. דערצו מוז מען זיך צוגעוווינען. ווען מען קריכט אַרויף גאַנץ הויך אויפן זעגלבוים צום ערשטן מאָל, פֿאַרדרייט זיך תיכּף דער קאָפּ און עס הייבט אָן צו שווינדלען פֿאַר די אויגן. אַרויפקלעטערן ביזן

שפּיץ פונם זעגלבוים איז אַ שטיק אַרבעט, וועלכע נישט יעדער מאַטראָז קען עס באַווייזן.

איך האָב עס זייער גוט געוווּסט און האָב מיך געוואָלט עפּעס לערנען. יעדעס מאָל, ווען איך האָב נאָר געהאַט אַ פרייע מינוט׳ פלעג איך ארויפקלעטערן אויף די שטריקלייטערס.

איך מוז דאָ זאָגן אַ פּאָר ווערטער איבער דעם בנין פון אַ זעגלשיף. איך האַלט, אַז דאָס וועט בעסער אויפקלערן די זאַך.

יעדע גרויסע זעגלשיף האָט דריי זעגלביימער (מאַסטן)׳ דער זעגלבוים פון פאָרנט — די נאָז פון דער שיף, הייסט פאָק מאַסט. דער זעגלבוים אין דער מיט פון דעם שיף הייסט גרויסמאַסט. דאָס איז אייגנטלעך דער הויפּטזעגל פונם שיף. ער האַלט אויף די גאַנצע שיף און זיינע זעגל געוועלטיקן איבערן גאַנצן שיף - בנין. דער דריטער זעגלבוים הייסט אָפטמאַסט. פון איין זעגלבוים צום אַנדערן ציט זיך אַ דראָטענער שטריק.

דער „גרויסמאַסט" אָדער דער מיטעלסטער זעגלבוים באַשטייט געוויינלעך פון דריי פאַרשידענע שטיקער, פון דריי פאַרשידענע חלקים. יעדער חלק האָט אַ באַזונדער נאָמען. ווען דער ערשטער טייל ענדיקט זיך, געפינט זיך דאָרט אַ קיילעכדיק אָדער האַלב קיילעכדיק בריקל, אָדער אַ סאָרט דעכל. פון אָט דעם בריקל הייבט זיך אָן דער צווייטער טייל פונם זעגלבוים.

די שטריקלייטערס ציען זיך געוויינלעך נאָר ביז דעם צווייטן חלק פונם זעגלבוים. פון דעם צווייטן חלק ביזן דריטן, דאָס הייסט ביזן שפּיץ פונם זעגלבוים ציען זיך נאָר עטלעכע שטריק. אויבן׳ אויפן קנופּ פונם זעגלבוים געפינט זיך דער דראָטשטריק, וועלכער האַלט צוזאַמען אַלע דריי זעגלביימער.

דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב געהאַט אַ ביסל צייט, האָב איך אַרויפגעקלעטערט אויפן ערשטן זעגלבוים ביז צום בריקל, אָדער „וויגעלע", ווי די מאַטראָזן רופן עס. פון קינדווייז

אָן פלעג איך וועלן זיין אויף דעמדאזיקן בריקל און פּוּ־
דאָרטן, פון דערהויך באַטראַכטן דעם ים. איך פלעג מיר פאָרשטעלן,
אַז עס קען נישט זיין קיין גרעסערער תענוג, ווי צו זיצן דאָרט
אין דערהויך און אַראָפּקוקן אויפן ים, אויף דער שיף און די
מאַטראָזן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיין ערשטע אַרבעט, דאָס הייסט
מיין ערשטער תענוג אויף דער „ראַפּינאַ" איז געווען אַרויפצו־
קלעטערן אויפן גרויסמאַסט און זיך אַנידערזעצן אויפן בריקל. איך
האָב באַלד פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די מאַטראָזן רופן עס „וויגעלע".
דאָס בריקל שאָקלט און וויגט זיך, ווי אַ גוט ווייך וויגעלע. עס
איז באמת א וויגעלע און עס איז ווירקלעך א פאַרגעניגן דאָרט צו
זיצן און קוקן אויפן רוישיקן באַוועגלעכן ים.

די איינציקע פרייע צייט, וואָס איך האָב געהאַט, פלעגט
זיין פאַרנאַכט אָדער זונטיק נאָכמיטאָג. קוים האָב איך איין מאָל
פאַרזוכט דעם תענוג צו זיצן אַ פּאָר מינוט אין „וויגעלע", האָט
עס מיך שוין געצויגן אַהין, ווי אַ מאַגנעט. פלעג איך נאָר האָבן
אַ פרייע מינוט, פלעג איך אַרויפקלעטערן אויפן גרויסמאַסט און
פלעג מיך אַנידערזעצן אין „וויגעלע".

דאָרט פלעג איך מיך דערמאָנען אָן מיינע עלטערן
אָן מיינע ברידער און שוועסטער; דאָרט פלעג איך טראַכטן,
ווי אַזוי צו אַנטלויפן פון דער „ראַפּינאַ"; דאָרט פלעג
איך מיר אויסוויינען מיין ביטער הארץ און צומאָל אויך דאָרט
איינשלאָפן...

איך שעם מיך נישט צו זאָגן, אַז איך פלעג אומישנע קומען
אַהין זיך אויסצורוען אַ ביסל פון מיין שווערער און, געוויינלעך,
זייער שמוציקער אַרבעט.

אין דער אַכטער וואָך פון אונדזער נסיעה, אין עפּעס אַ
זונטיק נאָכמיטאָג, האָב איך מיך ווידער באַנוצט מיט דער געלעגנ־

הייט אַרויפצוקריכן אויף מיין „וויגעלע". דאָס וועטער איז געווען זייער שיין. די זון האָט געברענט אויפן דעק. דער איז ים געווען גלאַט, ווי אַ שפּיגל און רויק.

דער קאַפּיטאַן איז געווען שיכור, ווי געוויינלעך. די מאַטראָזן האָבן נישט געהאַט וואָס צו טאָן און האָבן געשפּילט אין קאָרטן. דער ערשטער אָפיציר האָט זיך געלייגט שלאָפן. קיינער האָט מיך נישט געדאַרפט.

איך בין אַרויפגעקראָכן אויפן זעגלבוים, האָב מיך אַנידערגעזעצט אין „וויגעלע" און האָב זיך פאַרטראַכט. דאָסמאָל האָט זיך עס געוויגט אַזוי שטיל און אַזוי אָנגענעם, אַז איך בין באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווי לאַנג איך האָב געשלאָפן, האָב איך נישט געקענט וויסן. איך בין געשלאָפן געשמאַק און האָב געזען אין חלום טאַטע - מאַמע, ברידער און שוועסטער. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך בין ווידער ביי זיי, רעד מיט זיי און פריי מיך מיט זיי.

פּלוצלונג האָב איך אָבער דערפילט אַ שטאַרקן זעץ איבער די פיס. איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, בין מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען און האָב דערזען לעבן מיר דעם מאַטראָז לע - גראָ מיט אַ שטריק אין דער האַנט.

ער האָט אויפגעהייבן דעם שטריק, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ דיקן קנופּ און האָט מיר געוואָלט געבן נאָך אַ זעץ איבער די נאַקעטע פיס. וועלנדיק אויסמיידן דעם צווייטן קלאַפּ, האָב איך אָנגעהייבן צו קלעטערן העכער. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מיטל זיך צו ראַטעווען פון זיין אכזריות.

איך מוז דאָ באַמערקן, אַז אַ זעץ מיט אַ פאַרקניפּטן עק פון אַ שטריק, באַזונדערס פון אַ שיפשטריק, טוט שרעקלעך וויי. ווען מען גיט אַ שטאַרקן זעץ מיט אַזאַ שטריק אויף דער נאַקעטער פּלייצע, שפּריצט אָפט אַרויס בלוט פון דער פּלייצע. די שטריק

אויף אַ שיף זענען על פּי רוב פאַרגאַסן מיט פּעך. זיי זענען האַרט ווי אייזן און פּרעסן זיך איין אין מענטשלעכן לייב, ווי מיט מעסערס.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן, ווי איך האָב געציטערט פאַר אַזאַ שטריק. אַרויפגעקלעטערט אַ ביסל העכער, האָב איך מיך אומגעקוקט.

מיר איז געווען אַ ווּנדער, וואָס לע - גראַ דערוועגט זיך מיך צו שלאָגן. בען - בראַס האָט דאָך אים אָנגעזאָגט, ער זאָל מיך נישט אָנרירן. און בען - בראַסן מוז מען פאָלגן. ווי קומט עס וואָס ער האָט פּלוצלונג אָנגעהייבן מיך ווידער צו שלאָגן? ווי קומט עס, וואָס ער האָט קיין מורא נישט פאַר מיין באַשיצער? איך מוז שרייען. בען בראַס וועט מיך דערהערן און וועט מיך נאָכאַמאָל באַפרייען פון דערדאָזיקער חיה.

איך האָב אַראָפּגעקוקט אויפן דעק און האָב געוואָלט אַ גע-שריי טאָן:

„בראַס! בען - בראַס!"

אָבער מיין שמימע איז מיר דערשטיקט געוואָרן אין האַלדז, ווען איך האָב דערזען אויפן דעק דעם קאַפּיטאַן און זיין ערשטן אָפיציר. איך האָב געזען, ווי זיי קוקן אויף מיר און דאָס בלוט איז מיר פאַרקילט געוואָרן אין די אָדערן.

איצט האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען. לע - גראַ וואָלט מורא געהאַט מיך צו שלאָגן, ווען דער קאַפּיטאַן וואָלט עס אים נישט געווען הייסן.

„אָך, עס איז שלעכט!" — האָב איך מיך געטראַכט. — „לע - גראַ וועט זיך נוקם זיין פאַר די קלעפּ, וואָס ער האָט באַ-קומען פון בען בראַסן".

אַזוי ווי איך האָב געוווּסט, אַז לע - גראַ איז זייער שטאַרק און ער קען מיך ממש טויטן אויפן אָרט, האָב איך געזוכט מיך צו

ראטעווען, ווי איך האָב געקענט. דאָס בעסטע מיטל איז מאַכן פליטה. אָבער וווהין אַנטלויפט מען? אינדערהויך?

פלוצלונג האָב איך דערהערט אַ געשריי פון אונטן:

„שלאָג דעם פוילן יונג! ממית אים, מיטן שטריק, לע-גראַ! מזיק אים, דעם קליינעם כלב! ער האָט זיך גאָר געלייגט שלאָפן אינמיטן טאָג!"

דאָס האָט געשריען דער ערשטער אָפיציר. לע-גראַ האָט אים געפאָלגט. ער האָט אויפגעהייבן דעם האַרטן, שטייפן שטריק און האָט אָנגעהייבן צו שלאָגן אויף מיינע נאַקעטע פיס.

עס איז מיר שווער צו רעדן וועגן די יסורים פון די שמיץ. יעדער זעץ מיטן שטריק, וואָס לע-גראַ האָט געגעבן, איז מיר געפאַלן אויפן לייב, ווי אַ הייס-אָנגעבריענט אייזן...

„טרייב אים אַרויף צום שפּיץ פונם זעגלבוים!" — האָט געשריען דער קאַפּיטאַן. — „לערן אים צו ווערן אַ מאַטראָז! טרייב אים, לע-גראַ!"

דערביי האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ ווילד געלעכטער פון אַ פּיאַק...

לע-גראַ האָט אים געפאָלגט און האָט מיך אָנגעהייבן צו טרייבן אינדערהויך.

אַזוי, ווי ער איז געווען אַ געשיקטער מאַטראָז, האָט ער געקלעטערט אויף די שטריקלייטערס שנעלער פון מיר. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַן אויסטערלישער יאַגד. לע-גראַ האָט געהאַלטן אין איין האַנט דעם שטריק און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער געקלעטערט נאָך מיר אויף די שטריקלייטערס.

„אַרויף העכער!" — האָט ער געשריען, ווי אַ חיה. — „גיי אַרויף! לויף צום שפּיץ! אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין!"

לע-גראַ האָט מיך געיאָגט, ווי אַ צערייצטע חיה.

קאַפּיטל פיר

תחילת האָב איך געקלעטערט גאַנץ שנעל.

דאָס האָט אָבער געדויערט נישט לאַנג. ערשטנס, בין איך דאָך נישט געווען געוויינט צו קלעטערן אויף די שטריק פון אַ זעגלבוים. צווייטנס, האָב איך אויך מער נישט געקענט. ווער עס האָט גוט באַטראַכט אַ זעגלשיף, דער האָט געוויס באַמערקט, אַז דער שטריקלייטער גייט העכסטנס ביז צום צווייטן טייל פון דעם הויפּטמאַסט, אָדער גרויסמאַסט. העכער גייט נאָר אַ דינער שטריק פון דראָט.

בין איך אָבער געקומען צו דעם אָרט, ווו דער שטריקלייטער האָט זיך געענדיקט, האָב איך געמוזט בלייבן שטיין אַ פּאָר מינוט. אַפילו אַן אַלטער מאַטראָז קען נישט אַזוי לייכט אַריבערשפּרינגען פון דעם שטריקלייטער אויפן שטריק, בפרט נאָך פאַר מיר, אַ קינד, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געפּרוווט אַרויפקלעטערן אויף אַ הויכן בוים.

איך האָב מיך געמוזט אויסרוען. איך האָט געמוזט בלייבן שטיין, איידער איך האָב מיך אָנגעכאַפּט אָן שטריק. איך האָב גע־מוזט מיך פאַרהאַלטן רויק אייניקע מינוט. לע־גראָ האָט אָבער עס נישט געמוזט. ער האָט געהאַלטן דעם שטריק אין די הענט און האָט אָנגעהייבן שמייסן. ווי אַ רעגן זענען געפאַלן זיינע קלעפּ אויף מיין נאַקעטן גוף. יעדער זעץ מיטן שטריק האָט אַרויסגע־ריסן פון מיין לייב אַ שטיק פלייש.

איך האָב געמוזט אַנטלויפן, אַריבערשפּרינגען און מיך אָנ־כאַפּן אָן שטריק. איך האָב מיך געמוזט ראַטעווען. איך בין איצט געהאָנגען אין דער לופט. מיטביידע הענט האָב איך אַרומגעכאַפּט דעם שטריק און געקלעטערט, ווי ווייט מיינע כוחות האָבן מיר געקלעקט.

ווילאַנג אָבער קענען אויסהאַלטן די כוחות פון אַזאַ יינגל, ווי איך? איך בין מיד געוואָרן. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן דעק. די מענטשן האָבן אויסגעוויזן, ווי פליגן, די שיף אליין האָט מיר אויסגעוויזן, ווי אַ גרויס פאַס. ווער עס איז קיינמאָל נישט געווען אויפן שפּיץ פון אַ זעגלבוים, דער קאָן גאָר קיין באַגריף נישט האָבן, וואָס פאַר אַ בילדער מען האָט פון אויבן. דער מענטש הייבט ערשט אָן צו פילן, ווי קליין ער איז.

איך האָב אָבער קיין צייט נישט געהאַט לאַנג צו טראַכטן. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך אַרויפגעקלעטערט אַזוי הויך; צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן בין איך געווען אַזוי איבערראַשט פונעם גרויסן וועלט־ים, אָבער אונטער מיר איז געשטאַנען לע־גראָ מיט דעם שטריק אין דער האַנט.

איך האָב געמוזט ווייטער קלעטערן. איך האָב געמוזט קריכן העכער און העכער. מיינע הענט זענען געווען צעקראַצט און צע־בלוטיקט פון דעם אייזערנעם שטריק. מיינע פיס זענען געווען צעמזיקט און צעבלוטיקט. איך האָב מיך מער נישט געקענט האַלטן.

דער קאָפּ האָט מיר אָנגעהייבן צו שווינדלען. עס איז מיר געוואָרן פינסטער אין די אויגן. דער אָטעם האָט זיך פאַרהאַקט.

„ווייטער! העכער! טרייב אים ווייטער!" — האָט ווילד געשריען דער קאַפּיטאַן. — „לערן אים אויס, לע-גראַ!"

פלוצלונג אָבער האָט גענומען קלינגען אַן אַנדער שטימע:

„האַלט! שמייס נישט! ער איז אין געפאַר! ער קען נאָך אַראָפּפאַלן!"

דידאָזיקע שטימע אָבער האָב איך קוים, קוים געהערט. איך האָב געוואָלט קריכן ווייטער, האָב איך מיך א שאָקל געטאָן, זיך אויסגעגליטשט און בין אַראָפּגעפאַלן.

איך געדענק נישט גענוי דעם פאַל פון דער הויך. עס איז געשען פלוצלונג, מיטאמאָל, אומגעריכט. ווען איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך געזען, אז איך ליג אין וואַסער.

שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אז איך בין אַראָפּגעפאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ. ווען איך וואָלט געווען פאַלן אויפן דעק פונם שיף, וואָלט פון מיין געביין קיין זכר נישט געבליבן. צו מיין גליק, האָט זיך פריער אויפגעהייבן אַ שטאַרקער ווינט און האָט אָנגעבלאָזן די זעגל. איך בין אַרויפגעפאַלן אויפן גרויסן זעגל. דאָס האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן. פונם זעגל האָב איך מיך אַראָפּגעקייקלט אין ים אַריין מיט די פיס אַראָפּ.

עס איז באַקאַנט אין דער וויסנשאַפט, אז ווען איינער פאַלט אַריין אין וואַסער מיטן קאָפּ אַראָפּ, קען ער דערהרגעט ווערן. ער קען זיך צעברעכן דעם קאָפּ אָן דער מאַסע פון וואַסער. ווען מען פאַלט אָבער אַראָפּ מיט די פיס אַראָפּ, בלייבט מען דאָך לעבן.

וואָס ס'איז ווייטער מיט מיר געשען, ווייס איך נישט. ווען איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך געזען, אז איך ליג אין וואַסער און אַ שטאַרקע האַנט האַלט מיך. איך האָב מיך אַרומגע-

קוקט און האָב דערזען דאָס ערנסטע און כריינטלעכע געזיכט פון בען בראַס.

„צו וואָס האָט איר מיך געראַטעוועט, בען?"—האָב איך אים געפרעגט. — „לאָזט מיך בעסער שטאַרבן! לאָזט מיך אַראָפּ אין ים, בען?"

„האַלט דיך פעסט אָן מיר!" — האָט ער מיר געענטפערט.

איך בין געווען אַ גוטער שווימער. פון זיבן — אַכט יאָר אָן פלעג איך אין די הייסע זומערטעג איבערליגן גאַנצע טעג אין וואַסער און האָב מיך אויסגעלערנט שווימען. איך פלעג שווימען, ווי אַ פיש. איך פלעג עס אָבער טאָן בלויז פון פאַרגעניגן וועגן. איצט איז מיר דאָס שווימען צונוץ געקומען.

איך מוז אָבער פריער דערציילן, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דער שיף, איידער איך בין אַריינגעפאַלן אין וואַסער.

ער קאַפּיטאַן איז געווען שיכור. פלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף עפּעס, און האָט מיך אָנגעהייבן צו רופן. איך בין נישט געקומען, ווייל איך האָב דעמאָלט געשלאָפן אין „וויגעלע". איז ער אַרויסגעלאָפן אויפן דעק מיך זוכן. אַזוי ווי ער האָט מיך נישט געפונען אויפן דעק, האָט ער אָנגעהויבן שרייען מיט רציחה, אַזוי ווי ער קען. דער ערשטער אָפיציר און מאַנכע מאַטראָזן זענען צוגעגאַנגען צו אים.

„וווּ איז דער יונג? וווּ איז בילי?" — האָט ער געשריען.

„ער שלאָפט אויבן, אין „וויגעלע", — האָט לע - גראָ געענטפערט.

„גיי אַרויף און וועק אים אויף מיט אַ שטעקן אָדער מיט אַ שטריק!" — האָט דער קאַפּיטאַן געהייסן.

לע - גראָ איז געווען בייז אויף מיר, און דעריבער האָט אים באַזונדערס גוט געשמעקט דעם קאַפּיטאַנס באַפעל.

די מאַטראָזן האָט געזען אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען און האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם ווי צו אַן אינטערעסאַנטער סצענע אין אַ טעאַטער. זיי האָבן אַפילו געוווסט, אַז מיין לעבן איז אין געפאַר; זיי האָבן דאָך זייער גוט געוווסט, אַז אַפילו אַן אַלטער מאַטראָז מוז זיין זייער פאָרזיכטיק, ווען ער קריכט אַרויף אויף אַזאַ הויך. פאַר מיר אָבער, פאַר אַ יונגן יינגל, איז עס געווען אַ זיכערער טויט. זיי איז עס אָבער ווייניק אָנגעגאַנגען. די סצענע פון געיעג האָט זיי אינגאַנצן פאַרכאַפּט. בען בראָס האָט בעת מעשה געשלאָפן. עמעץ האָט אים אָבער אויפגעוועקט.

„גיי שנעל!" — האָט אים יענער געזאָגט. — „זיי טויטן דאָס יינגל!"

בען בראַס איז אויפגעשפרונגען און איז געקומען צו לויפן גראַדע אין דער צייט, ווען איך האָב געקלעטערט אויף די איי־בערשטע שטריק. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

„האַלט! איר טויט אַ קינד!"

דער קאַפּיטאַן האָט געהייסן לע־גראָן, ער זאָל אָפּטרעטן פון מיר. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. מיר האָט זיך שוין פאַרדרייט דער קאָפּ און איך בין אַראָפּגעפאַלן. בען בראַס איז מיר נאָכגעשפרונגען אין וואַסער. ער איז אויך געווען אַ גוטער שווימער און האָט מיך באַלד אַרויסגעראַטעוועט.

איין זאַך האָט בען בראַס פאַרגעסן, ווען ער איז אַריינגע־שפּרונגען אין וואַסער: ער האָט פאַרגעסן מיטצונעמען אַ שטריק. אַז אַ מאַטראָז שפּרינגט אַריין אין וואַסער, נעמט ער אַן עק שטריק אין דער האַנט אַריין און דעם אַנדערן עק האַלטן זיינע חברים. אַזוי־אַרום שלעפּט מען אים אַרויף אויף דער שיף.

בען בראַס האָט זיך אָבער אַזוי געאיילט מיך צו ראַטעווען, אַז ער האָט פאַרגעסן מיטצונעמען אַ שטריק. די שיף איז אָבער דערווייל נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. איידער ער האָט מיך

אַרויסגענומען פון וואַסער, איידער ער האָט מיך אָפּגעמינטערט, איידער איך האָב געקענט אַרויסזאָגן אַ וואָרט, איז די שיף אַוועקגעגאַנגען אויף אַ פּאָר הונדערט שריט. ערשט איצט האָט זיך בען בראַס דערמאָנט, אַז ער האָט בײַ זיך נישט קיין שטריק.

בען בראַס האָט מיך אײַליק אַ פרעג געטאָן:

„קענסטו שווימען?

„ווי אַ פיש", — האָב איך אים געענטפערט.

„טאָ שפּאַר זיך אָן אויף מיר און לאָמיר שווימען. מען וועט אונדז צוּוואַרפן אַ שטריק".

ווי שוואַך איך בין געווען, האָב איך דאָך אָנגעהייבן צו שווימען מיט אַלע כּוחות. לעבן איז ליב, בפרט נאָך פאַר אַ מענטשן פון זיבעצן יאָר.

„אַהאָי! שיף, אַהאָי!" — האָט בען בראַס געשריען מיט זײַנע שטאַרקע לונגען.

דערמיט האָט ער געגעבן אַ צייכן זײַנע חברים, זיי זאָלן אָנגרייטן פאַר אונדז אַ שטריק.

„איך וועל מיך נוקם זײַן פאַר דיר, בילי", — האָט ער מיר געזאָגט אין דער צײַט, ווען מיר זענען געשווומען צום שיף.

„אַהאָי! שיף, אַהאָי!" — האָט ער געשריען נאָכאַמאָל.

דער קאַפּיטאַן אָדער דער ערשטער אָפיציר האָט געהייסן אויסדרייען די שיף צו אונדז. שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן אַז ער האָט עס געטאָן נישט צוליב מיר. ווען איך זאָל געווען זײַן אין וואַסער אַליין, וואָלט דער שיכּורער קאַפּיטאַן מיך געלאָזט דערטרונקען ווערן. איך בין אָבער געווען מיט בען בראַסן און דער קאַפּיטאַן האָט זייער גוט געוווּסט, וואָס פאַר אַ ווערט בען בראַס האָט פאַר אים. בען בראַס איז דאָך געווען דער בעסטער מאַטראָז אויף דער „ראַפּינאַ". אַזאַ מאַטראָז פאַרלירט מען נישט אַזוי לײַכט.

די שיף האָט זיך לאַנגזאַם צוגערוקט צו אונדז. מען האָט אונדז אַראָפּגעוואָרפן שטריק. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען מיר שוין געווען אויפן שיף.

איך האָב געזוכט מיט די אויגן דעם קאַפּיטאַן, דעם ערשטן אָפיציר אָדער לע - גראַ. איך האָב זיי נישט געזען. ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיי זיך געשעמט צו ווייזן אויפן דעק. זיי האָבן הייגט געהאַנדלט צו גראָב.

און איך האָב זיי נישט געזען אַ גאַנצן טאָג. זיי האָבן מיך אַלץ אויסגעמידן.

קאַפּיטל פינף.

זייט איך בין אַריינגעפאַלן אין וואַסער, האָט מען אָנגעהייבן מיך צו באַהאַנדלען בעסער און מענטשלעכער. אַפילו דער ווילדער קאַפּיטאַן און דער בייזער ערשטער אָפיציר פּלעגן מיך באַהאַנדלען פריינטלעכער. זיי האָבן עס געטאָן נישט דערפאַר, וואָס זיי האָבן מיטלייד געהאַט מיט מיר, נאָר ווייל זיי האָבן געזען, אַז די מאַטראָזן זענען געוועזן אַ ביסל אומצופרידן, וואָס מען האָט מיך אַזוי געמאַטערט און געפּייניקט.

איך בין שפּעטער געפאָרן אויף זייער פיל שיפן און האָב אויף קיין איין שיף נישט געזען, אַז דער קאַפּיטאַן און זיינע אָפיצירן זאָלן מורא האָבן פאַר זייערע מאַטראָזן, ווי אויף דער „ראַפּינאַ". די מאַטראָזן זענען באמת געווען די הערשער אויפן שיף. זיי האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, האָבן אַלע מאַטראָזן שטאַרק פאַרגעוואָרפן דעם קאַפּיטאַן און דעם ערשטן אָפיציר, למאי זיי האָבן זיך אַזוי מיאוס און מערדעריש געשפּילט מיט מיר. דער קאַפּיטאַן האָט אַראָפּגעלאָזט די שיכורע נאָז.

פון דעמאָלט אָן אָבער האָט מען מיר דערלויבט צו לערנען דאָס אַלץ, וואָס אַ מאַטראָז דאַרף קענען. איך פלעג קלעטערן אויף די שטריקלייטערס און קריכן אויף די רייען. דאָס איז אויך נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט.

ווער עס האָט נאָר געזען אַ שיף, דער ווייס, אַז אויפן זעגלבוים הענגען אין דער ברייט גראָבע קלעצער. די דאָזיקע קלעצער הייסן רייען. אויף אַ גרויסער שיף געפינען זיך ביי אַ זעקס - זיבן רייען אויף יעדן זעגלבוים.

צו קריכן ביז צום עק פון דער רייע און דאָרט צורעכט מאַכן דעם זעגל איז אַזאַ קונצשטיק, וואָס מען מוז לערנען אַ לאַנגע צייט און אויך דאַן, ווען מען קען עס שוין, איז עס אַ גרויסער ריזיקע. אַרבעטן אויף די אייבערשטע רייען הייסט אייגנטלעך איינשטעלן דאָס לעבן.

נאַטירלעך, ווען מען זאָל מיך געווען צוריק ברענגען צו מיינע עלטערן, וואָלט איך שוין פאַרזאָגט קינדס קינדער, צו זיין אַ מאַטראָז. איך האָב דאָך אָבער געוווסט, אַז איך וועל אַזוי גיך נישט קומען אַהיים, און דעריבער מוז איך מיך לערנען, און איך בין געווען גליקלעך, וואָס מען האָט מיר עס דערלויבט.

בען בראָס האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי אַרומצוגיין מיטן רודער און ווי אַזוי צו באַנוצן דעם קאָמפּאַס. דאָס זענען אַפילו נישט קיין שווערע זאַכן, אָבער מען דאַרף זיי קענען. מען דאַרף זיך געוויינען אַ לאַנגע צייט צו דרייען דעם ראַד און צו וויסן ווהין צו פירן די שיף.

אַזוי ווי איך האָב געלערנט אין אַ שולע און מיינע ,ערער פלעגן זאָגן, אַז איך בין אַ פעיק יינגל, האָב איך בעצם בעסער געטויגט צו גייסטיקע אַרבעט, ווי צו פיזיש

מיינט אָבער נישט, אַז איך בין געווען איינגאַנצן פריי פון גראָבער פיזישער אַרבעט. איך בין נאָך אַלץ געווען אַ דינער, אַ

שטוילפּוצער און אַ וואַשער ביים קאַפּיטאַן און ביים ערשטן אָפיציר. זיי פלעגן מיך אָבער מער נישט מאַטערן, ווי פריער; איך פלעג איצט קענען אַרומקלעטערן און אַרומקריכן, ווו איך האָב געוואָלט.

אַז איך בין פרייער געוואָרן, האָב איך מיך גענומען פרעגן: וווהין פאָרן מיר דען? שוין זייט אַכט וואָכן ווי מיר פאָרן אַרום אויפן גרויסן וועלט-ים. וווהין פאָרן מיר?

איך האָב נאָך באַמערקט אַ זאַך, וואָס איז מיר געווען געוואַלדיק אומפאַרשטענדלעך. זייט מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון ענגלאַנד, האָבן מיר קיין שום שיף נישט באַגעגנט אויפן וועג. תחילת האָב איך גערעכנט, אַז דאָס איז אַ צופאַל. עס האָט זיך גראָדע אַזוי געמאַכט, אַז מיר האָבן קיינעם נישט באַגעגנט. אויסער דעם האָב איך אין דער ערשטער צייט געמוזט אַרבעטן אַזוי פיל, אַז איך האָב גאָר קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן פון עפּעס

איצט אָבער, ווען איך האָב געקענט אַביסל אָפּציען דעם אָטעם, האָב איך מיך אומגעקוקט אויף דעמדאָזיקן אומשטאַנד און האָב מיך געפרעגט: ווו קומט עס, וואָס מיר באַגעגענען נישט קיין שיף אויפן וועג?

מיין יונגער קאָפּ האָט געאַרבעט און איך האָב מיר געזאָגט: אָדער מיר פאָרן אין אַזאַ ווינקעלע אויפן ים, ווו קיין אַנדערע שיפן פאָרן נישט, אָדער אונזער שיף ווייכט עמעצן אויס. מיר אַנטלויפן פון אַנדערע שיפן. פאַרוואָס?

אַ צופאַל האָט מיר באַלד געוויזן, אַז איך האָב מיך נישט טועה געווען. די „ראַפּינאַ" ווייכט אויס אַנדערע שיפן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען איך געאַרבעט אין דער קאַיוטע פונעם ערשטן אָפיציר, האָב איך דערהערט אַ פייף. איך בין נישט געווען באַקאַנט מיט אַלע צייכנס און מיט אַלע סיגנאַלן פון אַ שיף. איך האָב אָבער געוווּסט, אַז דאָס פייפט דער מאַטראָז,

וועלכער שטייט אויף דער וואַך אויפֿן בריקל. איך האָב געוווּסט אַז יעדער מאַטראָז, וועלכער שטייט אויף דער וואַך, האָט בײַ זיך אַ פֿײַפֿעלע, און ווען ער דאַרף האָבן דעם קאַפּיטאַן, אָדער דעם ערשטן אָפֿיציר, גיט ער אַ פֿײַף און זיי קומען צו אים. ער אַליין טאָר נישט אַראָפּגיין פֿון בריקל, ווו ער האַלט די וואַך.

איך האָב גוט געוווּסט, אַז בײַ יעדער געלעגנהייט גיט דער מאַטראָז, וואָס שטייט אויף דער וואַך, אַן אַנדער פֿײַף. דאָס מאָל איז עס געווען אַ לאַנגער פֿײַף, וואָס איז באַשטאַנען פֿון דרײַ טייל. דער ערשטער אָפֿיציר איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט און איז באַלד אַרויפֿגעלאָפֿן אויפֿן דעק.

איך בין געוואָרן נײַגעריק און בין אים נאָכגעלאָפֿן. איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס איז עס פֿאַר אַ סיגנאַל. איך האָב מיך אומגעקוקט אין אַלע זײַטן און האָב גאָרנישט געזען, אויסער אַ גאַנץ קליינעם פֿלעק אויפֿן הימל העט ווײַט, ווײַט. עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז אַ גרויסער פֿייגל פֿליט ערגעץ, און האָב געוואָלט גיין צו מײַן אַרבעט.

פּלוצלונג האָב איך אַ קוק געטאָן אויפֿן ערשטן אָפֿיציר. ער איז געשטאַנען אויפֿן בריקל לעבן דער וואַך און האָט געקוקט דורך אַ שפּאַקטיוו. נאָכדעם איז ער אַראָפּגעלאָפֿן פֿון בריקל און איז צוגעלאָפֿן צום ראָד. ער האָט אויסגעדרייט אונדזער שיף אין אַן אַנדער זײַט.

דאָס האָב איך שוין נישט געקענט פֿאַרשטיין. איך בין געווען גענוג קלוג צו וויסן, אַז דאָס שיף האָט זיך אויסגעדרייט אין אַן אַנדער זײַט, אָבער איך האָב מיך געפֿרעגט; פֿאַרוואָס? אַנטלויפֿן מיר? פֿאַר וועמען? וואָס האָט דערזען דער מאַטראָז אויף דער וואַך? פֿאַרוואָס האָט זיך דער ערשטער אָפֿיציר אַזוי דערשראָקן?

איך בין אַפֿילו באַלד צוריקגעגאַנגען צו מײַן אַרבעט. איך

האָב אָבער נישט געלעבט און נישט גערוט. איך האָב געוואָלט וויסן, פאַרוואָס מיר זענען אַנטלאָפן. עס האָט מיך געוואָרפן אין היץ און אין קעלט.

אָבער אָט האָט מען גענומען קלינגען צום פרישטיק. אַלע מאַטראָזן זענען געלאָפן אין קיך נעמען זייערע פּאָרציעס, און איך בין געלאָפן זוכן בען בראַסן און האָב אים באַלד געפונען. איך האָב אים דערציילט פון אַלעם, וואָס איך האָב געזען און האָב אים געבעטן, ער זאָל עס מיר דערקלערן.

„פרעג נישט, בילי", — האָט מיר בען בראַס געענטפערט. — „וועסט עס שפּעטער וויסן".

„זאָגט מיר, לפּחות, צי זענען מיר נישט אַנטלאָפן?"

ער האָט קוים געשמייכלט.

„יאָ, בילי, מיר זענען אַנטלאָפן"

„פאַר וועמען?"

„דאָס ווייס איך נישט. איך האָב דעמאָלט געשלאָפן", — האָט ער געענטפערט.

מער האָט ער מיר נישט געוואָלט זאָגן.

איך בין געשטאַנען און געטראַכט:

„אונדזער שיף אַנטלויפט פאַר וועמען, האָט מורא פאַר וועמען און ווייכט אויס וועמען. ווו בין איך? מיט וואָסערע מענטשן האָב איך דאָ צו טאָן אויף דער שיף"

מיין ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז איך געפין מיך צווישן ים - באַנדיטן. די „ראַפּינאַ" איז אַ פּיראַטן - שיף. איך האָב נאָך אינדערהיים געוווּסט, אַז אַזוי ווי עס געפינען זיך באַנדיטן אויף דער יבשה, אַזוי געפינען זיך אויך באַנדיטן אויפן ים. די ים - באַנדיטן הייסן פּיראַטן. איך געפין מיך, אַלזוי, צווישן פּיראַטן!

איר קענט אייך לייכט פאָרשטעלן, ווי אָט דער געדאַנק האָט מיך באַאומרויקט. איך בין געווען דערשלאָגן און שטאַרק איבער-

געשראָקן. איך בין אַנטלאָפן פון מיינע גוטע, ליבע עלטערן, צו באַנדיטן און מערדער. אינדערהיים האָט מען ביי אונדז פאַרציילט שרעקלעכע מעשיות וועגן פיראַטן. מען פלעגט אָפט דערציילן, ווי זיי פאַלן אָן אויף א שיף, טויטן די מאַטראָזן און שלעפן אוועק אַלץ, וואָס געפינט זיך אויף דער שיף. די שיף אַליין לעכערן זיי דורך און לאָזן זי אַראָפּ אויפן דנאָ.

איך פלעג שטענדיק מורא האָבן פאַר פיראַטן און איצט בין איך אַליין צווישן פיראַטן!

דערדאָזיקער געדאַנק איז געווען א שרעקלעכער. איך האָב פאַרגעסן אין עסן, אין טרינקען און שלאָפן. זיין צווישן באַנדיטן און מערדער איז נישט גאַנץ אַנגענעם.

אַזוי איז פאַרגאַנגען דער טאָג. אין אָוונט האָב איך געטראַכט:

„ווען די „ראַפּינאַ" וואָלט געווען א פיראַטן - שיף, וואָלט זי דאָך באַדאַרפט האָבן האַרמאַטן אויפן דעק? ווען פיראַטן פאַלן אָן אויף אַ שיף, מוזן זיי האָבן האַרמאַטן. מיט אַ האַרמאַט קען מען שיסן פון דער ווייטן, מיט אַ האַרמאַט קען מען צווינגען אַן אַנדער שיף, זי זאָל בלייבן שטיין.

אויף דער „ראַפּינאַ" זענען אפילו אויך געווען האַרמאַטן, אָבער בלויז צוויי קליינע, אַלטע האַרמאַטלעך, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן דעם ריח פון פולווער. מיט אַזוינע האַרמאַטן שיסט מען נישט.

איך בין געוואָרן פרייליכער ביי דעם געדאַנק, אַז די „ראַפּינאַ" איז נישט קיין פיראַטן - שיף. איך בין געווען גליקלעך, וואָס איך געפין מיך נישט צווישן באַנדיטן און מערדער.

„וואָס פאַר אַ שיף איז אָבער פאָרט די „ראַפּינאַ"? — האָב איך מיך געפרעגט. — „פאַרוואָס וויל בען בראַס, מיין איינציקער

פריינט און באַשיצער, נישט דערקלערן, לסאַי מיר זענען אַנטלאָפן הײנט אינדערפרי?"

איך האָב מיר פעסט באַשלאָסן, איך זאָל עס וויסן, איך זאָל עס אויספאָרשן. איך מוז עס געוואָר ווערן. איך מוז וויסן, אויף וואָס פאַר א שיף איך געפין מיך

אַזוי ווי איך האָב איצט געהאַט א ביסל מער צייט, ווי פריער, האָב איך אָנגעהייבן ארומצוגיין אין אַלע קאַמערן און קע־מערלעך פון דער „ראַפינאַ". איך האָב אָנגעהייבן אויסצופאָרשן ד' „ראַפינאַ". איך האָב זי גענומען שטודירן מיט דעם גרעסטן ערנסט.

איינמאָל בין איך אַראָפגעגאַנגען אין די אונטערשטע קאַמערן פון דער „ראַפינאַ". איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס פאַר א סאָרט סחורה זי פירט און מיט וואָס זי באַשעפטיקט זיך.

אין מאַנכע קאַמערן האָב איך געפונען פעסלעך. דער ריח האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס זענען פעסלעך מיט ראָם, שנאַפּס און קאָניאַק.

„מסתמא האַנדלט די „ראַפינאַ" מיט שנאַפּס און אנדערע משקאות", — האָב איך מיך געטראַכט. — „דאָס איז נאָך נישט קיין אומגליק. די „ראַפינאַ" איז א פראַכטשיף. א סוחר, אַ גרוי־סער שנאַפּסהענדלער האָט זי געדונגען, זי זאָל אַריבערפירן א גרויסן טראַנספּאָרט שנאַפּס."

איך האָב מיך א ביסל באַרויקט און בין ווייטער געגאַנגען

שטעלט אייך אָבער פאָר מיין צעמישטקייט, ווען איך בין אַריינגעקומען אין אַנדער אָפּטיילונג און האָב דאָרט געפונען אַרטיקלען פון אייזן. אָבער וואָסערע אַרטיקלען? — קייטן! איך האָב געזען אַלע מעגלעכע סאָרטן קייטן, — קייטן פאַר ד' הענט, פאַר די פיס, פאַרן האַלדז און אַלע אַנדערע מאָדנע קייטן פאַרן מענטשן.

ווי יונג איך בין געווען, האָב איך דאָך אַ ציטער געטאָן ביי דער פראַגע:

„צו וואָס דאַרף מען אַזויפיל קייטן? וווהין פירט מען אַזויפיל קייטן?"

לויט מיין חשבון, האָבן זיך דאָרטן געפונען קייטן, מיט וועלכע מען וואָלט געקענט איינשמידן אַ טויזנט נפשות.

איך בין געווען צעמישט, מבולבל, פאַרוווּנדערט.

וועמען זאָל איך פרעגן? און ווער וועט מיר ענטפערן? ווער וועט מיר דערקלערן דעם תכלית פון דערדאָזיקער שיף? וואָס איז דאָס פאַר אַ שיף!

איך בין געוואָרן אומרויק. עס איז מיר נישט ליב געווען דאָס לעבן. איך האָב נישט געקענט עסן און טרינקען. עס האָט מיך שטענדיק געפּלאָגט דער געדאַנק: אויף וואָס פאַר אַ שיף געפינען איך זיך? צו וואָס פירט זי אַזויפיל אייזערנע קייטן? וווהין פאָרן מיר? צו וואָס דאַרף מען אַזויפיל מאַטראַזן?

אַזוי זענען פאַרגאַנגען עטלעכע שווערע, שווערע, פיינלעכע טעג. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך געפילט גייסטיקע ליידן. צום ערשטן מאָל האָב איך אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, אַז מען קען האָבן אַלץ, וואָס מען דאַרף און דאָך זאָל מען ליידן אומדערטרעגלעך, איבערנאַטירלעך.

פלוצלונג האָב איך באַמערקט אַ נייס אויף אונדזער שיף. קליאַטשע, דער כלומרשטער אויפזעער פון דער „ראַפּינאַ", וועלכער האָט די גאַנצע צייט פון אונדזער נסיעה גאָרנישט געטאָן, ווייל ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט זיך פלוצלונג גענומען צו דער אַרבעט.

ער און נאָך צוויי מאַטראָזן האָבן אָנגעהייבן צו זעגן ברעטער און צו מאַכן פון זיי קראַטעס. די קראַטעס האָבן זיי אַריינגעשטעלט אין אונטערדעק פון דער שיף. זיי האָבן געמאַכט אָפּ-

טיילונגען, קאַמערן אָדער גרויסע שטייגן. דידאָזיקע קאַמערן אָדער שטייגן האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן פאָדערשטן טייל פון דער שיף.

תחילת בין איך געווען איבעראַשט און מטושטש. איך האָב אויף קיין פאַל נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָס איז און צו וואָס דאָס איז. איך האָב אָנגעהייבן צו זוכן אַרבעט לעבן קליאָטשען און זיך צוצוהערן צו די רייד פון די מאַטראָזן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די קראַטעס און איך בין טאַקע געוואָר געוואָרן, וואָס דאָס איז פאַר אַ שיף די „ראַפּינאַ".

יאָ, דאָס איז געווען אַ שקלאַפנשיף און דער קאַפּיטאַן איז געווען אַ שקלאַפנהענדלער...

קאפיטל זעקס.

אמאָל, אין די אַלטע צייטן, האָט דער שקלאַפנהאַנדל שטאַרק געבליט. הונדערטער ענגלישע, פראנצויזישע און אַמעריקאַנישע שיפן פלעגן יעדעס יאָר צוקומען צו די ברעגעס פון אפריקע און דאָרט זיך פאַרזאָרגן מיט מענטשנפלייש.

מען פלעגט אָנפאַלן אויף אַ דאָרף פון נעגערס. די אַלטע און שוואַכע פלעגט מען טויטן, און די יונגע און שטאַרקע, מאַנס־לייט און פרויען, פלעגט מען שמידן אין קייטן און אַוועקפירן קיין אמעריקע. דער בעסטער מאַרק פון מענטשנפלייש איז געווען ניו־ארליאַנס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און ריאָ דע זשאַניירא אין בראַזיליע. די פערמער און די רייכע פלאַנטאַטאָרס פלעגן קויפן די נעגערס, ווי מען קויפט פערד און אָקסן פאַר פעלדאַרבעט.

דער נעגער איז נישט געווען קיין מענטש. ער איז געווען אַ סחורה, אַן אַרטיקל, וועלכן מען האָט געקויפט און פאַרקויפט. מען האָט פאַרקויפט איין פערמער דעם פאָטער, דעם אַנדערן פער־מער די מוטער און דעם דריטן פערמער די קינדער.

מאַנכע פערמער און שקלאַפנהענדלער פלעגן אַפילו שטעמ־פלען זייערע נעגערס. זיי פלעגן אויסברענען מיט א הייסן אייזן אויף די פלייצעס פון זייערע נעגער אַן אות אָדער א געוויסן צייכן, פון וועלכן מען האָט געקענט דערקענען דעם נעגער, אויב ער איז אנטלאָפן.

דער שקלאַפנהאַנדל איז געווען זייער א גוט געשעפט. ווען א שקלאַפנהענדלער האָט געקויפט אין אַפריקע טויזנט נעגערס, האָט ע רגערעכנט, אַז ער וועט ברענגען קיין אַמעריקע נאָר פינפהונ־דערט, ווייל זייער פיל פלעגן אויסשטאַרבן אויפן וועג פון דער שלעכטער באַהאַנדלונג און דערפון, וואָס זיי פלעגן זיין פאַר־שפאַרט אונטן אין שיף אין גרויסע שטייגן, ווי בהמות. אָבער ווען ער האָט אַפילו געבראַכט אין אַמעריקע די העלפט פון זיין לעבעדיקער סחורה האָט ער אויך געמאַכט א גוט געשעפט.

א יונגער און שטאַרקער נעגער איז ווערט געווען פון צוויי ביז דריי הונדערט דאָלאַר. אין אַפריקע האָט געקאָסט אַזאַ נעגער פון אַכט ביז צען דאָלאַר. די הכנסה איז געווען אַ געוואַלדיקע.

עס איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס דער נעגער־האַנדל, אָדער דער שקלאַפנהאַנדל האָט אַזוי געבליט אין יענער צייט

דעם שקלאַפנהענדלער האָט מען אָבער שטאַרק פאַרהאַסט. מען האָט אים געהאַלטן פאַר דעם ערגסטן. יעדער האָט געוווּסט, אַז א שקלאַפנהענדלער מוז זיין ווילד, גראָב, שלעכט, פאַרדאָרבן און אומענטשלעך. יעדער האָט געוווּסט, אַז א שקלאַפנהענדלער איז א פשוטער רוצח, א באַנדיט און א מערדער.

דאָך האָבן זיך געפונען גענוג אויסוואורפן אין אייראָפּע און אַמעריקע, וועלכע פלעגן זיך באַשעפטיקן מיט דערדאָזיקער פיינער מלאכה, און א סך פון די איצטיקע אַמעריקאַנער מיליאָנערן האָבן טאַקע געמאַכט זייערע מיליאָנען פון שקלאַפנהאַנדל.

עס האָבן זיך אָבער געפֿונען איידעלע יעניקשן, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז דער שקלאַפֿנהאַנדל איז אַ חרפּה פֿאַר דער מענטשהייט. דער נעגער איז אויך אַ מענטש און מען טאָר אים נישט באַהאַנדלען, ווי אַ הויז־חיה.

סוף כּל סוף האָבן די ענגלישע און פֿראַנצויזישע רעגירונגען פֿאַרבאָטן דעם שקלאַפֿנהאַנדל. זיי האָבן אַרויסגעשיקט קריגס־שיפֿן אויף אַלע ימים, וווּ די שקלאַפֿנהענדלער פֿלעגן געווײַנלעך אַרומפֿאָרן, און ווען זיי פֿלעגן טרעפֿן אַ שיף מיט שקלאַפֿן, פֿלעגן זיי באַפֿרייען די נעגערס און דעם שיפֿקאַפּיטאַן מיט זײַנע מאַטראָזן פֿלעגט מען אויפֿהענגען אויף די זעגלביימער פֿון זייער אייגענער שיף.

אין יאָר 1857, דאָס הייסט אין דער צייט, ווען די „ראַפּינאַ“ האָט געאַרבעט אויפֿן ים, האָט ענגלאַנד זייער שטאַרק באַוואַכט אַלע ימים אַרום אַפֿריקע. דאָס האָט אָבער זייער ווייניק געהאָלפֿן: די שקלאַפֿנהענדלער פֿלעגן שוין געפֿינען זייערע מיטלען, ווי זיך אויסצודרייען פֿון די ענגלישע קריגשיפֿן. דאָס געשעפֿט איז געווען אַזוי גוט, אַז מען האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פֿון אים...

איך מוז אײַך זאָגן, אַז איך בין ביסלעכווײַז געקומען צו דער דעה, אַז איך געפֿין מיך אויף אַ שיף מיט שקלאַפֿנהענדלער. איצט האָב איך שוין פֿאַרשטאַנען אַ סך זאַכן, וואָס זענען געווען ביז אַהער פֿאַר מיר אַ רעטעניש. איך האָב פֿאַרשטאַנען, צו וואָס די „ראַפּינאַ“ האָט אַזויפֿיל מאַטראָזן. איך האָב פֿאַרשטאַנען, צו וואָס מען מאַכט די קייטן. איך האָב פֿאַרשטאַנען, צו וואָס מען מאַכט די קראַטעס. איך האָב שוין געוווּסט וווּהין מיר פֿאָרן. מיר פֿאָרן קיין אַפֿריקע קויפֿן נעגערס.

עס איז מיר קלאָר געוואָרן, פֿאַרוואָס דער שיפֿקאַפּיטאַן האָט פֿון מיר נישט פֿאַרלאַנגט קיין דערלויבעניש פֿון מײַנע עלטערן אַז איך מעג אויפֿגענומען ווערן צו אים אויף דער שיף. און ער

לעכער שיפקאַפּיטאַן וואָלט מיך נישט געוועזן אויפגענומען, אַ שקלאַפנהענדלער אָבער מעג אַלץ.

איך האָב מיך אָנגעהייבן צוצוקוקן בעסער צו דער שיף און האָב אויך געפונען, אַז זי האָט גענוג ביקסן און שווערדן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען שוין נישט ווייט פון אַפריקע, די מאַטראָזן האָבן שוין פראַנק און פריי גערעדט וועגן די פונקציעס פון דער „ראַפּינאַ". זיי האָבן איצט אָנגעהייבן נאָכמער צו טרינקען און צו דערלויבן זיך אַלע מעגלעכע פרייהייטן. ווער עס האָט נאָר געוואָלט, דער האָט געטרונקען ראָם און קאָניאַק. עס איז געשטאַנען אַן אָפן פעסל ראָם אין איינער פון די אונטערשטע קאַיוטעס און יעדער האָט געטרונקען, וויפל ער האָט געוואָלט.

פלעגט מען זיך אָנטרינקען, פלעגט מען אָנהייבן זינגען לידער, ווי עס איז פריילעך צו לעבן אויף אַ שקלאַפנשיף, ווי עס איז פריילעך זיך באַכצויאָגן נאָך נעגערס און ווי עס איז גוט צו שיכורן און צו זויפן און צו פאַרדינען בלוטיק געלט...

דאָס בלוט האָט מיר געקילט אין די אָדערן. וואָס האָב איך אָבער געקענט העלפן? איך בין דעמאָלט געוועזן נאָך אַ קינד. איך האָב אפילו געוווּסט, אַז דער שקלאַפנהאַנדל איז פאַרבאָטן און איך האָב שטענדיק געהאָפט, אַז אַן ענגלישע קריגסשיף וועט אונדז אָניאָגן און וועט אונדז סוף כל סוף אַרעסטירן. דאַן וועל איך קענען דערציילן מיין פיינלעכע געשיכטע און וועל בעטן, מען זאָל מיך צוריקשיקן צו מיינע עלטערן.

דאָס זענען אָבער געוועזן קינדערשע האָפענונגען. ערשט שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אַ סך מיניסטאָרן האָבן זיך באַטייליקט אין שקלאַפנהאַנדל. פיל ענגלישע לאָרדן זענען רייך געוואָרן פון דערדאָזיקער באַשעפטיקונג. מען פלעגט כאַפּן איין שקלאַפנשיף פון הונדערט. ווען דער שיפקאַפּיטאַן האָט געוווּסט צו

וועמען זיך צו ווענדן און מיט וועמען צו מאַכן אַ שותפות, האָט מען אים קיינמאָל נישט גכאַפּט.

דער שקלאַפנהאַנדל האָט אויפגעהערט נאָר דאַן, ווען אַמע־ריקע האָט אויפגעהערט צו קויפן שקלאַפן, ווען אַמעריקע האָט באַפרייט אַלע נעגערס און האָט פאַרבאָטן צו האַלטן נעגערס אַלס שקלאַפן. ווילאַנג דער נעגער איז געווען אַ סחורה אין די פאַריי־ניקטע שטאַטן און אין בראַזיליע, האָבן די ענגלישע און פראַנ־צויזישע קריגסשיפן גאָרנישט געקענט העלפן. און, יאָ — זיי האָבן אויך נישט געוואָלט העלפן...

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען שוין גאָרנישט ווייט פון אַפריקע. עס איז געוואָרן הייסער און הייסער. צייטנווייז פלעגט זיין אומעגלעך צו שטיין אויפן דעק. יעדעס שטיקל אייזן אויפן שיף האָט זיך צעגליט. די מאַטראָזן פלעגן שעפן וואַסער פונם ים און פלעגן זיך אָפּגיסן.

„אַט באַלד, באַלד וועט זיך אָנהייבן דער יאַגד אויף מענטשן", — פלעג איך זיך זאָגן. — „וואָס טוט מען? ווי אַזוי אַנטלויפט מען פון דער שיף, פון שיפקאַפּיטאַן, פון די מאַטראָזן?"

איך האָב געטראַכט, איך זאָל אַנטלויפן, ווען מיר וועלן קומען קיין אַפריקע. איך האָב גע ראַכט, איך זאָל מיך אַריינוואַרפן אין וואַסער. איך האָב איבערגע ... ט און האָב איבערגעקלערט טויזנטער אומעגלעכע זאַכן. איך ווייס נישט, וואָס אַן אַנדערער וואָלט געטאָן אויף מיין אָרט. איך בין אָבער ... ען אַ קינד און האָב מיר נישט געקענט העלפן.

דערצו נאָך האָב איך געהאַט זייער ווייניק צייט פיל צו טראַכטן. וואָס נענטער מיר זענען צוגעקומען צום לאַנד, אַלץ מער אַרבעט האָב איך געהאַט. איצט האָבן אַלע מאַטראָזן אָנגעהייבן צו אַרבעטן. מען האָט געריי ניקט, מען האָט געמאַכט אַ אָרדענונג אויף דער שיף. מען האָט געשטעלט נייע זעגל, אויסגעשמירט מיט פעך

שטיקער לייוונט, צורעכט געמאַכט די קייטן, אַרייגעשלאָגן גרויסע האָקן אין די הילצערנע קראַטעס, און צו יעדן האָק האָט מען צוגעבונדן אַ קייט.

אַלע האָבן געאַרבעט. דער שיפקאַפּיטאַן האָט שוין געטרונקען ווייניקער, ווי פריער. ער פלעגט אַרומגיין יעדן טאָג אויפן שיף און פלעגט אַכטונג געבן אויף די אַרבעטן און הכנות, וואָס די מאַטראָזן האָבן געמאַכט. איך האָב ביז אַהער געמיינט, אַז דער שיפקאַפּיטאַן איז אַ פוילער און אַ גאָרנישט, וואָס ווייס נישט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. איצט האָב איך איינגעזען, אַז ער איז אַ פעיקער מענטש, ווען ער איז נאָר נישט שיכור.

די מאַטראָזן האָבן אויפגעדעקט די קאָרטן.

זיי האָבן געזאָגט:

„דאָ וועט מען האַלטן די שטאַרקע נעגערס. וועט איינער פון זיי ווערן צופיל אומרויק, וועט מען אים אָנטאָן אַן אייזערנעם רינג אויפן האַלדז און אים צושמידן צו די קראַטעס. און דאָ, ווידער וועט מען האַלטן קינדער און דאָרט וועט מען האַלטן ווייבער...“

דער שיפקאַפּיטאַן איז געווען אַ שטאַרקער מענטש. ווען ער, פלעגט אָנכאַפּן אַ קייט און פלעגט זי אָפּרייסן פון דעם אָרט, ווי זי איז צוגעשמידט, פלעגט ער שרייען אויף קליאַטשען און די מאַטראָזן, וועלכע האָבן געאַרבעט דערביי. ער פלעגט שרייען גראָב, ווילד און ברוטאַל. עס האָט אָבער קיינעם נישט געאַרט פאַרן קאַפּיטאַן האָט מען זיך נישט געשראָקן.

איך האָב נאָך אַלץ געטראַכט דערפון, אַז איך דאַרף אַנטלויפן.

וווהין אָבער אַנטלויפט מען? אַפריקע איז אַ ווילד לאַנד, און דעריבער איז עס בשום אופן נישט גינסטיק פאַר מיינע פלענער. איך מוז האָבן זייטיקע הילף, און אָט די הילף וועל איך אין דער ווילדער אַפריקע נישט געפינען.

קאַפּיטל זיבן.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס איך האָב מיך געמוזט אויס באַהאַלטן מיט מיינע געדאַנקען, איך האָב זיי קיינעם נישט געקענט אַרויסגעבן. איך האָב אַמאָל געפּרוווט רעדן פון דעם שקלאַפנהאַנדל און זאָגן, אַז עס איז אַ חרפּה און אַ בושה פאַר יעדן מענטשן. די מאַטראָזן האָבן מיך אויסגעלאַכט און האָבן מיך גערופן „גרינ-האָרן", נאַר, שלים-מזל און נאָך אַזעלכע שיינע און אָנגענעמע נעמען.

עס איז זייער מעגלעך, אַז זיי וואָלטן מיך אויך געשלאָגן, ווען זיי וואָלטן קיין מורא נישט געהאַט פאַר בען בראַסן. מיט „מיינע" חברים האָב איך נישט געקענט רעדן איבער דעם פּונקט· איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו כאַפּן אַ שמועס מיט מיין איינציקן פריינט און באַשיצער בען בראַס

אַ מאָדנע זאַך, בען בראַס פלעגט מיך באַשיצן און פלעגט באמת זאָרגן פאַר מיר, ווי אַ גוטער פריינט. ער פלעגט מיך אָבער אויסמיידן און פלעגט נישט וועלן רעדן מיט מיר איבער ערנסטע זאַכן. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז ער האַלט מיך פאַר אַ קינד,

און דערפֿאַר וויל ער מיט מיר נישט רעדן, אָבער שפּעטער האָב איך איינגעזען, אַז ער אַליין ליידט אויך. ער אַליין איז אויך זייער אומצופֿרידן מיט זיין לאַגע.

איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז בען בראַס איז נישט קיין געוויינלעכער מאַטראָז פֿון אַ שקלאַפֿנשיף: מיט אים האָט געוויס עפּעס פּאַסירט. אין זיין לעבן איז פֿאָרגעקומען עטוואָס אַזעלכעס, וואָס האָט אים געצווונגען צו ווערן דאָס, וואָס ער איז.

איך האָב באַמערקט, אַז ער איז נישט אַזוי שלעכט און נישט אַזוי פֿאַרדאָרבן, ווי די איבעריקע מאַטראָזן פֿון דער „ראַפּינאַ". ער פֿלעגט זיך נישט אַזוי זידלען, נישט רעדן אַזוי גראָב, ווי די איבעריקע און פֿלעגט זיך באַנעמען, ווי אַ מענטש מיט אַ גוטער נשמה.

עס איז אמת, אַז מען לעבט אַ שטיק צייט צווישן אַ געוויסן סאָרט מענטשן, ווערט מען געוויינט צו זיי און מען נעמט איבער זייער לשון און זייערע מנהגים. בען בראַס האָט אויך, נישט ווילנדיק, אַ סך געגאַשט פֿון זיינע חברים. עס איז אָבער אין אים נאָך געבליבן גענוג מענטש, מען זאָל אים קענען דערקענען. אַן עפּל ווערט נישט פֿאַרפֿוילט מיט אַמאָל. ער הייבט אָן צו פֿוילן אין איין אָרט. ווען מען פֿאַרהיט אים צו דער צייט, קען מען אים נאָך אָפּראַטעווען.

איך האָב באַמערקט, אַז בען בראַס האָט ליב צו זיצן שעהנלאַנג אַליין אויפֿן פֿאָדערשטן טייל פֿון דער שיף, דאָרט, וווּ עס שטעקט אַרויס איבערן וואַסער אַ לאַנגער קלאָץ, וועלכן די מאַטראָזן רופֿן פֿ א ָ ר - ז ע ג ל ב ו י ם. דאָס איז איינס פֿון די שטילסטע און רויקסטע ערטער אויף אַ שיף. דאָרט קענען זיצן נישט מער, ווי אַ דריי - פֿיר מענטשן און מען קען גאַנץ רויק זיך דורכשמועסן. דאָרט בלאָזט שטענדיק אַ קילערע לופֿט.

אין אַ הייסער געגנט, ווי ביי די ברעגעס פון אַפריקע, איז עס פאַרט אַ תּענוג צו זיצן דאָרט.

און בען בראַס פלעגט תּמיד דאָרט זיצן שעהנלאַנג אַליין, פאַרטיפט און פאַרזונקען אין זיינע רעיונות. תּחילת פלעג איך איך מורא האָבן אים צו שטערן. איך האָב געמיינט, אַז ער וויל נישט, מען זאָל אים שטערן. איך פלעג צוקומען צו אים, פלעג שטיין אַ ווײַלע לעבן אים און פלעג מיר אַוועקגיין. ווען איך האָב אָבער געזען, אַז ער טרייבט מיך נישט אַוועק, האָב איך מיר דער־לויבט זיך אַנידערצוזעצן און איך בין אים געווען זייער דאַנקבאַר, וואָס ער טרייבט מיך נישט אַוועק.

איינמאָל, אין אָוונט, ווען אויפן שיף איז געווען שטיל און רויק און איך האָב שוין אָפּגעטאָן אַלע אַרבעטן, וואָס איך האָב געדאַרפט, האָב איך מיך געמאַכט הארץ און בין צוגעקומען צום פראָנט פון דער שיף. בען בראַס איז געזעסן אויף זיין אָרט, שטאַרק פאַרטיפט אין זיינע מחשבות. פּאַוואָליע האָב איך מיך אַנידערגעזעצט לעבן אים.

ביידע האָבן מיר געשוויגן. צולעצט האָב איך מיר נישט גע־קענט איינהאַלטן און אַ זאָג געטאָן:

„בען, ליבער בען!"

בען בראַס האָט אויפגעשוידערט. איך האָב דערזען זיינע פאַרטיפטע אומעטיקע אויגן.

„וואָס ווילסטו, בילי?" — האָט ער זיך אָנגערופן.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ שיף, אויף וועלכער מיר פאָרן?" — האָב איך קורץ געפרעגט.

„עס איז גאָרנישט קיין שיף, נאָר אַ באַרקע", — האָט ער געענטפערט.

איך בין געווען יונג און האָב נאָך נישט געקענט וויסן דעם אונטערשיד פון אַ שיף און אַ באַרקע. איך האָב דעמאָלט גערעכנט,

ז קוים זענען דאָ דריי זעגלביימער, איז דאָס מסתמא אַ שיף. אָבער נישט דאָס איז אייגנטלעך געווען מיין פראַגע. מיר איז נאָרנישט אָנגעגאַנגען, צי די „ראַפּינאַ" איז אַ ריכטיקע שיף, אָדער אַ בארקע. דאָס האָט מיך איצט זייער ווייניק געקימערט. איך האָב געוואָלט, אַז בען בראַס זאָל מיר דערקלערן, מיט וואָס אונדזער שיף באַשעפטיקט זיך.

איך האָב געזאָגט:

„נישט דאָס פרעג איך, ליבער בען. איך פרעג בכלל, וואָס פאַר אַ סאָרט שיף איז די „ראַפּינאַ"...

„די „ראַפּינאַ" איז זייער אַ גוטע שיף", — האָט בען בראַס געענטפערט. — „ווען זי האָט גענוג ווינט, איז זי די שנעלסטע שיף אויפן וועלט-ים... זי האָט נאָר איין פעלער: זי בויגט זיך אָן צו שטאַרק אויף דער רעכטער זייט אין דער צייט פון אַ שטורם..."

„בען, בען!" — האָב איך אויסגערופן. — „דאָס אַלץ ווייס איך שוין. איר האָט עס מיר שוין איינמאָל געזאָגט..."

„אַלזוי, וואָס ווילסטו, בילי? וואָס פרעגסטו נאָך?

„זאָגט מיר די וואָרהייט, בען, מיט וואָס באַשעפטיקט זיך אונדזער שיף?..."

בען האָט געזאָגט:

„עס איז אַ שיף, וואָס פירט סחורה, בילי..."

„וואָס פאַר אַ סחורה פירט די „ראַפּינאַ"?—האָב איך אַ פרעג געטאָן און האָב אים אָנגענומען ביי דער האַנט.

„נעגערס פירט זי!" האָט ער געענטפערט און האָט זיך אָוועקגעקערט פון מיר.

אָס האָב איך געדאַרפט. איך האָב געוואָלט עפענען מיין האַרץ פאַר דעם איינציקן מענטשן אויף דער שיף, מיט וועלכן איך האָב געקענט רעדן אַ וואָרט איבער מיין לאַגע.

„צו וואָס זאָל איך זיך באהאַלטן פאַר דיר?" — האָט ער ווייטער געזאָגט. — „דו וועסט עס דאָך שפּעטער סיי ווי געוואָר ווערן. די „ראַפּינאַ" איז אַ רעגלמעסיקע שקלאַפנשיף. זי באַשעפֿטיקט זיך בלויז מיטן קויף און פאַרקויף פון די שוואַרצע שקלאַפן..."

„אָבער בען!" — האָב איך האַלב געשריען, — „עס איז דאָך שרעקלעך! אַ שקלאַפנהענדלער איז דאָך נאָך ערגער פון אַ פּיראַט!"

„יאָ, בילי!" — האָט בען בראַס געענטפערט. — „עס איז נישט פאַר דיר צו דינען אויף אַ שקלאַפנשיף. איך האָב דיך געזען דאָס ערשטע מאָל, ווען דו ביזט אַרויפגעקומען אויף דער שיף זיך בעטן, מען זאָל דיך אויפנעמען. איך האָב דיר געוואָלט טאַקע וואָרנען. איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, דו זאָלסט אוועק פון דער „ראַפּינאַ". איך האָב עס אָבער נישט געקענט טאָן. אונדזער קאַפּיטאַן האָט געדאַרפט אַ יונג, וועלכער זאָל אים באַדינען און ער האָט דיך אויפגעכאַפּט. ער איז געווען צופרידן, וואָס דו אַנטלויפסט פון דיינע עלטערן, וואָרים אין אַזאַ פאַל וועט ער קענען טאָן מיט דיר, וואָס ער וויל. ווען דיינע עלטערן וואָלטן דיך אָפּגעגעבן צו אים אויף אַ נאָטירלעכן וועג, וואָלטן זיי געמאַכט אַ קאָנטראַקט. מען וואָלט געמוזט גיין צו אַן אַדוואָקאַט אָדער צו אַ נאָטאַריוס. דאָס טויג נישט פאַר אונדזער קאַפּיטאַן. ער האָט פיינט אַדוואָקאַטן, נאָטאַריוסן און פּאָליציי..."

איך בין געזעסן און געשוויגן. עס איז מיר געווען הייס און קאַלט פון זיינע ווערטער.

צולעצט האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און געפרעגט:

„אָבער ווי קומט איר אויף אַזאַ שיף, בען? איר זענט דאָך שוין אַן עלטערער מענטש און אַן אויסגעצייכנטער מאַטראָז. ווי קומט עס, וואָס איר אַרבעט אויף אַזאַ שיף?"

בען בראַס האָט שטיל געזאָגט:

„דו ביזט גערעכט... דאָס איז אַ שווערע פראַגע, מיין ליב יינגעלע...״

און אַ ווײַלע ארום האָט ער צוגעגעבן:

„דו ביזט נאָך יונג, בילי, — דו קענסט נאָך נישט דאָס לעבן. דו ווייסט נאָך נישט, וואָס די אומשטענדן קענען מאַכן פון אַ מענטשן. איך בין אַמאָל געווען אַזוי גוט, אַזוי ריין און אַזוי אומשולדיק, ווי דו. מען האָט מיך געצווונגען צו ווערן שלעכט! פאַרשטייסט? איך קען עס אָבער נישט... איך קען קיין שלעכטער נישט זיין!

אַ טיפער זיפץ האָט פאַרהאַלטן זיינע ווערטער. ער האָט אוועקגעדרייט זיין פנים.

מיר האָבן ווידער געשוויגן. אַ לייכטער ים-ווינטל האָט אונדז געגלעט די באַקן, און דערפון איז עפּעס לייכטער געוואָרן אויפן געמיט.

און אָט האָט פּלוצלונג דערדאָזיקער שטאַרקער דערוואַקסענער מענטש זיך ערנסט אָנגערופן צו דעם שוואַכן יינגעלע מיט אַ טאָן, ווי מען רעדט צו אַ קלוגן חבר:

„בילי, דו ביזט יונג, אָבער איך קוק נישט דערויף... איך וועל דיר דערציילן מיין געשיכטע...״

„בען...״ — האָב איך אים אָנגענומען ביי דער האַנט. — „דערציילט...״

דאַנקבאַרע טרערן האָבן מיר אָנגעפילט די אויגן.

„מיין געשיכטע איז אַ קורצע,״ — האָט ער געזאָגט.

„דערציילט אַ קורצע, בען!..״

„איך דערצייל,״ — האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

און ער האָט אָנגעהייבן:

„איך בין אַליין אַ האָלענדער. מיין פאָטער האָט געהאַט אַן אייגענע שיף, אויף וועלכער ער איז אַליין געווען דער קאַפּיטאַן.

ווען איך זאָג קאַפּיטאַן, איז עס נישט ריכטיק. קאַפּיטאַן הייסט דער פירער פון אַ קריגסשיף אָדער פון אַ פּאַסאַזשירשיף, אָבער דער פירער פון אַ געוויינלעכער שיף, וואָס פירט נאָר סחורה, הייסט אַ סקיפּער. און מיין פאָטער איז געווען אַ סקיפּער. מיך אָבער האָט ער נישט געוואָלט מאַכן פאַר אַן איינפאַכן סקיפּער, נאָר פאַר אַן אמתן קאַפּיטאַן. אַזוי ווי ענגלאַנד האָט דעם גרעסטן און דעם בעסטן פלאָט אויף דער וועלט, האָט ער מיך אַריינגעגעבן אין אַן ענגלישער ים-שולע, איך זאָל דאָרט לערנען אַלץ, וואָס מען דאַרף קענען צו ווערן אַ שיפקאַפּיטאַן.

מיין פאָטער איז געפלויגן זייער הויך. ער האָט געוווסט, אַז איך האָב גוטע פעיקייטן, דאָס הייסט אַ גוטן קאָפּ און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל באַלד ווערן אַן אַדמיראַל, אַ קאָמאַנדאָר, אַ קאָמאַנדיר פון אַ גאַנצן פלאָט. איך וועל מיך אויסצייכענען אין מלחמות און מיין נאָמען וועט קלינגען פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן.

דעמאָלט איז געווען זייער בארימט דער ענגלישער אַדמיראַל נעלסאָן. אַלע האָבן גערעדט פון אים. מען האָט דערציילט פון אים ממש נסים און מיין פאָטער האָט געמיינט, אַז איך וועל ווערן אַ צווייטער נעלסאָן, אַ קאָלומבוס, אַ וואַסקאָ דע גאַמאַ, אַ קאַפּיטאַן קוק...

איך האָב געלערנט זייער פלייסיק און האָב גאַנץ גוט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. איך האָב געמיינט, אַז קוים האַלט איך אויס דעם עקזאַמען, וועט מען מיר באַלד געבן אַ שיף מיט האַרמאַטן, מיט מאַטראָזן, און איך וועל באַלד אַרויספאָרן איינעמען די גאַנצע וועלט. מיין פאָטער האָט אויך אַזוי געמיינט, און דידאָזיקע מיינונג האָט זיך אין אים פאַרשטאַרקט, ווען ער האָט מיך איינמאָל מיטגענומען אויף זיין שיף און האָט איינגעזען, אַז איך פיר זי בעסער פון אים. ער איז געווען אַ פּראַקטישער מאַטראָז, ער האָט פון

פראַקטיק זיך אויסגעלערנט צו פירן אַ שיף. איך האָב עס אָבער געלערנט אין דער גוטער ענגלישער ים-שולע, ווו מען קען טאַקע אַרויס אַ לייט.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון דער קורצער נסיעה מיט מיין פאָטער, זענען מיר באַלד געפאָרן קיין ענגלאַנד און האָבן זיך געמעלדעט צום פלאָט-מיניסטער מיט אַ בקשה, ער זאָל מיך אויפנעמען אַלס אָפיציר אינם ענגלישן פלאָט. דער מיניסטער האָט אונדז אויפגענומען גאַנץ פריינטלעך, האָט ערנסט אַריינגעקוקט אין מיין דיפלאָם און זיך אָנגערופן:

„לויט די ענגלישע געזעצן קען אַ יונגערמאַן אַריינטרעטן אין פלאָט, ווי אַ יונג. מיט דער צייט קען ער ווערן דער פערטער אָפיציר. אויב ער וועט זיך גוט אויפירן, וועט ער שטייגן, באַטיר-לעך. דאָס מוז אָבער צוגיין זייער לאַנגזאַם. אַזעלכע יונגעלייט קענען מיר נישט פאַרטרויען קיין שיף".

איך בין אַראָפּגעפאַלן פון מיינע זיבן הימלען. מען גיט מיר נאָך אַזוי גיך נישט קיין שיף. איך קען נאָך נישט אַרויספאָרן איינעמען די וועלט. איך בין געווען שטאַרק דערשלאָגן און צעקלאַפּט. פון אַלע מיינע האָפענונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בארג אַש. מיין פאָטער האָט אָבער די האָפענונג נישט פאַרלאָרן ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט, אַז איך וועל ווערן אַ נעלסאָן, אַ קאָלומבוס, אָדער אַ קאַפּיטאַן קוק...

ער האָט מיר איינגערעדט, איך זאָל אָננעמען די קליינטשקע באַשיידענע שטעלע, וואָס דער ענגלישער מיניסטער לעגט מיר פאָר. איך האָב אים געפאָלגט, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך שוין געטראָגן דעם מונדיר פון אַ ענגלישן ים-סאָלדאַט מיטן טיטל קאַפּראַל.

אונדזער שיף איז געשטאַנען אין פאָרט פלימוט. מיר האָבן נישט געהאַט וואָס צו טאָן און פלעגן אַרומלויפן גאַנצע טעג אין

די גאסן. איך האָב געהאַט גענוג געלט און האָב געלעבט אַ פרייליך פאַרשווענדעריש לעבן.

צו יענער צייט האָב איך מיך באַקענט מיט אַ מיידל אין האָב מיך פאַרליבט אין מיר. דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירליך אין מיינע יאָרן. אַזוי ווי איך האָב גאָר קיין אַרבעט נישט געהאַט אויף דער שיף, פלעג איך פאַרברענגען מיין צייט ביי מיין געליבּ־טער. איך פלעג פירן צו איר מיינע חברים, און מיר האָבן טאָג און נאַכט געהוליעט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָב איך אויסגעפונען, אַז דער דריטער אָפיציר פון אונדזער שיף גייט אַרום מיט מיין געליבטער אונטערן אָרעם. עס איז געווען קלאָר, אַז איך פאַרליר מיין געליבטע.

דו ביזט נאָך צו יונג, בילי, איך קען דיר נישט אַלץ דער־ציילן, וואָס עס האָט פאַסירט צווישן מיר און דעם דריטן אָפיציר. מיר האָט אויסגעוויזן, אַז איך בין אַזאַ בעל־יחוס, ווי ער, און מיר מעגן זיך שלאָגן אויף אַ דועל. מיין קעגנער איז אָבער געווען קליגער פון מיר. ער האָט נישט געוואָלט ריזיקירן מיטן לעבן איבער אַ לייכטזיניק מיידל, און ער האָט מיך בעסער פאַרקלאָגט ביים שיפ־קאַפּיטאַן.״

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט בען בראַס אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין מאַטראָזנהעמד און האָט מיר געוויזן דאָס לייב. דער גאַנצער רוקן איז אים געווען באַדעקט מיט לאַנגע רויטע צייכנס, ווי מיט אַ נעץ.

„ווייסטו, וואָס דאָס זענען פאַר אַ צייכנס, בילי?״ — האָט בען געפרעגט.

„איך ווייס נישט״, — האָב איך געזאָגט.

„האָסטו געהערט פון דער „קאַץ מיט ניין עקן״? — האָט ער געפרעגט מיט אַ בלאַס שמייכעלע.

„איך האָב נישט געהערט", — האָב איך געענטפערט.

„טאָ מעגסטו וויסן, אַז די גוטע און פרומע ענגלישע רעגי־רונג האָט איבערגעלאָזן אויף אירע שיפן פון די גוטע אַלטע צייטן אַ שטראָף פאַר אירע סאָלדאַטן, — אַ לעדערנע בייטש מיט ניין רימענס... יעדער רימען איז אונטן פארגאָסן מיט בליי. די מאַט־ראָזן רופן עס טאַקע „די קאַץ מיט ניין עקן"...

מיט אָט דער „קאַץ" האָט מען מיך באַשטראָפט דערפאַר, וואָס איך האָב ארויסגערופן דעם דריטן אָפיציר אויף א דועל! איך האָב נאַטירלעך, פראָטעסטירט, געשריען, געגוואַלדעוועט איבער גאַנץ ענגלאַנד. עס האָט מיר אָבער געהאָלפן, ווי א טויטן באַנקעס. דער ענגלישער מאַטראָז איז דער אומגליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. קיינער ווייס נישט אַזוי ווי צו מאַטערן זיינע מענטשן, ווי אַן ענגלישער שיפקאַפיטאַן

נאָך אַזאַ באַליידיקונג האָב איך מער נישט געקענט בלייבן אויף דער שיף. אָפּזאָגן זיך האָב איך נישט געקענט, ווייל איך האָב אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט אויף פינף יאָר. וואָס האָב איך דען געקענט טאָן? איך האָב געמוזט אַנטלויפן. ווייסטו, בילי, ווי מען הייסט, ווען מען אנטלויפט פון אַ קריגסשיף?"

„מען הייסט אַ דעזערטיר", — האָב איך געענטפערט.

„יאָ, בילי, מען הייסט אַ דעזערטיר, און דאָס מענטשנפריינט־לעכע ענגלאַנד ווייס ווי צו באַשטראָפן אַזאַ איינעם. אין קיין לאַנד אין דער וועלט זענען נישט איינגעפירט אַזעלכע האַרבע שטראָפן, ווי אין דער ענגלישער אַרמיי און פלאָט. יעדער שיפקאַפּיטאַן איז א מלך אויף זיין שיף און ער מעג טאָן מיט די מאַטראָזן, וואָס ער וויל.

איצט, בילי, קענסטו שוין אוודאי פאַרשטיין, פאַרוואָס איך געפין מיך אויף דערדאָזיקער שיף. איך בין אַנטלאָפן אויף איר פון ענגלאַנד. נאָר אויף אַזאַ שיף בין איך זיכער פאַר דער ענג־

לישער „קאַץ מיט די ניין עקן". איך דאַרף דיר נישט זאָגן, אַז איך האָב נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ שיף דאָס איז. די „ראַפּינאַ" איז געקומען קיין פּלימוט אונטער דעם רוסישן פלאַג. איך האָב גערעכנט, אַז אויף אַ רוסישער שיף וועל איך זיין זיכער".

„אַ רוסישן פלאַג?" — האָב איך געפרעגט — „צו אונדז איז זי דאָך געקומען אונטער אַ בראַזילישן פלאַג! איך מיין דאָך, אַז די „ראַפּינאַ" איז אַ בראַזילישע שיף".

בען בראַס האָט זיך צעלאַכט.

„וואַרט, בילי", — האָט ער געזאָגט, — „דו וועסט נאָך זען אויף אונדזער שיף אַן ענגלישן פלאַג און אַ טערקישן פלאַג און אַפילו אַ כינעזישן. די „ראַפּינאַ", ווי יעדע פּיראַטן-שיף, געהערט נישט צו אַ באַשטימטן לאַנד און האָט נישט קיין באַשטימטן פלאַג. יעדעס מאָל ציט זי אַרויף אַן אַנדער פלאַג, ווי עס פּאַסט איר..."

בען בראַס האָט זיך פאַרטראַכט. די זכרונות פון דער ענגלישער שיף האָבן אים זייער וויי געטאָן.

איך בין געזעסן און געשוויגן. דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט.

די צייט האָט זיך געצויגן. איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און געזאָגט:

„בען, איך קען נישט לעבן אויף א נדזער שיף, עס עטיקט מיך דאָ..."

ער האָט נישט געענטפערט, און איך האָב ווייטער געזאָגט:

„איך האָב מיך אַנטשלאָסן צו אַנטלויפן ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט, בען..."

ער האָט געפרעגט:

„דו מיינסט עס ערנסט, בילי?"

„יאָ", — האָב איך געזאָגט.

„וועלן מיר לויפן צוזאַמען..."

„בען!" — האָב איך אויסגערופן.

און ער האָט געזאָגט:

„מיר פאָרן איצט קיין אפריקע. דאָרט איז אומעגלעך צו אנטלויפן. א ווילד לאַנד מיט ווילדע מענטשן און חיות. מיר מוזן איבערוואַרטן, ביז די „ראַפּינאַ" וועט אָנקומען קיין אַמעריקע דאָרט וועלן מיר שוין געפינען א מיטל, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער „ראַפּינאַ"...

„אָבער, אך, ווילאַנג, ווילאַנג וועט עס נאָך דויערן?" — האָב איך מיר געצאַפּלט. — „ווילאַנג וועל איך נאך ליידן?"

„דו וועסט מער נישט ליידן, בילי", — האָט בען ווייך געענטפערט. — „זאָג קיינעם נישט פון דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן איצט גערעדט. שווייג און שווייג!.."

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אויפגעהייבן און איז אוועק מיט זיכערע טריט.

דאָס איז געווען די ערשטע נאכט, וואָס איך האָב רויק געשלאָפן מיט גוטע לויטערע חלומות...

קאַפּיטל אַכט.

מיר זענען איצט געפאָרן מיט אַלע זעגלען. אונדזער קאַפּיטאַן האָט זיך געאײַלט. ער פלעגט אַליין שטיין בײַם ראָד און האָט אָנגעפירט מיט דער שיף.

לכתחילה האָב איך, נאַטירלעך, נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס אונדזער קאַפּיטאַן איז פּלוצלונג געוואָרן אַזוי ניכטער און אַזוי פּאַרזיכטיק. ביז אַהער פלעגט ער זיך פאַרלאָזן אויף זײַן ערשטן אָפיציר און אַליין פלעגט ער זיך וואַלגערן אין קאַיוטע אַ שיכורער. די זאַך איז מיר אָבער באַלד קלאָר געוואָרן.

וואָס נענטער מיר זענען צוגעקומען צום יבשה־ברעג, אַלץ עפטער האָבן מיר באַגעגנט שיפן. דער קאַפּיטאַן פלעגט שטיין אויפן בריקל מיט אַ שפּאַקטיוו אין דער האַנט און פלעגט זיך גוט צוקוקן צו יעדער שיף, וואָס ער פלעגט דערזען פון דערווייטנס.

איך האָב געזען, ווי מען האָט אַרויפגעצויגן אויף אונדזער שיף דעם פראַנצויזישן פלאַג, דעם שפּאַנישן פלאַג, דעם שוועדישן פלאַג און אפילו דעם רוסישן פלאַג...

בען בראַס האָט מיר דערקלערט, וואָס דאָס איז. ווען דער קאַפּיטאַן דערזעט, אַז מען ציט אַרויף דעם פֿלאַג אויף אַן אָנבאַגעגנטער שיף, איז דאָס אַ צייכן, אַז מען באַגריסט די פֿרעמדע שיף און מען פֿרעגט, ווער זי איז און פֿונוואַנען זי איז. אונדזער קאַפּיטאַן גאַרט אַזויאַרום אָפּ די פֿרעמדע שיפֿן. ווען אַ שיף שטעלט אַרויס אַ פֿלאַג פֿון שפּאַניע, דאָס הייסט, אַז זי זאָגט, אַז זי איז אַ שפּאַנישע שיף, שטעלט אונדזער קאַפּיטאַן אַרויס אַ רוסישן פֿלאַג. שפּאַניע מיט רוסלאַנד געהערן זיך נישט אָן. אַזויאַרום האָט די פֿרעמדע שיף נישט וואָס צו קומען נענטער צו אונדז און לאָזט אונדז צורו.

אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן האָב איך דערזען, ווי אַלע מאַטראָזן אויפֿן דעק לויפֿן אַרום זייער אומרויִק. דער קאַפּיטאַן מיטן ערשטן אָפֿיציר זענען געשטאַנען אויפֿן בריקל, יעדער מיט אַ שפּאַקטיוו אין דער האַנט.

אַלע האָבן געקוקט אויף אַ געוויסן פּונקט ערגעץ ווייט אין ים. איך האָב אויך אַ קוק געטאָן אויף יענעם פּונקט און האָב דערזען אַ רויך.

„אַ דאַמפּער!"—האָב איך אויסגערופֿן מיט גרויס שמחה.

וואָס האָב איך מיך געפֿרייט, ווייס איך נישט. איך האָב מיך געפֿילט בעסער, מוטיקער און פֿריילעכער, ווען איך האָב דערזען דעם רויך פֿון אַ דאַמפּער. איך האָב געוווּסט, אַז אַ דאַמפּער איז געוויס נישט קיין שקלאַפֿנשיף. איך האָב אויך געוווּסט, — בען בראַס האָט עס מיר געזאָגט, — אַז די פּראַכטשיפֿן, וועלכע פֿאָרן אין דער סביבה פֿון אַפֿריקע, זענען געוויינלעך זעגלשיפֿן.

„וואָס קען עס זיין פֿאַר אַ דאַמפּער?" האָב איך מיך געפֿרעגט. — „אפשר איז עס אַ קריגסשיף? אפשר אַ שיף, וועלכע יאָגט זיך נאָך די שקלאַפֿנהענדלער?"

איך האָב געזוכט בען בראַסן מיט די אויגן און האָב אים

נישב געקענט געפינען. דער קאַפּיטאַן האָט אים אַרויפגעשיקט אויף אַ זעגלבוים.

באַלד בין איך געוואָר געוואָרן, וואָס דאָס איז פאַר אַ סאָרט שיף. איך האָב געזען, ווי דער קאַפּיטאַן האָט געגעבן אַ באַפעל מען זאָל אַרויפציען אַלע זעגלען. ווי עס איז נאָר געווען אַ שטיקל לייוונט, האָט מען עס צוגעבונדן צו די זעגלביימער.

ווען אַלע זעגלען זענען געווען אָנגעצויגן, האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעדרייט די שיף.

עס איז קלאָר: מיר אַנטלויפן. דער דאַמפער איז אַ קריגס-שיף, וואָס יאָגט נאָך די שקלאַפנהענדלער.

איך האָב געציטערט פאַר פרייד. איך בין געווען זיכער, אַז דער דאַמפער וועט אונדז אָניאָגן, מען וועט אונדז כאַפּן, איך וועל דערציילן מיין געשיכטע און מען וועט מיך ברענגען אַהיים צו מיינע עלטערן. צום גליק, איז דער קאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין זייער אַרבעט, אַז זיי האָבן לחלוטין אין מיר פאַרגעסן. זיי האָבן מיר נישט געגעבן קיין אַר-בעט און איך האָב צייט צו שטיין אויפן דעק און צו באַטראַכטן, וואָס דאָ וועט פאַרקומען.

און עס איז געווען וואָס צו זען. קוים האָט דער דאַמפער באַמערקט, אַז די „ראַפּינאַ" דרייט זיך אויס, האָט ער „אַרויסגע-וויזן" זיינע פאַרבן. ער האָט אַרויפגעצויגן די גרויסע ענגלישע קריגספאָן, אַ גרויסע ווייסע פאָן מיט אַ רויטן קרייץ אינדערמיט און אויבן אַ בלויער קאַסטן מיט אַ רויטן טאָפּלקרייץ.

אַך, איך האָב איצט דערזען די פאָן פון מיין היימלאַנד! איך האָב באַלד דערזען, אַז אונטער דעם גרויסן ווירעקיקן פלאַג האָט מען אַרויסגעהאָנגען אַ קלענערן פלאַג, אַ דרייעקיקן, מיט אַן אַנדער פאַרב. איך האָב נישט געוווסט, ווי דאָס הייסט און וואָס עס מיינט דערמיט. ערשט שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דאָס

האָט מען געהייסן אונדזער שיף, זי זאָל בלייבן שטיין. אונדזער קאַפּיטאַן האָט אָבער נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים אויפֿן שטרענגן פֿלאַג־לשון און האָט געמאַכט פּליטה.

ער איז געשטאַנען אויף זיין בריקל מיט אַ זילבערן פּייפּעלע אין מויל און צוגעוואָרפֿן זיינע באַפֿעלן צו די מאַטראָזן. ערשט איצט האָב איך געזען דעם אונטערשיד צווישן אַ גוטן מאַטראָז און אַ שלעכטן. די גוטע מאַטראָזן האָבן געקלעטערט, ווי די קעץ אויף די זעגלביימער, האָבן געצויגן די זעגלען, אויסגעדרייט די רייען, האָבן געבונדן, געקניפּט, געשניטן און געאַרבעט, ווי די שדים.

איך האָב געזען, ווי בען בראַס האָט געאַרבעט. ער איז באמת געווען דער בעסטער מאַטראָז אויף דער שיף. ער האָט געאַרבעט פֿאַר צען מענטשן. איך האָב אָבער געוווסט, פֿאַרוואָס עס ברענט אים אַזוי אונטער די הענט: ווען די ענגלישע שיף זאָל אים כאַפּן, וועט מען אים דערשיסן. ער איז דאָך אַ דעזערטיר. איך אַליין האָב איצט געוואָלט, מיר זאָלן זיך ראַטעווען פֿונם ענגלישן קרייצער, ווי מען האָט אים גערופֿן.

און אָט אַזוי ווי איך בין געשטאַנען און האָב מיך צוגעקוקט צו דערדאָזיקער אויסטערלישער סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פֿאַר מיינע אויגן, האָב איך דערזען, ווי פֿון דעם ענגלישן קרייצער האָט זיך געוויזן אַ רויך און באַלד דערויף — טראַך־טאַראַראַך! דער קרייצער האָט אויסגעשאָסן צו אונדז. די שווערע האַרמאַטן־קויל איז געפֿאַלן אַ פּאָר הונדערט שריט פֿון אונדזער שיף. איך האָב געזען, ווי זי איז אַריינגעפֿאַלן אין וואַסער. איך האָב געזען, ווי דאָס וואַסער האָט אויפֿגעשפּריצט און אויפֿגעקאָכט אויף דעם אָרט, וווּ די קויל איז אַריינגעפֿאַלן.

„מיר זענען פֿאַרלאָרן!" — האָב איך אויסגערופֿן.

איך בין נאָך געווען צו יונג און האָב צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזען אַ יאַגד אויפֿן ים. איך האָב פֿעסט געגלויבט

אַז דער קרייצער וועט אונז אָניאָגן, וועט אַריינשיסן אַ שווערע קויל אין אונזער „ראַפּינאַ" און מיר וועלן אַלע אונטערגיין. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז אַ גוטע זעגלשיף גייט שנעלער פון אַ דאַמפער. איך האָב דאַמאָלט נישט געוווּסט, אַז אַ גוטער קאַפּיטאַן מיט מאַטראָזן, ווי בען בראַס, קען זיך שטענדיק אויסדרייען פון אַ שווערער אומגעלומפּערטער קריגסשיף.

אונדזער קאַפּיטאַן האָט זיך זייער ווייניק געקימערט, וואָס דער ענגלישער קרייצער האָט געשאָסן. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו־שפּילן מיט אים. קוים האָט דער קרייצער אויסגעשטעלט זיינע האַרמאַטן צום שיסן, האָט זיך די „ראַפּינאַ" אויסגעדרייט, ווי אַ קאַץ, אין אַן אַנדער זייט און האָט זיך קונציק דערווייטערט.

איך האָב מיר געקענט פאָרשטעלן, ווי דאָס האָט מסתּמא פאַרדראָסן דעם קאַפּיטאַן פונעם ענגלישן קרייצער, ווען ער האָט געזען, ווי די „ראַפּינאַ" לאַכט פון אים און דרייט זיך אַרום, ווי אַ שלאַנג ביי אים אונטער דער נאָז.

פינף לאַנגע און שווערע שעה האָט געדויערט דער דאָזיקער אויסטערלישער יאָגד. דער קרייצער האָט נישט אויפגעהערט צו שיסן, די „ראַפּינאַ" האָט אים אויסגעמיטן. איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען אויפן דעק און האָב, נישט ווילנדיק, געציטערט. איך פלעג אָפט בעטן גאָט אין מיינע געדאַנקען, אַז דער ענגלישער קרייצער זאָל אונדז באַזיגן און זאָל צונעמען אונדזער שיף. באַלד אָבער האָב איך מיך דערמאָנט, אַז קוים וועט מען כאַפּן בען בראַסן, אַלס דעזערטיר, איז ער, נעבעך, אַ פאַרפאַלענער און איך האָב שוין ווידער געבעטן גאָט, מיר זאָלן זיך אַרויסדרייען בשלום.

און אָט איז צוגעפאַלן די נאַכט. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינטל, די „ראַפּינאַ" האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און איז געלאָפן, ווי ווייט זי האָט געקענט. דער ענגלישער קרייצער האָט

אויפגעהערט צו שיסן. וואהין וועט ער שיסן ביינאַכט? אויף וועמען וועט ער שיסן אינדערפינסטער?

די מאַטראָזן אויף דער „ראַפּינאַ" זענען געווען שרעקלעך מיד. זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט, ווי די פערד. איך האָב גערעכנט, אַז איצט וועלן זיי זיך שוין אָפּורען. צו מיין גרעסטער פאַרוואונדערונג אָבער האָב איך דערהערט אַ שאַרפן שנעלן קליי-נעדיקן פייף. דער קאַפּיטאַן האָט געגעבן אַ באַפעל:

„אויפרוימען!"

אַלע מאַטראָזן זיינען אַראָפּגעלאָפן אין די קאַיוטעס, אין די אונטערשטע אָפּטיילונגען פון דער שיף און האָבן אָנגעהייבן צו אַרבעטן. זיי האָבן צעבראָכן די הילצערנע קראַטעס, אין וועלכע קליאַטשע מיט זיינע העלפער האָבן אַריינגעלייגט אַזויפיל מי; זיי האָבן צע-ריסן און באַהאַלטן די קייטן, פאַרגראָבן די ביקסן, שווערדן און אַנדערע קריגסמאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער שיף.

„ווו אָבער קען מען עפּעס באַהאַלטן אויף אַ שיף?" — האָב איך געפרעגט זיך אַליין.

דאָס בין איך אָבער באַלד געוואָר געוואָרן. די „ראַפּינאַ" האָט געהאַט טאָפּעלע ווענט. צווישן איין וואַנט און דער אַנדערער איז געווען אַ ליידיקער חלל, ווו אַ מענטש האָט געקענט דורכגיין. דאָרט האָט מען איצט באַהאַלטן אַלץ, וואָס האָט נאָר געקענט עדות זאָגן, אַז די „ראַפּינאַ" איז אַ שקלאַפנשיף.

ווען מען האָט אַלץ באַהאַלטן, האָט מען אָנגעהייבן צו עפע-נען פאַרשידענע קעמערלעך, ווו מאַנכע מאַטראָזן האָבן זיך באַ-האַלטן. איך האָב שוין פריער דערציילט, אַז אויף דער „ראַפּינאַ" זענען געווען צופיל מאַטראָזן. איצט, ווען מען האָט זיך געריכט, אַז די קריגסשיף וועט נישט אָפּלאָזן און עס קען געמאָלט זיין, אַז מען זאָל זיך מוזן אונטערגעבן, האָט דער קאַפּיטאַן זיך געוואָלט באַוואָרענען אויף אַלע פאַלן. ער האָט באַשלאָסן, אַז אין ערגסטן

פאַל וועט ער דערקלערן, אַז ער איז אַ סוחר און זיין שיף איז אַ געוויינלעכע האַנדלסשיף. דערצו מוז מען אָבער האָבן אַ פּאַספּאָרט.

עס איז אַ געזעץ ביי אַלע פעלקער, אַז אַ שיף מוז האָבן אַ פּאַספּאָרט, ווי אַ מענטש. ווען אַ שיף קומט צו אַ גרויסן פּאָרט, האָט די רעגירונג פון יענעם לאַנד דאָס רעכט צו פאָדערן ביים קאַפּיטאַן דעם פּאַספּאָרט פון זיין שיף. אין פּאַספּאָרט שטייט, ווו די שיף איז געבויט געוואָרן, ווי גרויס זי איז, צו וועמען זי געהערט און וואָס פאר אַ סחורה זי פירט. עס זענען דאָ שיפן וועלכע פירן בלויז שווערע שמוציקע און פייער - געפערלעכע פּראַכטן, ווי נאַפט, בענזין און דאָסגלייכן. אַנדערע שיפן, ווידער, פירן לוקסוס - זאַכן: גאָלד, זילבער, וואַלוטע.

אין פּאַספּאָרט שטייט ווייטער, ווער דער קאַפּיטאַן איז און וויפל מאַטראָזן עס געפינען זיך אויף זיין שיף.

דער פּאַספּאָרט פאַר אַ שיף איז אין פלוג אַ סך נייטיקער ווי דער פּאַספּאָרט פאַר אַ מענטשן. עס איז געווען אַ צייט, ווען מען איז נישט געווען זיכער אויפן ים. אויפן ים זענען געווען מער באַנדיטן, ווי אויף דער יבשה. עס פלעגן אַרומפאָרן ים - גזלנים אָדער פּיראַטן, וועלכע פלעגן אָנפאַלן אויף די גרעסטע שיפן, פלעגן טויטן די פּאַסאַזשירן און צונעמען דאָס גאַנצע האָב און גוטס פון די שיפן. די פּיראַטן זענען מיט דער צייט געוואָרן אַזוי פרעך און חוצפּהדיק, אַז זיי פלעגן אָנפאַלן אפילו אויף קריגסשיפן.

דאָס האָט געצווונגען אַלע פעלקער, זיי זאָלן זיך פאַרייניקן און אויסרייניקן די ימים פון פּיראַטן. דעמאָלט האָט מען איינגעפירט, אַז יעדע שיף מוז האָבן אַ פּאַספּאָרט. אָט דאָס געזעץ ווערט אָפּגעהיט זייער שטרענג ביז היינט צו טאָג.

אונדזער קאַפּיטאַן האָט אויך געהאַט אַזאַ פּאַספּאָרט. צי אַ ריכטיקער, צי אַ פאַלשער, ווייס איך נישט. מסתּמא — אַ פאַלשער.

איך האָב געהער־ט גאַנץ גוט, ווי דער קאַפּיטאַן האָט געזאָגט צו זיין ערשטן אָפיציר:

„מיר מוזן ברענגען אין אָרדענונג אונדזערע פּאַפּירן!..״

מיט די ווערטער זענען ביידע אריינגעגאנגען אין זייערע קאַיוטעס. איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, אַז דער שיפקאַפּיטאַן האָט מורא געהאַט, טאָמער, אַ קשיה אויף אַ מעשה, וועט אָנקומען נאָך אַ קרייצער. קעגן צוויי קרייצערס וועט ער נישט קענען ביי־שטיין, דערפאַר האָט ער זיך געוואָלט באוואָרענען מיט די פּאַפּירן.

אַרום צען אַ זייגער ביינאַכט איז געווען שטיל אויף דער „ראַפּינאַ״. דער קאַפּיטאַן האָט געהייסן די מאַטראָזן גיין עסן, אָבער נאָכן עסן מוזן אַלע ווידער זיין אויפן דעק. מען האָט אָפּ־געגעסן. דערפאַר אָבער האָט קיינער נישט געטרונקען. אין אַזאַ צייט טרינקט מען נישט.

נאָכן עסן האָט מען זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט אַזוי ווי עס האָט געבלאָזן אַ גינסטיקער ווינט, האָט מען געטריבן ווייטער די שיף. מיר זענען אַנטלאָפן, ווי די רוחות. צו ראַנגלען זיך מיט אַ קרייצער איז, אַפּנים, נישט פון די געשמאַקע זאַכן.

אינדערפרי איז דער ים געווען ריין. מען האָט אין ערגעץ מער נישט געזען קיין ענגלישע שיף. מיר זענען גליקלעך אַנטלאָפן פון אונדזערע פאַרפאָלגער.

דאָס אַנטלויפן פון׳ם ענגלישן קרייצער האָט אונדז געקאָסט עטלעכע טעג. מיר זענען אַנטלאָפן אין אַן אַנדער זייט און האָבן פאַרלוירן דעם קורס, און איצט האָבן מיר געמוזט נאָך ווייטער לויפן. אונדזער קאַפּיטאַן האָט גוט געוווּסט, אַז דער קרייצער וועט אונדז געוויס זוכן. מיר האָבן אים געמוזט אָפּנאַרן און פאָרן אויף אַן אַנדער וועג.

אַ גאַנצן טאָג זענען מיר אַזוי געפאָרן און ערשט צומאָרגנס

זעען אונדזער קאַפּיטאַן האָט זיך איבערצייגט, אַז מען זעט נישט מער דעם ענגלענדער, האָט ער אויסגעדרייט זיין שיף צוריק. איצט זענען מיר געפאָרן שנעל, גלייך צו דעם אַפריקאַנישן ברעג.

צום גליק פאַר דער „ראַפינאַ" און צום אומגליק פאַר מיר, האָט זיך אויפגעהייבן אַ שטאַרקער ווינט און מיר זענען געפאָרן זייער שנעל. אויפן דריטן טאָג, פאַרנאַכט, האָבן מיר דערזען דעם ברעג.

„ערד! ערד!" — האָט אויסגעשריען דער מאַטראָז, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך.

אַלע זענען אַרויסגעלאָפן אויפן דעק. איך בין נישט געווען דער לעצטער. איך בין אויך געשטאַנען אויפן דעק און האָב געקוקט אויף דער אומגליקלעכער יבשה, וווּהין מיר קומען אויסצוהרגענען און אויסצוראַבן אַלע מאַנסלייט, פרויען און קינדער.

איך האָב געזען פון ווייטן גרינע בערג, שיינע פעלדער, פרייע לאַנקעס, הויכע ביימער, קענטיק, אַ לאַנד, אין וועלכן מיליאָנען מענטשן וואָלטן געקענט גליקלעך לעבן. די מענטשן ווילן אָבער נישט לעבן גליקלעך: זיי שטיקן און טויטן איינער דעם אַנדערן און פאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין אַ גיהנום.

„אומגליקלעכע, שוואַרצע קינדער פון דער שיינער אַפריקע!" — האָב איך נאַיוו געשעפטשעט. — „אייך פאַרפאָלגן די שטאָלצע ווייסע קינדער פון איראָפּע! אייך פאַרקויפט מען אויף די גאַסן, גלייך ווי איר וואָלט געווען אָקסן און רינדער! פאַרוואָס קומט עס אייך? מיט וואָס האָט איר זיך פאַרזינדיקט? פאַרוואָס קומט אייך אַזאַ האַרבע שטראָף?"

מיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן און עס האָט מיר פאַרקלעמט ביים האַרצן. איך קען איצט נישט זאָגן, פאַרוואָס איך האָב דעמאָלט געוויינט: צי דערפאַר, וואָס איך האָב מיך דערמאַנט אָן מיינע ליבע עלטערן, אָדער ווייל איך האָב געוווּסט, אַז

באַלד, באַלד וועל איך מיך אויך מוזן באַטייליקן אין דערדאָזיקער העכלעכער גיהנמדיקער אַרבעט.

איך האָב געזען אַ ווילד לאַנד: נישט קיין פּאָרט, נישט קיין לייכטטורעם, נישט קיין האַפן און נישט קיין זכר פון מענטשן.

„וווּהין וועלן מיר דען צופאָרן?״ — האָב איך געפרעגט.

אויף דערדאָזיקער פראַגע האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן. ער האָט געהייסן איינציען די זעגלען און זיי צובינדן צו די מאַסטן. דאַן האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט לעבן ראָד און האָט אָנגעהייבן צו פירן די שיף. ער האָט געוווּסט, וווּהין ער פאָרט. ער האָט שוין גוט געקענט דעם וועג. ביי אים איז עס געווען נישט דאָס ערשטע מאָל, נישט זיין ערשטע נסיעה קיין אַפריקע צו קויפן שוואַרצע שקלאַפן.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מיר פאָרן אַרויף גלייך אויפן ברעג. עס האָבן זיך אַפילו געפונען אייניקע מאַטראָזן, וועלכע האָבן אויסגערופן מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן:

„מיר פאָרן דאָך אויף די ביימער!״

די עלטערע מאַטראָזן האָבן זיי אויסגעלאַכט. זיי האָבן שוין געוווּסט, וווּהין מיר פאָרן, ווייל זיי זענען שוין איינמאָל געווען ביי דעמדאָזיקן ברעג.

באַלד האָב איך דערזען, וווּהין מיר פאָרן. אַ שנעלער און טיפער טייך האָט זיך דאָ אַריינגעגאָסן אין ים. אין דעם אָרט, ווו ער איז אַריינגעפאַלן אין ים, איז ער געווען גאַנץ שמאָל און פון ביידע זייטן פאַרשטעלט מיט הויכע ביימער. זיי האָבן אים אינגאַנצן פאַרשטעלט און פאַרדעקט. ערשט ווען די „ראַפינאַ״ איז צוגעקומען נאָענט צום טייך, האָב איך פאַרשטאַנען דעם קאַפּיטאַנס אַרבעט.

דערווייל איז געוואָרן נאַכט און די „ראַפינאַ״ האָט געמוזט אַראָפּלאָזן דעם אַנקער און בלייבן שטיין. עס איז געווען גאַנץ

פרייליך אויפן דעק. דער קאפיטאן האט געהייסן ארויפקייקלען אויפן דעק א פעסל ראם. אלע האבן איצט געמעגט טרינקען. די ווילדע מאטראזן האבן זיך נישט געלאזן בעטן און יעדער האט געטרונקען, וויפל ער האט געוואלט.

איך האב אבער נישט געטרונקען. אין מיר האט געלעבט עפעס א ירושה - האס צו שנאפס. איך האב נישט געקענט הערן דעם ריח פון בראנפן.

איך בין מיר פארקראכן אין א ווינקעלע און האב געקוקט אויפן אומבאקאנטן ברעג. אפריקע איז א וואונדערלאנד. צום ערשטן מאל אין מ״ין לעבן האב איך געזען ריזיקע פאלמענביימער.

איך בין אמאל געווען ביי לארד עלפינגסטאן אין גארטן. דארט האב איך געזען קליינע נידעריקע פאלמענביימער, געפלאנצט אין פעסער. איך האב געמיינט, אז זיי וואקסן נישט העכער. איצט אבער האב איך דערזען ריזן. יעדער בוים איז געווען א וואסערע פופציק זעכציק פוס די הויך און די דיק, אז צוויי מענטשן האבן אים נישט געקענט ארומנעמען.

עס זענען דא פארשידענע סארטן פאלמען. אויף מאנכע וואקסן טייטלען, אויף אנדערע קאקאסניס.

עפטער זעען מיר דידאזיקע פירות. מיר עסן זיי צומאל, אבער מיר זעען נישט, ווי זיי וואקסן.

איצט האט זיך אויסגעשיילט פאר מיר די אפריקאנישע וועלט מיט איר גאנצן גלאנץ און רייץ.

איך וואלט אוודאי געטאנצט פאר פרייד, ווען איך זאל נישט געווען זיין אויפן דעק פון א שקלאפנשיף. עס איז שיין, עס איז ווניק, אבער די מענטשן... אך, די מענטשן

איך בין איבערגעזעסן א גאנצע נאכט אין מיין ווינקעלע. עס איז געווען א קלארע, העלע, ווארעמע נאכט. די שטערן האבן געלייכט און געפינקלט, ווי טראפעלעך גאלד. אין אונדזערע קאל-

טע לענדער זענען די שטערן קליין און טונקל, אין דרום־אפריקע זענען זיי העל און גרויס. עס פארכאפט דאס אויג.

ערשט גאנץ פרי בין איך אנטשלאפן געווארן. איך בין אבער געשלאפן נישט לאנג. קוים איז געווארן טאג, קוים האט זיך געוויזן די העלע ליכטיקע זון, האט דער קאפיטאן אלעמען אויפגעוועקט. מיר זענען ווייטער געפארן.

דאסמאל אבער זענען מיר געפארן נישט לאנג, אינגאנצן א פאר שעה. מיר זענען געפארן אין טייך מיטן וואסער ארויף. דאס איז געווען נישט קיין ברייטער טייך, דערפאר אבער זייער א טיפער. זיינע וואסערן זענען געווען שווארץ.

צולעצט זענען מיר געבליבן שטיין. דער קאפיטאן האט געהייסן אראפלאזן ביידע אנקערס און באפעסטיקן די שיף. ווי יונג איך בין געווען, האב איך דאך פארשטאנען, אז מיר זענען שוין אנגעקומען און דא וועלן מיר אויפנעמען אונדזער לאדונג פון מענטשנפלייש.

אין דער צייט, וואס די מאטראזן זענען געווען באשעפטיקט מיטן באפעסטיקן די שיף, האב איך געקוקט אויף ביידע זייטן פונם טייך. איך האב געזוכט א מענטשן. איך בין געווען נייגעריק צו וויסן, ווו מיר זענען געקומען און צי וועט אונדז דא עמעץ באגריסן. איך האב אבער געזען בלויז וואלד און וואלד.

איך האב א קוק געטאן אויפן בריקל. דארט איז געשטאנען דער קאפיטאן מיטן ערשטן אפיציר. דער קאפיטאן האט געהאלטן אין דער האנט א קליינע פאן און געפאכט מיט איר. תחילת האב איך געמיינט, אז ער שפילט זיך אזוי, באלד אבער האב איך פארשטאנען, אז אונדזער קאפיטאן איז נישט דער מענטש פון צו שפילן זיך. איך האב א קוק געטאן אין דער זייט, ווו דער קאפיטאן האט געוויזן מיט זיין קליינער פאן און איך האב דערזען,

אַז ערגעץ, נישט ווייט, האָט מען אים אויך געענטפערט מיט אַ קליינער פאָן.

מסתמא געפינען זיך דאָרט מענטשן, וואָס שמועסן זיך איבער דורך צייכנס מיט אונדזער קאַפּיטאַן

דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. באַלד האָבן זיך באַוויזן פון וואַלד עטלעכע מענטשן—אַלע זענען געווען שוואַרץ, עכטע נעגערס. צוערשט איז געקומען נאָר אַ גרופּע פון אַ צען — פופצן מענטשן. זיי האָבן זיך אַנידערגעשט‚לט אויפן ברעג קעגן אונדזער שיף און האָבן געמאַכט פאַרשיידענע צייכנס מיט אַ קליינער פאָן. דער קאַפּיטאַן האָט זיי געענטפערט און האָט אויסגערופן עפּעס אַ פּאָר ווערטער, וועלכע איך האָב נישט פאַרשטאַנען.

האָט ער נאָר אַרויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער, זענען אַרויס-געקומען פון וואַלד נאָך אַ דרייסיק נעגערס. מאַנכע פון זיי האָבן געטראָגן אויפן קאָפּ אַ לאַנג און שמאָל שיפל. זיי זענען צוגע-קומען צום טייך און האָבן אַראָפּגעלאָזן דאָס שיפל אין וואַסער.

איך האָב זיי איצט געקענט באַטראַכטן. דאָס זענען געווען הויכע שטאַרקע מענטשן, שוואַרץ ווי קויל, מיט גראָבע ליפּן און ווילדע פּנימער. בען בראַס האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז עס איז אוממעגלעך צו אַנטלויפן אין אַפריקע, בפרט נאָך אין דערדאָזיקער געגנט, ווו מיר פאָרן, און בען בראַס איז געווען גערעכט. ביי אַזוינע שוואַרצע שדים קען מען נישט געפונען קיין הילף.

צוועלף שוואַרצע שדים האָבן זיך צעריינגעזעצט אין שיפל. אַכט פון זיי האָבן אָנגעהייבן צו רודערן און די איבעריקע פיר זענען אַזוי געזעסן אין שיפל. די אַכט, וועלכע האָבן גערודערט, זענען געגאַנגען גאַנץ נאַקעט. ווען זיי זאָלן נישט האָבן געטראָגן אַ פּאָר בלעטער אויף זייערע לענדן, וואָלט איך געזאָגט, אַז זיי זענען געווען נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט.

די איבעריקע פיר זענען שוין כלומרשט געווען אָנגעטאָן —

אָבער וואָס פאַר אַ קליידער זענען עס געווען! באַזונדערס האָט מיך פאַראינטערעסירט איינער פון זיי.

דאָס איז געווען אַן עכטער נעגער, שווארץ ווי קויל, דיק און קיילעכדיק, ווי אַ פאַס, מיט שרעקלעך גראָבע ליפּן. די ביינער פון די באַקן האָבן אַרויסגעשטעקט אויף עטלעכע צאָל און דער קאָפּ איז געווען פלאַך, ווי ביי אַ חיה.

ווען איך האָב אויף אים אַ קוק געטאָן צום ערשטן מאָל, האָב איך נישט געוווּסט וואָס צו טאָן: צי זאָל איך לאַכן אָדער וויינען. מיר האָט זיך אָבער געוואָלט לאַכן.

דערדאָזיקער נעגער איז געגאַנגען באָרוועס, ווי אַלע זיינע חברים. אַ העמד, אונטערוועש און הויזן זענען נאָך נישט אין דער מאָדע אין אַפריקע. אויפן נאַקעטן קערפּער האָט ער געטראָגן אַן אַלטן רויטן מונדיר פון אַ פאַרצייטיקן פראַנצויזישן אונטעראָפיציר מיט האַלבע עפּאָלעטן און מיט מעשענע קנעפּ. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַן אַלטן צילינדער.

דער מונדיר איז געווען צו ענג פאַרן דיקן נעגער און האָט געפּלאַצט אין איניקע ערטער. דער צילינדער, אַ צעפּלאַטשטער אין עטלעכע זייטן, איז אויך געווען צו קליין אויף אים און איז געזעסן אויפן שפּיץ קאָפּ.

איך האָב מיך שטאַרק צעלאַכט, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט פּלוצלונג באַפוילן:

„זיך אַ יסשטעלן! אַלע אויפן דעק!“

די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינא“ האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען און דער קאַפּיטאַן האָט ווייטער געזאָגט:

„דער גרויסער מלך דשינגאָ מוואַמבאַ קומט צו אונדז מיט אַ וויזיט. כבוד און רעספּעקט פאַר זיין מאַיעסטעט, דעם מלך מוואַמבאַ! קיינער זאָל נישט לאַכן, ווען ער וועט זיך מטריח זיין אויף אונדזער שיף. אַלע זאָלן זיך אָנבויגן פאַרן גרויסן מלך!“

דאַן האָט ער אונדז געהייסן צוגיין צום פֿאָרענץ פֿון דער שיף און אָפּוואַרטן דעם מלך.

איך האָב קיינמאָל נישט געזען קיין מלך. נאָר איינמאָל איז געווען ביי אונדז אין שטעטל אַ פּרינץ און דאָס האָב איך צו אים נישט געקענט צוקומען. איצט וועל איך זען אַ קיסר אויף אונ־דזער שיף. דאָס איז אַ זכיה, נישטאָ וואָס צו רעדן.

דער קיסר מוואַמבאַ מיט זיינע מענטשן זענען טאַקע באַלד צוגעקומען צו אונדזער שיף. מען האָט זיי אַ־אָפּגעוואָרפן אַ ליי־טער און זיין שוואַרצע מאַיעסטעט, מלך דשינגאַ מוואַמבאַ, האָט געהאַט דעם כבוד אַרויפצוקלעטערן אויף דער „ראַפּינאַ".

דער קאַפּיטאַן האָט אים דערלאַנגט די האַנט און האָט אים געהאָלפן אַרויפקריכן אויפן דעק. קוים איז זיין מאַיעסטעט געווען אויפן דעק, האָט אים דער קאַפּיטאַן אויפגענומען מיט גרויס פּאַ־ראַד, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מלך. דאַן האָט ער אים אַריינגעפֿירט צו זיך אין קאַיוטע. מען האָט געזען, אַז זיי זענען שוין געווען גוט באַקאַנט פֿון פֿריער.

אין דער צייט, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט אויפגענומען דעם שוואַרצן מלך, האָט אונדזער ערשטער אָפֿיציר אַריינגערופֿן אין זיין קאַיוטע די דריי נעגערס, וועלכע זענען געקומען מיט אים. דאָס זענען געווען זיינע מיניסטאָרן. די אַכט נעגערס, וועלכע האָבן גע־רודערט, זענען געבליבן אין שיפֿל.

קאַפּיטל ניין.

וואָס אונדזער קאַפּיטאַן האָט גערעדט מיט זיין שוואַרצער מאַיעסטעט, האָב איך, נאַטירלעך, נישט געקענט וויסן. ערשטנס, זענען זיי געזעסן אין דעם קאַפּיטאַנס קאַיוטע און קיינער האָט צו זיי נישט געטאָרט אַריינקומען, און, צווייטנס, האָב איך נישט פאַרשטאַנען זייער לשון.

אין יענע געגנטן פאַרשטייען די נעגערס, וועלכע וווינען ביי די ברעגעס, אַ ביסל פּאָרטוגעזיש, צוליב די פּאָרטוגעזישע סוחרים וואָס האלטן דאָ אין די הענט דעם גאַנצן האַנדל. די נעגערס, האָבן זיך פון זיי אויסגעלערנט עטלעכע ווערטער פּאָרטוגעזיש און די סוחרים, ווידער, וואָס קומען אַהער, האָבן געכאַפּט עטלעכע ווערטער פון דעם לשון, אויף וועלכן עס רעדן די נעגערס.

פון די אַלע שפּראַכן האָב איך נישט פארשטאַנען אַ וואָרט, איך האָב אָבער געוווּסט, פון וואָס זיי רעדן. בען בראַס האָט עס מיר דערקלערט.

די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ" גייען נישט אַליין אויף יאַגד נאָך שוואַרצע שקלאַפן, ווי איך האָב פריער געמיינט. דאָס

באַזאָרגט שוין דער מלך דשינגאָ מוואַמבאַ. ער מיט זיין ארמיי גייען אַרויס אויף יאַגד, פאַלן אָן אויף אַ דאָרף, צינדן עס אונטער און פירן אַוועק אַלע יונגע מענער און פרויען צו זיך.

בעת בראַס האָט מיר אָנגעוויזן אויף אָן אָרט אין וואַלד, ווו מלך דשינגאָ מוואַמבאַ האַלט זיין לעבעדיקע סחורה. ער האַלט זיי אין שטאַרקע שטאַלן, ווי מען האַלט ביי אונדז אָקסן, פערד. ער ווייס, אַז די שקלאַפנהענדלער וועלן קומען צו אים און וועלן שוין אָפּהאַנדלען זיין סחורה.

ווען זיין מאַיעסטעט דאַרף ביטיק געלט און עס איז אים נישט געראָטן גענוג זיין יאַגד, שעמט ער זיך נישט און פאַר־קויפט זיינע אייגענע אונטערטאַנען, דאָס הייסט זיין אייגן פאָלק. דער שקלאַפנהענדלער איז אָבער מער צופרידן, ווען ער געפינט אַ סך פרעמדע סחורה, ווייל דאַן איז די סחורה אַ ביליקערע. דער מלך מוז דאָך געבן צו עסן זיין לעבעדיקער סחורה, און דאָס טויג אים נישט. ער זוכט דעריבער פון איר פטור צו ווערן און פאַר־קויפט זי ביליק.

איך האָב דאָ דערמאָנט דאָס וואָרט געלט. מיינט נישט, אַז מלך דשינגאַ דאַרף האָבן די קיילעכדיקע שטיקלעך גאָלד און זילבער, וועלכע מיר רופן געלט. אַזאַ געלט דאַרף ער נישט. ער דאַרף האָבן ראָם, פולווער און ביקסן. ער נעמט אָבער געלט אויך, ווייל ער ווייס שוין, אַז פאַר געלט קען מען אויפקויפן ראָם, פולווער און קוילן. ער האָט אָבער בעסער ליב צו בייטן מענטשן אויף ראָם, אויף שנאַפּס. דאָס איז איינפאַכער און לייכטער. פאַר אַ פעסל ראָם קויפט מען געוויינלעך צען שטאַרקע יונגע נעגערס, אָדער צוועלף פרויען, אָדער פופצן קינדער פון צען־צוועלף יאָר.

אונדזער קאַפּיטאַן איז געווען זייער פריילעך, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין קאַיוטע מיטן מלך מוואַמבאַ, אַ סימן, אַז

דער מלך האָט מסתמא גענוג סחורה צו פאַרקויפן, און וועט פאַר־קויפן ביליק.

איך האָב גערעכנט, אַז מען וועט באַלד אָנהייבן צו פּאַקן אונדזער לעבעדיקע סחורה און אין אַ דריי־פיר טעג אַרום וועלן מיר שוין קענען אוועקפאָרן. עס האָט מיך אַפילו זייער געקרענקט, וואָס איך בין געווען אין אַפריקע און האָב עס נאָר געזען פונ־דערווייטנס. מיינע פיס זענען נישט אַרויפגעטרעטן אויפן אַפרי־קאַנישן באָדן.

„וואָס וועל איך זאָגן מיינע עלטערן, מיינע פריינט און באַ־קאַנטע, ווען איך וועל אַמאָל קומען אַהיים און זיי וועלן מיך בעטן, איך זאָל זיי עפּעס דערציילן פון אַפריקע?" — האָב איך געטראַכט. — „איך וועל מיך דאָך שעמען אויפצוהייבן די אויגן. ווי וועל איך זיי קענען זאָגן, אַז איך בין געווען אין אַפריקע און האָב נאָר געזען דאָס לאַנד פונדערווייטנס?"

דערדאָזיקער געדאַנק האָט מיך באַאומרויקט.

בען בראַס האָט זיך אָבער צעלאַכט, ווען ער האָט דערהערט פון וואָס איך טראַכט.

„באַרויק זיך, בילי," — האָט ער געזאָגט, — „מיר פאָרן נאָך נישט אַזוי גיך. מיר וועלן דאָ נאָך בלייבן ביי אַ דריי־פיר וואָכן".

„דריי־פיר וואָכן?" — האָב איך געפרעגט. — „ווי איז דאָס מעגלעך? וואָס וועלן מיר דאָ טאָן אַזוי לאַנג?"

„דו ביזט נאָך יונג, בילי, און ווייסט נאָך נישט, וואָס מען דאַרף האָבן פאַר אַזאַ שיף, ווי די „ראַפּינאַ". דו פאַרגעסט, אַז דערווייל געפינען זיך אויף דער שיף עטלעכע און זעכציק מאַטראָזן. איצט וועלן מיר אויפנעמען פון אַ פינף ביז אַכט הונ־דערט שקלאַפן. אַזאַ מאַסע מענטשן דאַרף דאָך עפּעס עסן. מען מוז זיי געבן וואַסער צום טרינקען. די נסיעה פונדאַנען ביז ניו־

אָרלעאַנס דאַרף דויערן פון צוועלף ביז פופצן וואָכן. איצט פאַר־
עטייסטו שוין, וואָס פאַר אַ גרויסע אַרבעט מיר האָבן נאָך דאָ?״
איך האָב מיך פאַרשעמט. איך האָב איינגעזען, אַז איך בין
נאָך זייער און זייער נאַיוו. איך האָב געמיינט, אַז אויף אַ שיף
זעצט מען זיך אויף און מען פאָרט. בען בראַס האָט מיר דער־
קלערט אַזאַ געווײנלעכע זאַך, אַז אַ קינד דאַרף עס פאַרשטיין.
איך האָב געפרעגט בען - בראַסן:
„ווו וועלן מיר נעמען אַזויפיל פלייש און אַנדערע מינים
פּראָוויאַנט פאַר אַזויפיל מענטשן?״
„מיר האָבן נאָך אַ ביסל פּראָוויאַנט פון ענגלאַנד״,—האָט בען
בראַס געענטפערט. — „מיר האָבן געקויפט אין ענגלאַנד מעל און
אַנדערע זאַכן, וואָס ווערן נישט אַזוי גיך פאַרדאָרבן. דאָס איבע־
ריקע וועלן מיר קויפן ביים מלך מוואַמבאַ.
„ווו וועט אָבער דער מלך נעמען אַזויפיל פּראָוויאַנט פאַר
אַכטהונדערט נעגערס?״
„פאַר די נעגערס גרייטן מיר צו צוויי זאַכן: אַפריקאַנישן
הירזש און פאַלמענאייל.״
בען בראַס האָט געפרעגט:
„פאַרשטייסטו שוין אַלץ, בילי?״ —
„איך פאַרשטיי שוין אַלץ.״
„אָבער ווו נעמט מען וואַסער?״
אויף אָט דער פראַגע האָב איך מיך נישט געריכט. איך האָב
נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.
„ווייסטו דען נישט, אַז אַכט - ניין הונדערט מענטשן דאַרפן
פאַרברויכן אַ טאָג פופצן הונדערט קוואָרט וואַסער? דו האָסט דאָך
געלערנט אין אַ שולע און וועסט געוויס קענען באַרעכענען
וויפל וואַסער אַזאַ שיף דאַרף האָבן אויף אַ נסיעה פון צוועלף־
פופצן וואָכן.

איך האָב מיך נישט געקענט אָנשטרענגען און האָב מין אָנגערופן:

„דערקלער עס מיר, בען".

בען האָט געזאָגט:

„יעדע שיף מוז זיין אָנגעלאָדן, בילי. ווען אַ שיף איז אָנגעלאָדן מיט משא, גייט זי זיכערער אויפן ים. אַ ליידיקע שיף איז אויסגעשטעלט אויף דער גרעסטער געפאַר אין דער צייט פון אַ שטורעם. אַ שיף אָבער, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט משא, זיצט פעסט אין וואַסער און דעריבער איז זי מער געזיכערט אין אַ שטורעם. עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַ שיף דאַרף ערגעץ פאָרן און זי האָט קיין פראַכטן נישט. וואָס טוט זי דעמאָלט? פירט זי שטיינער אָדער זאַמד. די שטיינער אָדער זאַמד הייסן באַלאַסט. קיין שיף גייט נישט אַרויס אין ים אָן באַלאַסט".

„האָט אונדזער „ראַפינאַ" אויך באַלאַסט?" — האָב איך געפרעגט.

„געוויס! מיר האָבן גענומען ליידיקע פעסער און האָבן זיי אָנגעגאָסן מיט ים-וואַסער. דאָס איז געווען אונדזער באַלאַסט. איצט וועלן מיר אויסגיסן דאָס וואַסער און וועלן אַנגיסן אין די פעסער פריש, זיס וואַסער און מיר וועלן ווידער האָבן באַלאַסט".

„פאַרוואָס אָבער האָט מען אָנגעגאָסן איז די פעסער ים-וואַסער?" — האָב איך געפרעגט. — „פאַרוואָס האָט מען זיי לכתחילה נישט אָנגעגאָסן מיט טייכוואַסער? דאָס איז דאָך דאָס בעסטע און טייערסטע אויף אַ שיף?"

בען בראַס האָט געזאָגט:

„ווען אונדזער שיף זאָל זיין אַ געוויינלעכע שיף, וואָלטן מיר געהאַלטן אין די פעסער זיס וואַסער. מיר מוזן זיך אָבער באַהאַלטן. מיר קענען נישט צוקומען צו יעדן פאָרט. דערפאַר האָבן מיר גענומען ים-וואַסער".

„איצט פאַרשטיי איך", — האָב איך געשמייכלט, — „פאַרוואָס מיר וועלן מוזן דאָ שטיין אַ גאַנצן חודש..."

„ניין, דו פאַרשטייסט נאָך נישט אַלץ", — האָט בען בראַס געשאָקלט מיטן קאָפּ. — „דו האָסט דאָך געזען, אַז בשעת דער ענגלישער קרייצער האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אונדז, האָט מען צו־בראָכן אַלע קראַטעס און ווענטלעך, וואָס קליאָטשע האָט געמאַכט. איצט מוזן מיר מאַכן נייע. דאָס נעמט אויך צו פיל צייט. מיר האָבן אַלזאָ גענוג צייט אַראָפּצוגיין פון שיף און צו מאַכן אַ שפּאַציר אין די וועלדער פון אַפריקע.

געענדיקט דעם שמועס, זענען מיר אַרויף אויפן דעק. דאָרט האָט זיך געקאָכט מיטן מלך פון די שדים. זיין שוואַרצע מאַיעס־טעט איז געווען טויט־שיכור, און דער קאַפּיטאַן האָט אים אונטער־געהאַלטן ביים אָרעם.

ווי עס ווייזט אויס, האָט דער קאַפּיטאַן אים געגעבן צו פאַרזוכן דעם ראָם און דעם קאָניאַק, וואָס ער האָט געבראַכט. דער קיסר דשינגאָ מוואַמבאַ האָט אים אַזוי לאַנג פאַרזוכט, ביז ער איז געוואָרן פול...

אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פלאַש ראָם און אין דער אַנדערער האָט ער געהאַלטן אַ רויטע קאָלדרע, געשענקט פון אונדזער קאַפּיטאַן.

ער איז געווען זייער פריילעך און האָט אָנגעהייבן צו דער־ציילן, אַז ער איז אַ גרויסער העלד. ער האָט געפירט גרויסע מלחמות און האָט איינגענומען אַ סך דערפער. ער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט איצט, ביי דעם מאָמענט, פינפהונדערט יונגע און שטאַרקע שקלאַפן, אויסער פרויען און קינדער.

נאַטירלעך, האָב איך נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט. בען בראַס האָט מיר אַלץ דערקלערט.

זיין שיכורע מאַיעסטעט האָט נאָך אויסגעפּלוידערט אַ

לאנגע צייט, און איך בין מיר אוועקגעגאנגען אויף מיין אָרט. איך האָב נאָר געזען, ווי דער שווארצער מלך האָט נאָכאַמאָל געפּרוווט די פלאַש ראָם, דאן האָט ער זי אוועקגעוואָרפן. צולעצט האָבן זיינע מיניסטאָרן, וועלכע זענען אויך געווען גאַנץ בגילופנדיק געמויזט נעמען זיין מאַיעסטעט אונטערן אָרעם און אים אַראָפּשלעפּן אין זיין שיפל.

איך מוז אָבער זאָגן, אַז קיסר דשינגאַ מוואַמבאַ איז געווען אַ העפלעכער מענטש: ער האָט איינגעלאַדן דעם קאַפּיטאַן מיט זיינע מענטשן צו זיך אויף אַ באַל.

ווען דער קיסר איז אַוועקגעפאָרן, האָט אונדזער קאַפּיטאַן אָנגעזאָגט דעם צווייטן אָפיציר און קליאַטשען, וואָס זיי האָבן צו טאָן און אליין האָט ער מיטגענומען מיט זיך דעם ערשטן אָפיציר און אַ פּאָר צענדליק מאַטראָזן און איז מיט זיי געפאָרן צום מלך אויפן באַל.

אַ זייגער דריי נאָכמיטאָג איז אונדזער קאַפּיטאַן מיט זיינע מענטשן אַוועקגעפאָרן צום שווארצן שד, און איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַל ביי אונדז. די מאַטראָזן האָבן געגעסן, געטרונקען געשפּילט אין קאָרטן, זיך געקריגט און אַרומגעריסן, ווי די קעץ, ביז זיי זענען אַלע אַנידערגעפאַלן טויט - שיכור.

דער קאַפּיטאַן האָט אַפילו איינגעלאַדן בען בראַסן, ער זאָל אויך מיט אים מיטפאָרן אויפן באַל. בען בראַס אָבער האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער איז ליבערשט געבליבן מיט מיר.

אין דערדאָזיקער אימהדיקער שיכרות זענען נאָר בען בראַס און איך געווען די איינציקע מענטשן אויף דער „ראַפּינאַ", וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען מיט ניכטערע קעפּ.

מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף דער נאָז פון שיף, אין אונדזער ליבן אָרט און האָבן געפּלוידערט.

„זעסטו שוין, בילי, אז מיר קענען אין אַפריקע נישט אַנט

לויפן? אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון קעניג דשינגאָ איז געװיס פֿיל ערגער, װי אַרײַנצופֿאַלן אין מויל פֿון אַ װילדן טיגער...״

איך האָב געשװיגן.

מיר זענען אַזוי געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. מיר האָבן געקוקט אויפֿן הימל, אויף די געדיכטע פּאַלמענװעלדער און אויפֿן װאַסער. מיר האָבן געזען פֿונדערװײַטנס גרויסע פֿײַערן.

„דאָס איז דער לאַגער פֿון מלך דשינגאָ״, — האָט בען בראַס דערקלערט. — „דאָרט געפֿינען זיך איצט אונדזערע חברים״.

„פֿאַרװאָס זענט איר נישט געפֿאָרן מיט זײ?״ — האָב איך געפֿרעגט. — „דער קאַפּיטאַן האָט דאָך אײַך אײַנגעלאַדן?״

בען בראַס האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף בײדע הענט און האָט שטיל געזאָגט:

„אַך, בילי! װען דו זאָלסט װיסן, װאָס פֿאַר אַ סאָרט באַל דאָס איז! טראַכט בעסער נישט דערפֿון. זײַ און שװײַג!..״

בען בראַס האָט מיר אַפֿילו צוגעזאָגט, אַז ער װעט מיך נעמען אויף דער יבשה. דאָס איז אָבער געװען נישט אַזוי לײַכט. איך האָב געמוזט זײַן אויף דער שיף. איך האָב געדאַרפֿט יעדן באַדינען. זינט די שיף האָט זיך פֿאַראַנקערט, האָט דער קאַפּיטאַן געמאַכט אַזאַ אָרדענונג. די מאַטראָזן האָבן זיך אײַנגעטײלט אין פּאַרטיעס. אײן פּאַרטיע האָט געאַרבעט און די אַנדערע האָט זיך אויסגערוט און האָט געזוכט פֿאַרגעניגן.

נאַטירלעך, דאָס אײנציקע פֿאַרגניגן, װאָס מען האָט זיך געקענט פֿאַרשאַפֿן אין דער דאָזיקער װילדער געגנט, איז געװען דער לאַגער, אָדער דאָס דאָרף פֿון מלך דשינגאָ מוואַמבאַ.

מאַנכע מאַטראָזן האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש אויף עטלעכע טעג. אַנדערע, װידער, פֿלעגן אַװעק אינדערפֿרי און קומען צוריק

פאַרנאַכט. אַנדערע פלעגן זיך גלאַט אַרומדרייען פון שיף אויף דער יבשה און פון דער יבשה אויף דער שיף.

איך האָב עטלעכע מאָל געוואָלט מיטפאָרן מיט אייניקע פון זיי. קיינער האָט מיך אָבער נישט געוואָלט מיטנעמען. יעדער האָט מיר געהייסן גיין אַרבעטן.

בען בראַס איז געווען אַ קלוגער און אַ פּראַקטישער מאַטראָז. ער האָט געוואָלט פריער אָפּטאָן זיין אַרבעט און דערנאָך גיין זוכן פאַרגעניגן.

איך בין געווען אויסער זיך. צען וואָכן נאָכאַנאַנד בין איך געלעגן פאַרשפאַרט אויף דער שיף און האָב איבערגעטאָן אַלע מעגלעכע שמוציקע אַרבעט, און איצט, ווען מיר זענען צוגעקומען צום ברעג, ווו מען האָט געקענט אַוועקשטעלן דעם פוס אויף פעס־טער ערד, האָט מען מיך נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער שיף.

ווער עס איז געפאָרן אַ לענגערע צייט אויפן ים, דער ווייס, ווי מען בענקט שוין אַרויסצוקומען אויף דער יבשה. עס ציט צו איר, ווי מיט צוואַנגען. איך וואָלט אַוועקגעגעבן יאָרן פון מיין לעבן, ווען מען זאָל מיר לאָזן פאַרברענגען אַ פּאָר שעה אויף דער פעסטער יבשה. עס האָט מיר אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל מיך נישט אַראָפּלאָזן.

עס איז זייער מעגלעך, אַז ער האָט מורא געהאַט, איך זאָל נישט אַנטלויפן. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז נאָכדעם ווי ער האָט מיך באַהאַנדלט אויף אונדזער נסיעה קיין אַפריקע, דאַרף איך פון אים אַנטלויפן.

איך האָב אַפילו פאַרגעסן צו דערציילן, אַז אויף אונדזער שיף איז געווען נאָך אַן אומגליקלעכער, וועלכן מען האָט באַהאַנדלט נאָך ערגער, ווי מיך. דאָס איז געווען אַ מאַטראָז, אַ שפּאַניער. ווי שלעכט מען האָט מיך באַהאַנדלט, איז עס נאָך געווען פיין און

איידל לגנבי דעם, וואָס מען האָט זיך דערלויבט צו טאָן מיטן שפּאַניער.

מיך פּלעגט מען שלאָגן, ווען איך האָב געטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט געווען געפעלן. דעם שפּאַניער אָבער פּלעגט מען ממיתן כּמו פאַרגעניגן וועגן. דאָס איז געווען אַן אומגליקלעכער מענטש, וועלכער פּלעגט איינבויגן דעם קאָפּ און פּלעגט איבערליידן און איבערטראָגן אַלע באַליידיקונגען און יסורים.

איך ווייס נישט, ווי ער איז געקומען אויף אונדזער שיף, פאַרוואָס ער איז געקומען אויף אונדזער שיף און ווילאַנג ער איז ער געווען אויף אונדזער שיף. ער פּלעגט מיט קיינעם נישט רעדן, פּלעגט אַרבעטן פלייסיק, און ווען ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, פּלעגט ער ליגן אין אַ ווינקעלע, ווייט פון אַלעמען, שטאַרק ארייגעטאָן אין זיינע רעיונות.

איך פּלעג מיך זייער אָפט פרעגן: ווער איז אָט דער אומגליקלעכער? ווי קומט ער אַהער? איך האָב אַ פּאָר מאָל געוואָלט מיך באַקענען מיט אים. ליידער, אָבער, האָט ער נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט ענגליש און איך האָב נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט שפּאַניש. יעדעס מאָל, ווען איך פּלעג דערזען דעמדאָזיקן שפּאַניער ליגן אין אַ ווינקעלע, מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן, פּלעגט מיר פאַרקלעמען ביים האַרצן און איך פּלעג אים מער באַדויערן, ווי זיך אַליין.

עטלעכע טעג נאָך אונדזער אָנקומען קיין אַפריקע, בין איך אַמאָל געשטאַנען אויף מיין באַליבטן אָרט לעבן דער אַנקער-קייט. די זון איז נאָר וואָס אונטערגעגאַנגען, עס איז נאָך אָבער געווען גענוג ליכטיק.

און אָט ווי איך בין אַזוי געשטאַנען פאַרטיפט און מיינע געדאַנקען, האָב איך מיטאַמאָל דערפילט, ווי איינער האָט אָנגערירט

מיין האַנט. איך האָב זיך אומגעקוקט — הינטער מיר איז געשטאַנען דער שפּאַניער.

„וואָס ווילסטו, אָרעמער מענטש?“ — האָב איך אים געפרעגט.

ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין דורך ווערטער און דורך צייכנס, אַז ער וויל אַנטלויפן און האָט מיך איינגעלאַדן, איך זאָל אויך אַנטלויפן מיט אים. איך האָב אים נישט געדאַרפט פרעגן, פונוואַנען ער ווייס, אַז איך וויל אויך אַנטלויפן. דאָס האָט געקענט פאַרשטיין יעדער איינער, וואָס האָט געזען, ווי מען באַהאַנדלט מיך אויפן שיף.

ווען איך זאָל נישט געווען פריער רעדן מיט בען בראַסן און ווען בען בראַס זאָל מיר נישט געווען דערקלערן, אַז דאָ קען מען נישט אַנטלויפן, וואָלט איך זיכער געמאַכט פּליטה מיטן שפּאַניער.

איך האָב אָנגעהייבן צו דערקלערן דעם אומגליקלעכן שפּאַניער, אַז דאָ איז אומעגלעך צו אַנטלויפן. מיר מוזן איבערוואַרטן ביז מיר וועלן אָנקומען אין אַ פּאָרט אין אַמעריקע. דאָרט וועלן מיר אַנטלויפן. איך האָב אים אַפילו געזאָגט, אַז בען בראַס וועט אויך אַנטלויפן מיט אונדז.

איך ווייס נישט, פאַרוואָס מיינע רייד האָבן נישט געווירקט אויף אים. אָדער ער האָט מיך נישט פאַרשטאַנען, אָדער עס איז אים שוין געווען אַזוי שלעכט, אַז ער האָט זיך אַנטשלאָסן צו ריזיקירן מיט אַלץ, אַבי נישט צו בלייבן אויף דער שיף. ער האָט זייער גוט געוווּסט, אַז ער שטעלט איין זיין לעבן. ער האָט אָבער געוואָלט בעסער שטאַרבן, איידער צו ליידן אויף דער „ראַפּינאַ“.

ער האָט מיך נאָכאַמאָל געבעטן, איך זאָל מיט אים אַנטלויפן. איך האָב אים אָבער דערקלערט, אַז איך קען עס נישט טאָן.

דער שפּאַניער איז אַוועק.

שפּעטער, ביינאַכט ווען אַלע האָבן שטאַרק געשלאָפן, האָט די וואַך דערהערט, ווי אַ שווערער קערפּער איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער אַריין.

„עמעץ איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער!" — האָט מען אָנגע-הייבן צו שרייען אין פּאָרקאַסל.

אַלע מאַטראָזן, ווער עס איז נאָך נישט געווען שיכור, האָבן זיך אויפגעכאַפּט און זענען געלאָפן זען, ווער איז עס אַריינגעפאַלן אין וואַסער. איצט, ווען די שיף האָט געהאַט גענוג לעבעדיקע סחורה, דאַרף מען האָבן אַלע מאַטראָזן.

עס איז געווען אַ העלע נאַכט. די לבנה האָט געשיינט העל. דער הימל איז געווען בלוי און ריין. עס איז געווען ליכטיק, ווי ביי טאָג.

איך בין אויך צוגעפאַלן צום פאָרענץ פון דער שיף. דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט.

מיר האָבן געזען עפּעס אַ שוואַרץ פּינטל זיך אויפהייבן פון וואַסער. דאָס איז געווען אַ קאָפּ פון אַ מענטשן. ער האָט זיך אויפגעהייבן פון וואַסער, האָט זיך אָפּגעטרייסלט און ענערגיש אָנ-געהייבן צו שווימען.

„דער שפּאַניער! דער שפּאַניער אַנטלויפט!" — האָט אויס-געשריגן איינער פון די מאַטראָזן.

דער קאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר האָבן זיך אויך אויפגעכאַפּט און זענען געקומען צולויפן.

„שיסט אים!" — האָט געשריען דער קאַפּיטאַן. — „שיסט אים! ברענגט מיר מיין ביקס, איך וועל אים דערשיסן. לאָזט אַראָפּ דעם באָט! יאָגט אים נאָך!"

די מאַטראָזן האָבן אָנגעהויבן צו לויפן. אייניקע זענען גע-לאָפן אין דעם קאַפּיטאַנס קאַיוטע, צו נעמען דאָרט זיין ביקס, אַנדערע זענען געגאַנגען אַראָפּלאָזן דעם באָט.

באלד אָבער האָט מען דערזען, ווי דאָס וואַסער אינדערמיט טייך האָט אָנגעהייבן צו ציטערן און צו רוישן. אַ לאַנגער, שוואַר־צער, שפּיציקער קאָפּ מיט אַ שרעקלעך מויל האָט זיך אַרויסגע־וויזן פון וואַסער. איך האָב אַזאַ ווילד פאַרזעעניש נאָך קיינמאָל נישט געזען אין מיין לעבן און האָט נישט געוווּסט וואָס דאָס איז.

„אַ קראָקאָדיל! אַ קראָקאָדיל!" — האָבן גענומען שרייען די מאַטראָזן. — „דער יונג איז אַ פאַרפאַלענער!"

דער קאַפּיטאַן האָט שוין אויסגעשטרעקט זיין ביקס צו דער־שיסן דעם אומגליקלעכן שפּאַניער. דערזען אָבער דעם קראָקאָדיל, זהאָט ער אַראָפּגעלאָזן די ביקס און געזאָגט:

„נו, דער קראָקאָדיל וועט שוין טאָן מיין אַרבעט..."

איך האָב געזען אַ בייזן ווילדן שמייכל אויף זיינע דיקע ליפּן.

„אָרעמער שפּאַניער!"—האָט איינער אויסגערופן לעבן מיר. — „ער וועט נישט דערגרייכן דעם ברעג! זעט! דער קראָקאָדיל יאָגט אים נאָך! ער וועט אים איינשלינגען!"

און אָט האָבן מיר געזען, ווי דער קראָקאָדיל האָט אויפגע־הייבן זיין קערפּער פון וואַסער, האָט געגעבן אַ מוראדיקן שפּרונג, ווי דראַמאָל געעפנט זיין גרויס מויל, פאַרזייט מיט שאַרפע שפּי־ציקע ציין און האָט אָנגעכאַפּט דעם אומגליקלעכן שפּאַניער ביי דער פלייצע.

א טויט־געשריי פון שפּאַניער, עטלעכע רויטע פלעקן אויפן וואַסער — אוןביידע זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אין ים...

„רעכט אויף אים!" — האָט געשריען דער קאַפּיטאַן. — „איך קען מיך באַגיין אָן אים! איך דאַרף אים נישט!"

„זאָלן זיי טאָקע וויסן, ווי אַזוי מען קען אַנטלויפן פון אונדזער שיף!" — האָט דער ערשטער אָפיציר אים נאָכגעבעטשעט. —

„ווען ער זיל בעסער ליגן אין בויך פון אַ קראָקאָדיל, איידער אויף זיין געלעגער, טאָ זאָל עס אים וויל באַקומען!..״

באַלד האָט מען פאַרגעסן אָן דעם אומגליקלעכן שפּאַניער. דער קאַפּיטאַן מיט זיינע מאַטראָזן האָבן אַריינגעגאָסן אין זיך עטלעכע פלעשער ראָם און זענען אַוועק אויף זייער געלעגער. די גאַנצע זאַך האָט זיך אָפּגעשפּילט ווי אַ קליינינטשקער עפּיזאָדל, וואָס האָט אַ ביסל געווייַלט דעם עולם.

„ווער וועט צונעמען זיין פאַרמעגן?״— האָט פּלוצלונג איינער פון די מאַטראָזן אַ פרעג געטאָן.

דער שפּאַניער האָט געהאַט אַ קאַסטן מיט זאַכן, ווי אַלע מאַטראָזן.

„ווער וועט אים ירשענען?״ — האָט אַ צווייטער געפרעגט.

יעדער האָט געוואָלט צונעמען דאָס ביסל שמאַטעס, וואָס האָבן געהערט צו דעם אומגליקלעכן שפּאַניער. זיי וואָלטן זיך געוויס געוועהן צעשלאָגן, ווען דער קאַפּיטאַן וואָלט ווידער נישט אַרויסגעקראָכן פון זיין געלעגער מיט אַ פאַרטיקן באַפעל:

„וואַרפן גורל!״

דערדאָזיקער באַפעל האָט אויכגענומען און אַלע זענען באַלד אַוועק שלאָפן.

איך בין געבליבן אליין אויפן דעק. איך האָב נישט געקענט שלאָפן. מיינע אויגן זענען געוועזן צוגעבונדן צו דעם אָרט אויפן טייך, וווּ דער אומגליקלעכער שפּאַניער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. איך האָב אָבער גאָרנישט געזען. די שוואַרצע וואַסערן פונם טייך האָבן געררוישט שטיל און רויק. פאַר מיינע אויגן זענען געשטאַנען ווי לעבעדיק דער קאָפּ פונם שפּאַניער און דאָס מויל פונם קראָקאָדיל. אין מיינע אויערן האָט נאָך געקלונגען זיין אימהדיקער טויטגעשריי...

קאַפּיטל צען.

געשלאָפן האָב איך זייער ווייניק. גאַנץ פרי בין איך אויפ־געשטאַנען און האָב מיך גענומען צו מיין אַרבעט. געאַרבעט האָב איך איצט נישט אזוי שווער, ווייל דער קאַפּיטאַן פלעגט פאַרברענ־גען גאַנצע טעג אין לאַגער פון קיסר דשינגאַ. אויף דער „ראַפּינאַ" איז איצט געווען פרייער.

איך האָב אָבער נישט געקענט שלאָפן. די טראַגישע סצענע, ווי דער קראָקאָדיל האָט אַראָפּגעשלעפּט דעם שפּאַניער אונטערן וואַסער, איז געשטאַנען פאַר מיינע אויגן, ווי לעבעדיק. אין שלאָף האָב איך געהערט דאָס געשריי פונם שפּאַניער און פלעג מיך יעדע מינוט אויפכאַפּן.

עס איז מיר געווען אומעטיק ביז צום חלשן, אָבער אויף אונדזער שיף איז אין דעם טאָג געווען אַ גרויסער יום־טוב. נאָך אינדערפרי האָט דער קאַפּיטאַן געהייסן דעם קיכער אָנגרייטן אַ גוטן מיטאָג.

„מיר וועלן האָבן געסט", — האָט ער אים צוגעוואָרפן.

אַ זייגער צוועלף זענען טאַקע געקומען די „געסט". מלך דשינגאַ מוואַמבאַ איז געקומען צו אונדז מיט זיין גאַנצן הויף, מיט אַלע זיינע מיניסטאָרן און גענעראַלן און, אויסערדעם, האָט דער מלך מיטגעבראַכט אַ צוואַנציק פון זיינע שענסטע פרויען. איך האָב צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזען גאַנץ נאַקעטע מענטשן· אויסער דעם מלך, וועלכער האָט געטראָגן אַ רויטן מונדיר פון אַ פראַנצויזישן אָדער אן ענגלישן אונטעראָפיציר, זענען אַלע געווען מוטער = נאַקעט. די פרויען, ווי די מענער, האָבן געטראָגן אַ שטיקל לייוונט אַרומגעבונדן אַרום זייערע לענדן.

דער קאַפּיטאַן האָט אויפגענומען דעם מלך און זיינע לייט מיט גרויס פּאַראַד. מען האָב אויסגעשטעלט טישן אויפן דעק פון דער „ראַפּינאַ" און מען האָט זיך געזעצט עסן און טרינקען.

דערדאָזיקער באַל האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך קען אייך נישט שילדערן מיט ווערטער, וואָס פאַר אַ באַל דאָס איז געווען. דעם מלכס שוואַרצע שענהייטן האָבן באַוויזן אַז זיי האָבן אַ גאַנץ פיינעם אַפּעטיט. זיי האָבן געפרעסן ווי וועלף און האָבן געטרונקען ראָם נישט ערגער פון אונדזערע מאַטראָזן.

נאָכן עסן האָט זיך אָנגעהייבן אַ ווילדער טאַנץ. דער קאַ· פּיטאַן מיט זיינע אָפיצירן און מאַטראָזן האָבן אָנגעהייבן צו טאַנצן מיטן דשינגאַ מוואַמבאַס ווייבער.

איך האָב נישט געקענט צוזען דידאָזיקע ווילדע סצענעס און בין מיר אַוועקגעגאַנגען אין מיין ווינקעלע לעבן אַנקער און האָב מיך דאָרט אַנידערגעזעצט.

די נאַכט איז דער שוואַרצער שד מיט זיינע לייט געשלאָפן ביי אונדז אויף דער שיף און איך האָב געהאַט דעם כבוד צו נעכטיקן אויף איין שיף מיט אַ מלך... איך וואָלט אָבער אַוועקגע· געבן די בעסטע צען יאָר פון מיין לעבן, ווען עמעץ וואָלט מיך באַפרייט פון דעמדאָזיקן כבוד.

צומאָרגנס האָט מען שוין ווייניק געטרונקען. מען האָט אָנגעהייבן צו מאַכן געשעפט. דער קאַפּיטאַן האָט געוויזן דעם מלך זיינע סחורות: פעסלעך ראָם, ביקסן, קוילן, פולווער, מעסערס און מאַנכע ביליקע שטאָפן, ווי פערקאַל אָדער מוסלין.

איך האָב געזען ווי דער דיקער פאַרגאָסענער שוואַרצער שד איז אַפילו גאַנץ קלוג און דורכגעטריבן, ווען עס קומט צו אַ געשעפט. זיין שוואַרצע מאַיעסטעט האָט באַטראַכט יעדן אַרטיקל, וואָס מען האָט אים געבראַכט, ווי אַ גרויסער מבין. ער האָט גע־נומען יעדעס פעסל ראָם און האָט עס אַרומגעשאָקלט, געקנייטשט מיטן שטערן און האָט גוט באַטראַכט יעדע זאַך, וואָס מען האָט אים געוויזן.

נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעהייבן צו דינגען און צו ציגיינערן. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ האַנדל, אַ שווינדלען און אָפּנאַרן פון ביידע צדדים. אונדזער קאַפּיטאַן האָט געוואָלט אָפּנאַרן זיין מאַ־יעסטעט. ער פלעגט וועלן אים איינצייַלן אַ פעסל ראָם אָדער אַן אַנדער שטיקל סחורה. דער מלך אָבער האָט זיך נישט געלאָזן. ער האָט זיך געבייזערט, געשפּיגן מיט די ליפּן און געגלאָצט מיט די אויגן, ווי אַ שד.

צולעצט האָט מען זיך אויסגעגלייכט. דער מלך האָט איבער־גענומען די סחורות, וואָס ער האָט געקויפט און האָט געדאַרפט איבערגעבן זיינע שקלאַפן. דער קאַפּיטאַן האָט געהייסן דרייסיק שטאַרקע מאַטראָזן, זיי זאָלן אָנלאָדן זייערע ביקסן, זאָלן מיטנעמען פולווער און קוילן אויף דרייסיק שאָסן און מען זאָל פאָרן איבער־נעמען זיין לעבעדיקע סחורה.

דשינגאָ האָט געהאַלטן זיינע שקלאַפן אין גרויסע און פעסטע שטאַלן. ווען דער ענגלישער קרייצער וואָלט אונדז נישט געוווען באַכגעיאָגט און מען וואָלט נישט געמוזט צונעמען די קראַטעס און

די קאַמערן, וואָלט דער קאַפּיטאַן געהייסן באַלד אַרויפברענגען די שקלאַפן אויף דער שיף.

דער קאַפּיטאַן האָט אָבער זייער גוט געוווּסט, אַז דעם שוואַרצן מלך טאָר מען נישט טרויען. ער קען נאָך עפּעס אָראָפּ־גנבענען. האָט ער דעריבער מיטגענומען מיט זיך אַ שטאַרקע וואַך פון דרייסיק מאַטראָזן מיט געלאָדענע ביקסן. ביז מען וועט מאַכן אויף דער שיף אַן אָרט פאַר די שקלאַפן, זאָל מען זיי דערווייל באַוואַכן אויפן ברעג.

איך בין נישט געווען דערביי, ווען מען האָט איבערגענומען די שקלאַפן. בען בראַס האָט מיר שפּעטער דערציילט, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען, ווייל ער איז אויך געווען איינער פון די דרייסיק מאַטראָזן.

דער קאַפּיטאַן מיטן מלך דשינגאַ זענען צוגעקומען צו אַ שטאַל, האָבן אים געעפנט און האָבן אַרויסגעטריבן אַלע שקלאַפן אין דרויסן. דאָ האָט ער זיי איבערגעציילט און באַטראַכט, צי זיי זענען געזונט. מען האָט זיי באַהאַנדלט, ווי פערדהענדלער מסחרן מיט פערד. דשינגאַ האָט געהאַלטן אין די הענט אַ לאַנגע בייטש, אויסגעפלאָכטן פונם לעדער פון אַ קראָקאָדיל. יעדער נעגער, וועלכער פלעגט אַרויסגיין פון שטאַל, פלעגט באַקומען אַ שטאַרקן שמיץ איבערן נאַקעטן לייב. ער האָט געמוזט טאַנצן, שפּרינגען, לויפן און ווייזן, אַז ער איז פולקום געזונט. דאַן פלעגט דער קאַפּיטאַן אָדער זיין ערשטער אָפיציר אים באַטראַכטן, אים אויסטאַפּן יעדן ביין. דער נעגער האָט געמוזט עפענען דאָס מויל און ווייזן, אַז ער האָט אַלע ציין.

דער שוואַרצער מלך האָט זייער אָפט געוואָלט אָפּנאַרן דעם שיפקאַפּיטאַן. ער פלעגט אים וועלן געבן קראַנקע נעגערס פאַר געזונטע, אַלטע פאַר יונגע. דאָס דינגען זיך, דאָס ציגיינערן, דאָס

קריגן זיך און דאָס שווינדלען האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג. עס איז נישט לייכט איבערצונעמען זעקסהונדערט מענטשן.

תּחילת האָט מיר אַפּילו לייד געטאָן, וואָס איך בין נישט געווען דערבײַ. איך בין דאָך געווען יונג, און יעדער יונגער מענטש איז זייער נײַגעריק. יעדער וויל דאָך זען אַ נײַע זאַך. איך האָב אָבער קיינמאָל נישט געזען קיין נעגער. איך האָב קיינמאָל נישט געזען, ווי אַזוי מען האַנדלט מיט שקלאַפן און איך האָב זייער געוואָלט זען, ווי אַזוי אונדזער קאַפּיטאַן וועט איבערנעמען זײַן לעבעדיקע סחורה. ווען בען בראַס האָט מיר אָבער דערציילט, ווי אַזוי מען האָט עס געטאָן, בין איך געווען העכסט צופרידן, וואָס איך בין דערבײַ נישט געווען. עס איז דאָך נישט קיין גרויס פאַרגעניגן צו זען, ווי מענטשן לײַדן.

ווען מען האָט איבערגענומען אַלע שקלאַפן, האָט מען זיי צוריק אַרײַנגעטריבן אין די שטאַלן און דער קאַפּיטאַן האָט אויסגעשטעלט אַ שטרענגע וואַך פון צען מאַטראָזן מיט שאַרף געלאָדענע ביקסן.

איצט האָט מען זיך גענומען צו דער אַרבעט אויף דער שיף. קודם האָט מען צוגעגרייט אַן אָרט פאַר די זעקסהונדערט פּאַסאַזשירן. בײַ די שקלאַפנהענדלער איז אײַנגעפירט, אַז מען האַלט מענער באַזונדער, פרויען באַזונדער און עלטערע קינדער באַזונדער. זיי טוען עס נישט פון פרומקייט. זיי ווייסן פון דער פּראַקטיק, אַז ווען מען האַלט מאַנסלײַט און פרויען באַזונדער, פאַרהאַלטן זיי זיך רויקער אויפן וועג. ווען מען האַלט מענער מיט פרויען צוזאַמען, ווערן די מענער אָפט זייער אומרויק און הייבן אָן צו ברעכן די קראַטעס.

דאַן האָט מען אָנגעהייבן צו שלעפּן אויף אונדזער שיף אַפריקאַנישן הירזש און פעפער מיט פאַלמענאייל — פּראָוויאַנט פאַר דער

לעבעדיקער סחורה, און מען האָט צוגעגרייט זיס וואַסער צום טרינקען.

אונדזערע מאַטראָזן אַליין וואָלטן גאָרנישט געווען בכוח זיך אָפּצופּאַרטיקן מיט די אַלע ארבעטן. די שקלאַפן אָבער האָבן צוגע־האָלפן. עס האָט מיר שטאַרק פאַרקלעמט ביים האַרצן, ווען איך האָב געזען, ווי די בעגערס האָבן געהאָלפן שמידן די קייטן פאַר זייערע אייגענע ברידער.

אַזוי ווי דער קאַפּיטאַן, דער ערשטער אָפיציר און די בעסטע און שטאַרקסטע מאַטראָזן האָבן זיך איצט געפונען אויף דער יבשה און פלעגן קומען נאָר זעלטן אויף דער שיף, האָב איך געהאַט גענוגפרייע צייט.

איך פלעג זיצן דורך די נעכט אויפן אַנקער און פלעג ארויסקוקן אויף דער יבשה. איך פלעג קוקן מיט עפּעס אַ פּיינלע־כער בענקשאַפט פון אַן אַרעסטירטן מענטשן.

ווי בען בראַס האָט מיר שפּעטער דערציילט, וווינט דער שוואַרצער מלך ערגעץ ווייט אין לאַנד. ער קומט אהער נאָר צוויי אָדער דריי מאָל אין יאָר, ווען ער האָט אַ גרויסן זאַפּאַס פון שקלאַפן. אַזוי איז דאָ אויפן ברעג שטיל און טויט, ווי אויף אַ בית עולם.

איינמאָל, ווען איך בין אַזוי געזעסן ביינאַכט און האָב גע־קוקט אין געדיכטן וואַלד, האָב איך פּלוצלונג דערהערט דאָס אימהדיקע ברומען פון אַ לייב. אַן אַנדערש מאָל האָב איך גע־הערט אַנדערע ווילדע קולות. עס איז געווען קלאָר, אַז אין דער־דאָזיקער געגנט געפינען זיך אַ סך ווילדע חיות

איך האָב איצט ווייניק געזען בען בראַסן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט מיך אינגאַנצן פאַרגעסן. ער איז דאָך געווען דער איינציקער מענטש אויף דער „ראַפּינאַ“, וועלכער האָט זיך

אָנגענומען פאַר מיר און האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיך באַשיצן.

שפּעטער האָב איך אַרויסגעזען, אַז איך בין געווען אומגע־רעכט קעגן אים: ער האָט מיך נישט פאַרגעסן.

צומאָרגנס אינדערפרי איז בען בראַס אַרויף אויף דער שיף און האָט מיך באַלד אויפגעזוכט.

„וואָס מאַכסטו, בילי?" — האָט ער מיך געפרעגט מיט זיין ברייטן, פריינטלעכן געלעכטער. „דו האָסט אוודאי געבענקט נאָך מיר?"

„אַך, בען", — האָב איך געזאָגט — „וואָס פרעגט איר? איך בין דאָך איצט אַליין ווי אַ יתום... איך האָב געבעטן אייניקע מאַ־טראָזן, זיי זאָלן מיך מיטנעמען אויפן ברעג, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט. איך וואָלט געוואָלט זען אַפריקע... בען, עס ציט מיך דער ברעג..."

בען האָט מיר פריילעך אַריינגעשמייכלט אין פּנים.

„בילי", — האָט ער געזאָגט, — „איך האָב געבעטן דעם קאַפּיטאַן, ער זאָל מיר דערלויבן צו גיין אויף יאַגד. איך וועל דיך אויך מיטנעמען. שלאָף זיך אויס, בילי, מאָרגן גאַנץ פרי לאָזן מיר זיך אַרויס אין וועג..."

ווער איז איצט געווען גלייך מיט מיר? דידאָזיקע ידיעה האָט מיך אָפּגעגאָסן ווי מיט פייער. איך האָב פאַרגעסן אין מיין לאַגע. איך האָב פאַרגעסן, אויף וואָס פאַר אַ שיף איך געפין מיך. איך האָב אַפילו פאַרגעסן מיינע עלטערן. איך האָב מיך געפילט ווי אין אַ פיבער. איך האָב געברענט פון אומגעדולט.

בען בראַס האָט מיר געהייסן זיך אויסשלאָפן און זיך אויס־רוען. איך האָב עס אָבער נישט געקענט. איך האָב נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

צומאָרגנס האָב איך אויפגעוועקט בען בראַסן. מיר האָבן

געומען מיט זיך צוויי גוטע ביקסן, פולווער און קוילן און נאָך אַנדערע נייטיקע מכשירים און מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען פון דער שיף. באַלד זענען מיר געווען אין וואַלד. איך האָב גערעכנט, אַז מיר וועלן גיין גלייך אין וואַלד און וועלן אָנהייבן שיסן אין ווילדע חיות. בען בראַס איז אָבער געווען קליגער פון מיר. ער האָט זייער גוט געוווּסט, אַז אין די וועלדער פון אַפריקע קען מען זייער לייכט פאַרבלאָנדזשען, מען קען ווייט פאַרקריכן און נישט קענען אַרויסקריכן.

ער איז דעריבער פריער געגאַנגען מיט מיר צום לאַגער און האָט געבעטן דעם מלך, ער זאָל אונדז געבן איינעם פון זיינע שקלאַפן פאַר אַ וועגווייזער. דער מלך איז געווען אַזוי פריינט-לעך, אַז ער האָט אונדז באַלד געגעבן אַ יונגן און שטאַרקן נעגער, וואָס האָט אונדז באַדאַרפט ווייזן דעם וועג און טראָגן אונד-זערע זאַכן.

מיר זענען געגאַנגען לאַנגזאַם און האָבן געפּלוידערט איבער פאַרשידענע זאַכן. אייגנטלעך בין איך גאָרנישט געגאַנגען אויף יאַגד. איך האָב אין מיין לעבן נישט געשאָסן און נישט געוווּסט, ווי צו האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט. איך האָב אויך גאָרנישט געוואָלט זיך באַכיאָגן נאָך ווילדע חיות און זיי טויטן. איך האָב זיי נאָר געוואָלט זען

מיר זענען אַזוי אַרומגעגאַנגען אַ פּאָר שעה אין וואַלד און האָבן נישט געפונען קיין זכר פון אַ חיה. מיר האָבן אַפילו גע-הערט דאָס זינגען פון מאַנכע פייגל. מיר האָבן זיי אָבער נישט געקענט זען. די ביימער זענען געווען זייער הויך און די געדיכטע אויסגעפּלאָכטענע צווייגן האָבן אַלץ פאַרשטעלט פון אונדזערע אויגן.

מיר זענען אַזוי אַרומגעגאַנגען אַ היבש שטיקל צייט, און האָבן גאָרנישט געפונען. פּלוצלונג האָבן מיר דערזען אַ גרויסן פייגל אויף אַ בוים. ער איז געזעסן אויף אַ צווייג און געדרעמלט.

פּאוואָליע האָבן מיר זיך צוגעגנבעט צו דעם בוים. מיר זענען גע, וועז זייער פּאָרזיכטיק, זענען געקראָכן שטיל, האָבן נישט גערעדט קיין וואָרט און האָבן אפילו מורא געהאַט צו אָטעמען.

בען בראַס האָט זיך צוגעצילט, אויסגעשאָסן און געטראָפן. דער פייגל איז אַראָפּגעפאַלן פון בוים. ער איז געווען טויט. דאָס איז געווען אַ גרויסער פייגל מיט שווארצע פעדערן. ער האָט אויסגעוויזן, ווי אַן אינדיק.

מיר האָבן איבערגעגעבן דעם טויטן פייגל אונדזער נעגער און זענען ווייטער געגאַנגען. קוים זענען מיר אָבער אָפּגעגאַנגען ביי אַ הונדערט שריט, האָבן מיר דערזען אויף דער ערד ליגן עפּעס אַ טויטע חיה, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ הירש.

„וואָס איז עס פאַר אַ חיה?" — האָב איך געפרעגט בען בראַסן.

„דאָס איז אַן אַנטילאָפּע", — האָט מיר בען דערקלערט. — „אין אפריקע געפינען זיך הונדערטער סאָרטן אַנטילאָפּן. עס זענען דאָ אַנטילאָפּן, וועלכע זענען נישט גרעסער פון אַ קליינעם הונט. עס זענען אָבער דאָ אַזעלכע גרויסע, ווי אָקסן, אַ שטייגער".

אַזוי ווי איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין אַנטילאָפּע, בין איך צוגעגאַנגען נעענטער צו דער טויטער חיה. זי איז געווען איינגאַנצן צעפליקט און צעשטאָכן. אַנשטאָט די אויגן, האָבן אַרויסגעקוקט צוויי גרויסע לעכער

„זעט נאָר, בען!" — האָב איך געפרעגט. — „ווער האָט עס איר אויסגעריסן די אויגן? עפּעס אַ שרעקלעך בילד..."

בען בראַס האָט באַטראַכט די טויטע אַנטילאָפּע און האָט זיך אָנגערופן:

„אַ פייגל, אַ גרויסער פייגל האָט עס געטאָן..."

און בען האָט זיך פּלוצלונג צעלאַכט.

„וואָס לאַכט איר אַזוי, בען?" — האָב איך געפרעגט.

„מיר זענען גרויסע יעגער", — האָט בען ווייטער געלאַכט. — „מיר האָבן געמיינט, אַז מיר האָבן דערשאָסן אַן אינדיק און מיר האָבן גאָר דערשאָסן דעם „קברן...."

דאָס לעצטע וואָרט האָב איך שוין גאָרנישט פאַרשטאַנען.

בען בראַס האָט מיר דערקלערט:

„דער „קברן" איז אַ סאָרט אָדלער. ער יאָגט זיך אַליין נישט נאָך ווילדע חיות, נאָר ער נערט זיך פון נבלות. ווען ער געפינט אַ נבלה, רייסט ער איר אויס די אויגן. און ווען עס איז נישט זאַט מיט די אויגן, רייסט ער אַרויס שטיקער פלייש פון בויך. ווען דער „קברן" עסט זיך אָן צו דער זעט, פליט ער אַרויף אויף אַ בוים און זעצט זיך אַנידער. ער איז דאַן אַזוי מיד און שווער, אַז ער קען זיך נישט רירן. מען קען צוקומען צו אים גאַנץ נאָענט און מען קען אים נעמען פשוט מיט די הענט. מען קען אים דערמאָלט טויטן מיט אַ שטעקן... מיר האָבן אומזיסט געשאָסן, מיין טייערער, וואָרים מיר האָבן אים געקענט נעמען מיט די הענט... פוי, ס'איז אַ פאַסקודנער פייגל..."

ער האָט צוגערופן דעם נעגער, וועלכער האָט געטראָגן דעם טויטן פייגל און האָט מיר געהייסן אַ שמעק טאָן פון אים. איך האָב מיר אָבער געמוזט צוהאַלטן די נאָז... צולעצט האָב איך מיך אויך צעלאַכט. עס איז געווען פון וואָס צו לאַכן. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז ווען מיר וועלן זיך איינמאַטערן, וועלן מיר זיך ערגעץ אנידערזעצן, פאַרלייגן אַ פייער און וועלן אָפּבראָטן דעם פעטן און שווערן אינדיק. איצט אָבער האָבן מיר געהייסן דעם נעגער ער זאָל אַוועקוואַרפן דעם פאַסקודנעם פייגל.

מיר זענען ווייטער געגאַנגען.

אין מאַנכע ערטער האָבן מיר געמוזט אַרויסנעמען אונדזערע מאַטראָזנמעסערס און זיך דורכשניידן אַ וועג אין הויכן גראָז. וווּ נישט ווו זענען געלעגן ביימער אויף דער ערד און האָבן אונדז

פאַרשפּאַרט דעם וועג. מיר האָבן גוט געשוויצט. אַצט זענען מיר פאַרקראָכן אין וועלדער פון פּאַלמענאַייל־בײמער. מיר זענען געגאַנגען ביז די קני צווישן ניס, פון וועלכע מען מאַכט פּאַלמענאַייל.

„אך!" — האָב איך מיך אָנגערופן. — ווען דער שוואַרצער מלך דשינגאַ וואָלט געהייסן זיינע שקלאַפן, זיי זאָלן אויפזאַמלען דידאָזיקע ניס און מאַכן פון זיי פּאַלמענאַייל... וואָלט ער אוודאי פון דעם געמאַכט בעסערע געשעפטן, ווי פון זיינע שקלאַפן... מען קאָן זאָגן, אַז דאָ וואַלגערט זיך גאָלד אויף דער ערד, אָבער קיינער הייבט עס נישט אויף."

בען בראַס האָט באַמערקט:

„יאָ, די וועלט איז גרויס, עס איז דאָ אָרט פאַר אַלעמען. די מענטשן אָבער ווילן עס נישט. זיי ווילן פייניקן איינער דעם אַנדערן און יעדער וויל לעבן און גענ יסן פון יענעמס יסורים און שוויס...

ונדזער נעגער האָט אונדז באַלד געבראַכט עטלעכע קאַקאַסניס און מיר האָבן צוגעביסן. נאָכן עסן האָבן מיר זיך אַ ביסל אָפּגערוט און זענען ווייטער געגאַנגען. אַזוי ווי מיר האָבן זיך נישט געקענט צונויפרעדן מיט אונדזער נעגער, פלעגן מיר מוזן מיט אים רעדן דורך סימנים און האַנטבאַוועגונגען. נישט איך און נישט בען בראַס זענען געווען גרויסע קינסטלער אין אַזאַ מין לשון. מיר האָבן זיך אָבער פאַרשטענדיקט, ווי מיר האָבן געקענט.

אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג, האָבן מיר אָבער גאָרנישט געזען. פאַרנאַכט האָבן מיר באַמערקט פון דערווייטנס עטלעכע אַנטילאָפּעס. בען בראַס האָט געשאָסן אין זיי, אָבער נישט געטראָפן. די אַנטילאָפּעס זענען געווען צו ווייט פון אונדז.

די זון האָט אָנגעהייבן אונטערצוגיין. עס איז געוואָרן טונקעלער. מיר האָבן געמוזט טראַכטן פון אַ נאַכטלעגער. אַזוי ווי מיר האָבן זיך געאייכט צו נעכטיקן אַ פּאָר נעכט אין די וועלדער,

האָבן מיר מיטגענומען אונדזערע האַמאַקעס. מען האָט אָבער געמוזט אויסזוכן אַ פּאַסעדיקן אָרט ווו צו שלאָפן. מיר האָבן נישט פאַר־געסן, אַז מיר געפינען זיך אין אַ ווילדן וואַלד.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ טייכל אין וואַלד און האָבן אויסגעזוכט אַן אָרט, וואָס האָט זיך געצויגט פאַר אַ נאַכטלעגער. ביידע טייכברעגן זענען געווען באַוואַקסן מיט הויכעביימער. דאָס טייכל איז געלאָפן אין אַ טיפן טאָל. נאָר אין איין אָרט האָבן מיר געפונען אַ בערגל. אויף אָט דעם בערגל האָבן מיר באַשלאָסן איבערצונעכטיקן.

מיר האָבן באַלד אויסגעזוכט צוויי הויכע און דיקע ביימער און האָבן צוגעבונדן צו זיי אונדזערע האַמאַקעס, אָבער אַזוי הויך אַז קיין שום ווילדע חיה זאָל צו אונדז נישט קענען צוקומען. דאַן האָבן מיר אָנגעגרייט אונדזערע ביקסן, מיר זאָלן זיי האָבן באַלד אונטער דער האַנט. נאָכדעם האָבן מיר פאַנאַנדערגעלייגט אַ פייער און האָבן אָפּגעקאָכט קאַווע. אונדזער אָרעם אָוונטברויט האָט נישט לאַנג געדויערט.

אַזוי ווי מיר זענען געווען זייער מיד, זענען מיר נאָכ־עסן אַרויפגעקראָכן אויף אונדזערע האַמאַקעס און זיך געלייגט שלאָפן.

„האָסטו דיין ביקס ביי דער האַנט?" — האָט בען מיך געפרעגט.

„זי שטייט לעבן מיין האַמאַק, בען. צו וואָס אָבער פרעגט איר עס?"

ער האָט געזאָגט:

„דאָ איז אַ טייך. ביינאַכט קענען קומען ווילדע חיות טרינ־קען. ווען מיר וועלן האָבן אונדזערע ביקסן נאָענט, וועלן מיר קענען שיסן אויף זיי..."

נאָך פריער האָב איך באַמערקט, אַז אויף דער ערד ליגן

טויטע ביימער. דאָס האָט מיך אַפילו זייער ווייניק געקימערט. מיר האָבן שוין געזען אַ סך אַזעלכע ביימער אין וואַלד. איך האָב אויך באַמערקט, אַז אויף די ביימער, צו וועלכע מיר האָבן צוגעבונדן אונדזערע האַמאַקעס, איז די קאָרע פון אונטן ביז די צווייגן געווען אָפּגעריסן און אַרומגעביסן.

איך האָב עס געוויזן בען בראַסן.

ער האָט אָבער געשוויגן.

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן און האָבן זיך ווייניק געקימערט, וואָס אונדזער נעגער טוט. מיר האָבן געוווּסט, אַז ער איז דאָ אַ היימישער און וועט שוין געוויס געפינען אַ געלעגער פאַר זיך. מיר זענען געווען זיכער, אַז ער וועט אַרויפקלעטערן ערגעץ אויף אַ בוים און וועט דאָרט צוברענגען די נאַכט. איך שעם מיך צו זאָגן, אַז זייט איך האָב מיך געפונען אין אַפריקע און האָב צוגעזען, ווי אַזוי מען באַהאַנדלט די נעגערס, האָב איך אויך אָנגעהייבן צו קוקן אויף זיי מיט אַנדערע אויגן. איך האָב גענומען קוקן אויף זיי ווי אויף בהמות, זאָל עס מיר נאָר נישט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ גרויסע עבירה. איך בין זיכער נישט שולדיק געווען דערין, נאָר אַנדערע שלעכטע מענטשן.

מיר האָבן זיך אויסגעצויגן אין אונדזערע האַמאַקעס און זענען אַנטשלאָפן געוואָרן. ווי לאַנג מיר זענען געשלאָפן, ווייס איך נישט. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט אַ ווילד, שרעקלעך טויט-געשריי.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, ווי משוגע און האָב מיך אַרומגעקוקט. דאָס פייער איז אויסגעגאַנגען. עס האָבן בלויז קוים, קוים געגליט עטלעכע קוילן. לעבן פייער איז געשטאַנען דער נענער אויף די קני. זיין שוואַרצע הויט איז געוואָרן אַשפּאַרביק, די אויגן זענען אים אַרויסגעקראָכן פון קאָפּ. ער האָט געהאַלטן אָפן דאָס מויל און האָט געשריען מיט די לעצטע כוחות.

בען בראַס האָט געכאַפּט די ביקס און האָט געוואָלט שיסן.

„איך זע נישט קיינעם, אויף וועמען איר ווילט שיסן“, — האָב איך געזאָגט. — „לאָמיר פריער זען, וואָס דאָרט איז“.

מיר האָבן זיך צוגעקוקט און האָבן דערזען מיט גרויס שרעק און פּחד, ווי עפּעס קריכט, עפּער דרייט זיך, עפּעס וואַרפט זיך אַרום נעגער.

„שלאַנגען!“ — האָט בען בראַס אויסגערופן, — „שלאַנגען זענען אָנגעפאַלן אויפן נעגער!..“

איך האָב זיך בעסער צוגעקוקט און דאָס בלוט איז מיר פאַרקילט געוואָרן אין די אָדערן. אויף דער ערד אַרום נעגער האָבן זיך געדרייט, געוויקלט, געפלאָנטערט, געקרימט, געבויגן און געקנייטשט הונדערטער טויזנטער שלאַנגען. די נאַכט איז געווען העל. די לבנה האָט געשיינט און וואָס מער איך האָב מיך צוגעקוקט, אַלץ קלאָרער און דייטלעכער האָב איך געזען, ווי די שלאַנגען זענען געקראָכן אויפן נעגער און אַרום נעגער.

זעקסאונדרייסיק יאָר זענען פאַרגאַנגען פון יענער שרעקלעכער נאַכט און אָט דאָס בילד שטייט מיר נאָך איצט ווי לעבעדיק. יעדעס מאָל, ווען איך דערמאָן מיך אָן דעם, ציטער איך, ווי אַ פיש.

איך האָב דערהערט אַ קלאַפּערן און אַ צישען און אַ הושען און אַ פייפן. מאַנכע שלאַנגען האָבן געקלאַפּט מיט זייערע עקן. דאָס האָט געטאָן די קלאַפּערשלאַנג, וועלכע האָט אויפן עק פינף־זעקס גרויסע שופּן, מיט וועלכע זי קלאַפּט, ווען זי דערזעט אַ מענטשן, פּונקט ווי זי וואָלט אים געוואָרנט, ער זאָל נישט צוקומען צו איר. מאַנכע האָבן נאָר געמאַכט: „ש.. ש.. ש..“ אַנדערע ווידער האָבן געמאַכט: „זש... זש...

שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז די שלאַנגען קענען נישט פאַרטראָגן דאָס העלע ליכט פון דער זון. אַ שלאַנג האָט

נישט קיין ברעמען, צו פארדעקן אירע אויגן, ווען עס שיינט אויף איר די זון. זי מוז זיך דעריבער באהאלטן בייטאג, ווען די זון שיינט. דערפאר אָבער קריכן זיי ארויס ביינאכט און שפּילן זיך, קריכן אַרום, לויפן אַרום און זוכן זייער עסן.

דעם נעגערס קולות זענען געוואָרן אלע מאָל שוואַכער און שוואַכער. עס איז געווען קלאָר, אז ער שטאַרבט. צולעצט האָבן מיר געהערט נאָר א שטיל קרעכצן. באַלד אָבער האָט דאָס אויך אויפגעהערט. דער נעגער איז געווען טויט.

די שלאַנגען זענען אָפּגעטרעטן פון אים. א שלאַנג עסט קיינמאָל נישט קיין טויטע זאַך. זי דערשלינגט אַ קליין חיהלע איבּגאַנצן, אָבער נאָר לעבעדיקערהייט. דער נעגער איז געלעגן מיטן געזיכט אַרויף. זיינע אויגן זענען געווען אָפן. אין די קאַלטע שטראַלן פון דער לבנה האָט מיר אויסגעוויזן, אַז זיין הויט איז געוואָרן בלוי - גרין.

ערשט איצט האָבן מיר אָנגעהייבן צו טראַכטן פון אונדז. עס איז געווען אַ געפאַר, אַז די שלאַנגען זאָלן נישט צוקומען צו אונדז.

„דידאָזיקע שלאַנגען קענען קריכן אויף ביימער", — האָט בען געזאָגט — „וואָס טוט מען?"

איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן אויף אזא מין פראַגע. מיר האָבן פאַרגעסן אָן אונדזערע ביקסן. צו וואָס וואָלטן זיי אונדז געקענט ניצן? שיסן אויף די שלאַנגען איז געווען אוּמעגלעך. וואָס וואָלט דען געהאָלפן, ווען מיר וואָלטן געטויט איינע אָדער צוויי? אונטער אונדז האָבן זיך געדרייט און געפּלאָכטן הונדערטער שלאַנגען.

אונדזער לאַגע איז געווען זייער אַ קריטישע.

„דיין מעסער!" — האָט בען בראָס געשריען. — „האַלט גרייט זיין מעסער! מיר קענען זיך ווערן נאָר מיטן מעסער..."

מיר האָבן געכאַפּט אונדזערע מעסערס, האָבן זיך אויפגעזעצט אין די האַמאַקעס און האָבן געוואַרט. צום גליק אָבער, איז קיין שום שלאַנג נישט געקראָכן צו אונדז. די שלאַנגען האָבן אַ שלעכט געהער. אונדזערע האַמאַקעס זענען געהאָנגען אין דער הויך. די שלאַנגען האָבן אונדז נישט געהערט. דערשמעקן האָבן זיי אונדז אויך נישט געקענט. מיר זענען געווען צו הויך פאַר זיי.

די שלאַנגען האָבן אונדז נישט באַמערקט. זיי האָבן זיך נאָר געדרייט, און געבויגן, און געקנייטשט, און געפלאָכטן און געשפּילט ארום דעם אָרט, וווּ מיר האָבן פאַרלייגט דאָס פייער. זיי האָבן ליב וואַרעמקייט. עס איז זייער מעגלעך, אַז דאָס פייער, וואָס מיר האָבן פאַרלייגט נעכטן ביינאַכט, איז געווען די סיבה, וואָס זיי זענען ארויסגעקראָכן פון זייערע לעכער און זענען אָנגעפאַלן אויפן אומגליקלעכן נעגער.

עס האָט שוין גענומען שאַריען אויף טאָג. דער וואַלד האָט אָנגעהייבן צו ווערן לעבעדיקער. מאַנכע פייגל האָבן פאַרגאָסן דעם וואַלד מיט פרימאָרגן - קלאַנגען. איך האָב מיך שוין געפרייט, איך האָב געהאָפט, אַז קוים וועט זיך ווייזן די זון, וועלן זיך די שלאַנגען צעלויפן. מיר וועלן דאַן אַראָפּ אויף דער ערד און וועלן גיין צוריק צו אונדזער שיף.

אין וואַלד האָט אָבער אָנגעהייבן צו רוישן און קלאַפּן. מיר האָבן געהערט, ווי ווילדע חיות לויפן, ברעכן די צווייגן פון דיביימער און גייען ערגעץ. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן נעגער און מיין בלוט איז פאַרקילט געוואָרן אין מיינע אָדערן. דער נעגער איז אָנגעשוואָלן געוואָרן, ווי אַ באַרג. איך האָב געזען פאַר מיר אַ באַרג מיט שוואַרצן פלייש...

עס איז מיר נישט גוט געוואָרן...

„לאָמיר אַראָפּקריכן, בען, און לאָמיר אַנטלויפן,“ — האָב איך מיך אָנגערופן מיט שרעק.

קוים האָב איך אַרויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער, האָב איך דערזען אַ ניי בילד. פון וואַלד זענען אָנגעקומען פיר אַנטילאָפּן, אַ גאַנצע פאַמיליע: פאָטער, מוטער און צוויי קינדער. זיי זענען געלאָפן צום וואַסער. דער זכר, וועלכן איך האָב דערקענט פון זיינע הערנער, איז געלאָפן פאָרויס. ער איז דורכגעלאָפן אונטער אונדזערע האַמאַקעס און איז שוין געווען איינצע טריט פונם טייכל.

פּלוצלונג האָט זיך פון אַ בוים לעבן אונדז אַראָפּגעוואָרפן אַ לאַנגער, ברייטער פאַס און האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום דער אומגליקלעכער אַנטילאָפּע. מיר האָבן דערהערט אַ שרעקלעך געשריי, דאָס טויט - געשריי פון אַ געפּייניקטער חיה. באַלד דערויף האָבן מיר דערהערט אַ קנאַקן פון ביינער. איך האָב נישט געוווּסט וואָס דאָס איז.

„דאָס איז די באָאַ!" — האָט בען בראַס געזאָגט און איז געוואָרן בלייך, ווי קאַלך.

איך האָב געלייענט אין ביכער, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע שלאַנג, וועלכע הייסט באָאַ קאָנסטריקטאָר. איך האָב געוווּסט, אַז די באָאַ איז זייער געפערלעך. זי פאַלט אָן אַפילו אויף אַ לייב אָדער אַ טיגער, וויקלט זיך אַרום אים אַרום, פּרעסט אים צו צו אַ בוים און צעברעכט אים די ביינער איינעם נאָכן אַנדערן. דאַן שלינגט זי אים איין. די באָאַ שלינגט איין מענטשן זייער לייכט. איר קענט אייך פאָרשטעלן, ווי איך האָב מיך איבערגעשראָקן.

אין מיין שרעק האָב איך קיין צייט נישט געהאַט זיך צו דער-מאָנען, אַז אין אַפריקע געפינט זיך נישט קיין באָאַ. דידאָזיקע שלאַנג האַלט זיך נאָר אויף אין אינדיע און אין די הייסע לענ-דער פון דרום - אַמעריקע. אין אַפריקע געפינט זיך נאָר אַ גרויסע שלאַנג, וואָס הייסט פּיטאָן און וואָס איז אויך אַזוי שטאַרק און געפערלעך, ווי די באָאַ.

מיר האָבן איצט אַפילו געזען, אַז נישט ווייט פון אונדז

געפינען זיך צוויי געפערלעכע שלאַנגען פון דעמדאָזיקן מין: אַן „ער" און אַ „זי". ביי די שלאַנגען איז לייכט צו דערקענען, וועמ עס איז אַן „ער" און ווער אַ „זי". די נקבה איז תמיד לענ־ גער פונם זכר.

עס איז שוין געווען גענוג ליכטיק. די זון האָט זיך נאָר וואָס געוויזן אויף די שפּיצן פון די ביימער און איך האָב דייטלעך געזען, ווי דער פּיטאָן האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דער אומגליק־ לעכער אַנטילאָפּע, האָט זי אַרומגענומען מיט אירע שרעקלעכע רינגען, צוגעשלעפּט זי צו אַ בוים און געגומען ברעכן אירע ביינער...

איך האָב מיך נישט געקענט איינהאַלטן, האָב אַרויסגעכאַפּט מיין רעוואָלווער און האָב אויסגעשאָסן. די שלאַנג איז געווען אַזוי נאָענט פון מיר, אַז איך בין געווען זיכער, אַז איך האָב איר גע־ טראָפן. צו מיין גרעסטן פּחד און אַנגסט, האָט זיך אויפגעהייבן פון דער ערד די צווייטע שלאַנג, די נקבה...

זי האָט זיך צעגויפגעדרייט, ווי די מאַטראָזן דרייען צונויף אַ קנויל שטריק אויף דער שיף, האָט אויפגעהייבן איר גרויסן פלאַכן קאָפּ און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיין האַמאַק. צום גליק פאַר מיר, האָט זי מיך נישט געקענט דערגרייכן. דער פּיטאָן מוז זיך אַראָפּוואַרפן אויף איר קרבן פון דערהויך. זי מוז פריער אַרויפקריכן אויף אַ בוים.

איך האָב געזען, ווי אירע פייערדיקע גרינע אויגן האָבן מיך אָנגעקוקט בייז און גיפטיק, און איך האָב געזען, ווי זי האָט אויפ־ געעפנט איר גרויסן רויטן פּיסק און האָט אַרויסגעשטעקט איר שוואַרצע, געשפּאָלטענע צונג. איך בין געבליבן זיצן, ווי אַ פאַר־ גליווערטער, ווי אַ פאַרכישופטער...

נאָכדעם האָט זי זיך גענומען אַרומוויקלען אַרום בוים. צום גליק אָבער, איז דער בוים געווען צו דיק פאַר איר. ווי איך האָב

געקענט באַרעכענען, איז די שלאַנג געווען לאַנג פון צוואָנציק ביז פינפאונצוואָנציק פוס, דער בוים אָבער האָט געהאַלטן אין דער גרעב עטלעכע און דרייסיק פוס. די שלאַנג איז געוואָרן נאָך בייזער און נאָך ווילדער. זי איז אַראָ געשפרונגען פונם בוים, צו וועלכן מיין האַמאַק איז געווען צוגעבונדן און האָט געזוכט אַ דינערן בוים, פון וועלכן זי זאָל קענען מאַכן אַן אָנפאַל אויף מיר.

דערווייל איז אָבער אויפגעגאַנגען די זון, עס איז געוואָרן הייסער און הייסער. איך האָב אראָפּגעקוקט און מיין אויג איז ווי־דער געפאַלן אויף דעם באַרג נעגער - פלייש...

איך בין געווען צעמישט. די שלאַנג האָט נישט גערוט, זי איז געקראָכן, געשפרונגען, זיך געדרייט און געצישעט.

בען בראס האָט אָבער אויך נישט גערוט. ער האָט געהאַלטן זיין רעוואָלווער אין די הענט און האָט געוואַרט. אַזוי ווי די שלאַנג האָט זיך פאַראינטערעסירט בלויז מיט מיין נפש, האָט בען בראס געהאַט צייט אויסצושטרעקן זיין רעוואָלווער און צו צילן. ער איז געווען פּראַקטישער פון מיר. ער האָט זיך פאַרהאַלטן גאַנץ רויק און האָט אָפּגעוואַרט דעם מאָמענט, ער זאָל איר קע־נען טרעפן אין קאָפּ. ער האָט געוווסט, אַז אַ שלאַנג קען מען נאָר טויטן, ווען מען טרעפט איר אין קאָפּ אָדער אין האַרץ. דערצו אָבער מוז מען זיין א געשיקטער שיסער. מען מוז גוט טרעפן.

די היץ איז געוואָרן מיט יעדער מינוט שטאַרקער. ווער עס איז נישט געווען אין אַפריקע, דער קען גאָרנישט משיג זיין, וואָס עס הייסט אזוינס אַפריקאַנישע היץ. דער גוף פונם טויטן נעגער האָט אָנגעהייבן פוילן און דער פּיטאָן האָט זיך אַלץ געדרייט און געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי מיך צו פּאַקן.

צולעצט האָט בען בראַס זיך דערוואַרט אויף אַ פּאַסיקן מאָ־מענט. אַקוראַט אין דער רגע, ווען די שלאַנג האָט אויפגעהייבן

דעם קאָפּ און זיך צוגעמאָסטן צו מיר, האָט ער אַ דריק געטאָן דאָס צינגל פון רעוואָלווער און האָט געטראָפן דעם פּיטאָן אין סאַמע קאָפּ...

די ריזיקע שלאַנג איז אַנידערגעפאַלן טויט אויפן אָרט. מיר האָבן אָפּגעאָטעמט פרייער. איך האָב מיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף און האָב אויסגערופן:

„בען, טייערער בען! מיר האָבן זיך געראַטעוועט!"

דער אַנדערער פּיטאָן איז באַלד דערויף נעלם געוואָרן.

מיר זענען אָבער געווען אַזוי איבערגעשראָקן פון אַלעמען, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אונדז אין אָט דער נאַכט, אַז מיר האָבן געמוזט זיך אָפּרוען אַ געוויסע צייט.

דער נעגער האָט אָבער גענומען פוילן און האָט אונדז פּאַרסמט די לופט.

מיר זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון אונדזערע האַמאַקעס און האָבן געוואָלט צענויפנעמען אונדזערע זאַכן, דאָס ביסל פּראָוויאַנט, וועלכע מיר האָבן מיטגעבראַכט פון דער שיף. בען בראַס האָט אָבער געזאָגט:

„ריר עס נישט אָן, בילי! עס איז פּאַרסמט! די שלאַנגען זענען געקראָכן איבער דעם!.."

איך בין אָפּגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגעבריטער. בען בראַס איז געווען גערעכט. די שלאַנגען זענען געווען אויפגערעגט און האָבן געוויס אויסגעגאָסן זייער סם אויף אונדזער פּראָוויאַנט. מיר האָבן עס געמוזט איבערלאָזן דאָרט, ווו עס איז געלעגן. מיר האָבן נאָר גענומען אונדזערע ביקסן מיטן ביסל אַמוניציע און זענען אַנטלאָפן פון דעמדאָזיקן פאַרפלוכטן אָרט.

קאַפּיטל עלף

מיר זענען נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. מיר האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון דעם פאַרשאָלטענעם אָרט, וווּ מיר האָבן פאַרבראַכט אַזאַ פיינלעכע נאַכט.

ווען מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען שוין ווייט פון דעם שלאַנגען-טייכל, זענען מיר געבליבן שטיין און האָבן זיך אַרומגעקוקט, ווו מיר זענען ערגעץ אין דער וועלט. אונדזער לאַגע איז געווען זייער אַ טרויעריקע. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ ווילדן וואַלד אָן פּראָוויאַנט און אָן אַ וועגווייזער. מיר האָבן זיך נאָר געקאָנט פאַרשטעלן, וווהין מיר דאַרפן גיין, כּדי צו קו-מען צו אונדזער שיף. אונדזער איינציקער וועגווייזער האָט געקענט זיין די זון. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר דאַרפן גיין קיין מערב. אין אַ ווילדן אַפריקאַנישן וואַלד איז אָבער די זון זייער אַ שלעכטער וועגווייזער.

דערווייל האָט דער מאָגן זיך אויך אריינגעמישט. מיר זענען געווען הונגעריק. מיר האָב נישט געגעסן פון נעכטן אָן. איצט איז שוין געווען צוועלף-אייגס אַ זייגער.

„מיר מוזן דערשיסן עפּעס א פייגל, פאַרלייגן אַ פייער און עס אָפּבראָטן״, — האָט בען בראַס געזאָגט.

עס פרעגט זיך אָבער, ווו נעמט מען דעם פייגל? מיר זע־נען ווייטער געגאַנגען. די היץ איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. איך בין געווען מיד און שוואַך און האָב געוואָלט אַנידערפאַלן. בען בראַס אָבער האָט אויף קיין פאַל נישט געוואָלט בלייבן שטיין.

„מיר מוזן זוכן עפּעס צו עסן,״ — האָט ער געזאָגט. — ביים עסן וועלן מיר זיך אויך אויסרוען.

מיר זענען ווייטער געגאַנגען און האָבן געפונען אַ קאָקאָס־פאַלמע. איך קען אייך נישט באַשרייבן די פרייד, וואָס איז מיך בעת מעשה באַפאַלן. איך האָב אונטערגעשפרונגען און האָב מיך הויך צעלאַכט.

בען בראַס האָט באַלד אַרויפגעקלעטערט אויפן בוים און האָט אָפּגעשניטן עטלעכע גרויסע, שווערע ניס. מיר האָבן זיי צע־בראָכן און האָבן זיי איינגעשלונגען מיטן גרעסטן אַפּעטיט.

מיר האָבן זיך געפילט געשטאַרקט און זענען געגאַנגען ווײ־טער. איצט זענען מיר שוין געגאַנגען אהיים, דאָס הייסט צו אונד־זער שיף. איך האָב שוין גענוג „געזען״ אַפריקע און איך האָב שוין געוואָלט בעסער נעכטיקן אויפן דעק פון דער „ראַפּינאַ״, איידער אויף אַ בוים אין אַן אַפריקאַנישן וואַלד.

גייענדיק, האָבן מיר דערזען עפּעס אַן אויסטערלישן בוים. אונטן איז ער געווען דינער, ווי אויבן. עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי איינער וואָלט אים אַרויסגעריסן און וואָלט אים געפלאַנצט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

דערדאָזיקער בוים האָט אונדז אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז מיר זענען צוגעגאַנגען נענטער צו אים און האָבן גענומען אים באַטראַכטן.

בען בראָס האָט געלערנט מער פון מיר און האָט געוווּסט אַ סך זאַכן. ער איז אָבער ווייניק געווען אין אַ ווילדן וואַלד. אַלע סאָרטן ביימער האָט ער נאָר געקענט פון בוך און נישט פון דער פּראַקטיק

„וואָס איז עס פאַר אַ בוים?״ — האָב איך געפרעגט:

ער האָט געקנייטשט מיטן שטערן און געענטפערט:

„דאָס מוז זיין אַ דראַקאָן - בוים.״

„וואָס איז דאָס פאַר אַ בוים — דער דראַקאָן-בוים?״

„ווען מען האַקט אים איין, הייבט אָן צו רינען פון אים זאַפט, וואָס איז רויט ווי בלוט.״

„איך וואָלט עס געוואָלט זען!״ האָב איך אויסגערופן.

מיר זענען צוגעגאַנגען נאָך נענטער צום בוים. אַרום אונדז האָט געוואַקסן אַ סאָרט גראָז מיט לאַנגע דינע בלעטער, ענלעך צו קאָרן אָדער ווייץ. ערטערווייז איז דאָס גראָז געווען אַזוי הויך אַז עס האָט געקענט פאַרבאַהאַלטן אַ מענטשן. ווו נישט ווו איז די ערד געווען צעטרעטן און צעגראָבן, פּונקט ווי דאָ וואָלט געווען אַ געראַנגל פון מענטשן אָדער חיות.

ווען מיר וואָלטן געווען בעסערע יעגער, וואָלטן מיר געדאַרפט זיך צוקוקן צו דידאָזיקע צייכנס און גיין זייער פאָרזיכטיק. מיר זענען אָבער ביידע נישט געווען קיין יעגער און זענען זיך גע-גאַנגען גאַנץ רויק, ביז מיר זענען צוגעקומען צום בוים.

בען בראָס האָט גענומען זיין מאַטראָזנמעסער און האָט אים אַריינגעשטאָכן אין בוים. ער האָט מיר געוואָלט ווייזן, אַז פון בוים וועט אַרויסשפּריצן אַ מין בלוט, דאָס הייסט אַ רויטער זאַפט. און אָט אין דעם מאָמענט איז פונם הויכן גראָז אַרויסגעשפּרונגען אַ חיה און האָט זיך געשטעלט קוקן אויף אונדז.

איך האָב באַלד דערקענט, אַז דאָס איז אַ לייב. דידאָזיקע חיה האָב איך שוין געזען עטלעכע מאָל אין אַ מענאַזשעריע און

איך האָב זי באַלד דערקענט. דאָס איז גאָרנישט קיין וווּנדער. ווער פון אונדז וואָלט עס נישט דערקענט קיין לייב.

דער לייב האָט, אפנים, געשלאָפן אין הויכן גראָז און מיר האָבן אים אויפגעוועקט. ער איז אויך געווען איבערראַשט, וואָס עמעץ האָט זיך דערוועגט אים אויפצוּוועקן פון שלאָף. ער האָט אויפגעהייבן זיין גרויסן קאָפּ און האָט געקוקט אויף אונדז מיט זיינע גרויסע געלע אויגן.

איך און בען בראַס זענען געבליבן שטיין, ווי פאַרשטיינערט פון שרעק. ווען דער לייב זאָל געווען אָנפאַלן אויף אונדז, וואָלטן מיר זיך אַפילו נישט געווערט, אַזוי דערשראָקן זענען מיר געווען. צום גליק פאַר אונדז, האָט דער לייב אונדז באַטראַכט עטלעכע רגעס, האָט אַ ברום געטאָן, אַ פּאָר מאָל אויפגעהייבן זיין שרעקלעכן עק און איז זיך לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען.

דאָס ליגט אין כאַראַקטער פון אַ לייב. ווען ער איז נישט הונגעריק און ווען מען רייצט אים נישט, ווייכט ער אויס דעם מענטשן. ער פאַלט ליבערשט אָן אויף אַנדערע חיות, איידער אויף אַ מענטשן.

דער לייב איז זיך אַוועקגעגאַנגען לאַנגזאַם און שטאָלץ, ווי אַ מלך. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויסדרייען זיין גרויסן קאָפּ און אַ קוק טאָן, צי מיר גייען אים נישט נאָך.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן גאָרנישט געהאַט בדעה אים נאָכצוגיין. מיר וואָלטן געוויס אַנטלאָפן פון אים, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. מיר האָבן אָבער מורא געהאַט צו לויפן, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז קוים וועלן מיר עס טאָן, וועט דער לייב אונדז נאָכלויפן.

בען בראַס האָט אָבער געמאַכט אַ פעלער. ער איז געווען אַזוי דערשראָקן און אַזוי איבערראַשט, אַז ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. האָט ער געכאַפּט זיין ביקס און האָט אויסגעשאָסן.

דאָט האָט שוין פאַרדראָסן דעם מלך פון די אַפריקאַנישע וועלדער. קוים האָט ער דערהערט דעם קנאַק פון ביקס, האָט ער זיך אומגעקערט, האָט אָנגעהייבן צו ברומען און האָט אָנגעהייבן צו שפּרינגען צום בוים, לעבן וועלכע מיר זענען געשטאַנען.

מיר זענען געווען פאַרלאָרן. דער לייב וואָלט אונדז געוויס געווען צעריסן אויף שטיקער. אין דער גרעסטער נויט האָבן מיר געזען פאַר אונדז נאָר איין מיטל ארויפצוקלעטערן אויפן בוים. אַ לייב קען נישט קלעטערן אויף ביימער, און אָט האָבן מיר זיך געראַטעוועט, ווי מיר האָבן געקענט.

איך בין געווען יינגער און פלינקער און בין באַלד געווען אויף די אויבערשטע צווייגן פון בוים. בען בראַס איז געווען עלטער און שווערער. איך האָב אים געמוזט העלפן ארויפקריכן צו מיר: פאַר גרויס שרעק האָבן מיר ביידע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אונדזערע ביקסן און פעקלעך. זיי זענען אונדז געווען צו שווער און דער בוים איז אונטן געווען גאַנץ גלאַט.

דער לייב איז צוגעשפּרונגען צום בוים, פונקט אין דער מינוט, ווען בען בראַס האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן זיינע העכערע צווייגן. דער לייב האָט אָנגעהייבן צו רייסן די קאָרע פון בוים מיט זיינע גרויסע שווערע לאַפּעס און האָט דערביי שרעקלעך געברומט. ער איז געווען מוראדיק בייז און אויפגערעגט. מיר האָבן געזען, ווי ער רייסט די קאָרע פון בוים און פּרוּווט צו שפּרינגען אינדערהויך. ער האָט עס געפּרוּווט עטלעכע מאָל און האָט זיך דאָך נישט איבערצייגט, אַז ער וועט אונדז נישט דערגרייכן.

ער איז אַוועקגעגאַנגען אויף דרייסיק - פערציק טריט פונם בוים, האָט אַראָפּגעלאָזן זיין גרויסן קאָפּ, אויפגעהייבן זיין שטאַרקן עק און האָט אַ שפּרונג געטאָן מיטן גאַנצן לייבישן כוח אויפן בוים. דאָס מאָל איז עס אים געלונגען. ער האָט אַרומגענומען דעם בוים מיט זיינע שטאַרקע לאַפּעס, איינגעגראָבן זיינע שאַרפע נעגל

אין דער ווייכער קארע, און אַרויפגעהייבן זיין שווערן קערפּער העכער.

„מיר זענען פאַרלאָרן!״אַ— האָב איך אויסגערופן.

„דיין מעסער, בילי!״ — האָט בען געשריען.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס בען בראָס האָט מיר געזאָגט און עס איז אויך קיין צייט נישט געווען צו רעדן. מיר האָבן שוין געפילט דעם ברענענדיקן אָטעם פון דעם גרויסן פּיסק. מיר האָבן שוין געזען, ווי זיינע לאַפּעס האַלטן שוין גאָרנישט ווייט פון אונדז.

בען בראָס האָט געכאַפּט זיין מאַטראָזנמעסער און האָט אַ שניט געטאָן דעם לייב אין פוס. אין דערזעלבער צייט האָב איך אויסגעשאָסן מיטן רעוואָלווער, וועלכן איך האָב געטראָגן אין קעשענע.

איך קען איצט נישט זאָגן, אויב מיין שאָס מיטן רעוואָלווער האָט דערשראָקן דעם לייב אָדער בען בראָס האָט אים געגעבן אַזאַ שטאַרקן שניט אין פוס, אַז ער האָט געמוזט אָפּלאָזן דעם בוים. ווי די מעשה איז — דער לייב איז אָבער באַלד אָפּגעשפּרונגען פונם בוים, האָט אָנגעהייבן שטאַרק צו ברילן און האָט זיך אָפּגערוקט.

מיר האָבן אויפגעאָטעמט פרייער. מיר האָבן געמיינט, אַז איצט זענען מיר שוין זיכער. מיר האָבן גערעכנט, אַז מיר האָבן אים שטאַרק פאַרוואונדעט און ער וועט אונדז שוין גאָרנישט טאָן. מיר האָבן אָבער אַ טעות געהאַט. דער לייב איז געוואָרן נאָך בייזער און נאָך ווילדער. מיר האָבן געזען, ווי ער האָט זיך אנידערגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס און האָט אָנגעהייבן אָפּצולעקן דאָס בלוט פון זיין פוס. ערשט איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז בען בראָס האָט אים געגעבן גאָר אַ גאַנץ לייכטן שניט מיט זיין מעסער.

דער לייב האָט זיך אָפּגערוקט אַ ביסל, און האָט פונדאַסניי

אָנגעהייבן זיינע מאַנעווורעס. איך האָב ווידער גענומען מיין רעוואָל־ווער, און בען בראַס האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו זיין מעסער. מיר האָבן זיך אָנידערגעזעצט פעסט אויף די דיקע צווייגן פונם בוים און האָבן אָפּגעוואַרט אונדזער שונא.

דער לייב האָט געפּרוּווט נאָך עטלעכע מאָל אַרויפשפּרינגען אויפן בוים. ער איז שוין אָבער געוואָרן פאַרזיכטיקער און האָט באַוויזן, אַז ער ווייס, וואָס ער טוט. ער איז אָנגפאַלן נישט אויף דער זייט, ווו מיר זענען געזעסן מיט אונדזער געווער אין די הענט, נאָר פון דער אַנדערער זייט.

„מיר האָבן צו טאָן מיט אַ קלוגן און דורכגעטריבענעם פיינט", — האָט בען בראַס געזאָגט. — „מיר מוזן זיך אַנידערזעצן רוקן צו רוקן און זיך פאַרטיידיקן פוןביידע זייטן. פון איין זייט וועל איך זיך פאַרטיידיקן מיט מיין מעסער און פון דער אַנדערער זייט וועסטו פיירן מיטן דיין רעוואָלווער".

מיר האָבן אַזוי געטאָן און האָבן געהאַלטן גרייט אונדזער געווער. אין אַ מינוט אַרום האָב איך אויסגעשאָסן. איך האָב אים אָבער נישט געטראָפן. עס איז געווען אַ קליינער רעוואָלווער. שפּע־טער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אַ לייב קען מען טויטן מיט אַ קויל נומער 36. מיין רעוואָלווער אָבער האָט געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל נומער 22.

דער לייב האָט אונדז אַלץ נישט אָפּגעלאָזט. פּלוצלונג אָבער האָט ער זיך עפּעס אַזוי ווי מיישב געווען און איז גאָר אַוועקגע־גאַנגען פון אונדז.

„בען!" — האָב איך געשריען — „ער גייט דאָך אַוועק. ער לאָזט אונדז אָפּ".

„פריי זיך נישט, בילי", — האָט מיר בען בראַס צוגע־וואָרפן. — „אַ לייב לאָזט נישט אָפּ אַזוי שנעל".

באַלד האָב איך מיך איבערגעצייגט, אַז בען בראַס איז גע־

רעכט. דער לייב האָט זיך אָפּגערוקט אויף אַ דרייסיק שריט פונם בוים, האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף אַלע פיר, פונקט קעגן אונדז, און האָט פון צייט צו צייט אויפגעהייבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויף אונדז. עס איז געווען קלאָר, אַז ער וויל אונדז באַלאַגערן. ער פאַרשטייט, אַז מיר וועלן אייביק נישט זיצן אויפן בוים. מיר וועלן זיך געוויס אויסהונגערן און וועלן מוזן אַראָפּגיין, און דאָ וועט ער זיך שוין מיט אונדז אָפּרעכענען אויף דער וועלט.

דאָס איז געווען אַ מערקווירדיק קלוגע חיה. געלעגן איז דער לייב גאַנץ רויק; עפּטער פלעגט אונדז אויסוויזן, אַז ער שלאָפט גאָר. קוים אָבער פלעגן מיר זיך אָנהייבן צו רירן, פלעגט ער אויפהייבן זיין גרויסן קאָפּ און אויסגלאָצן זיינע גרויסע געלע אויגן, פונקט ווי ער וואָלט אונדז געזאָגט:

„ניין, מיינע הערן, איר וועט פונדאַנען נישט אַראָפּגיין...״

אַמאָל ווידער, פלעגט ער עפענען זיין גרויסן שוואַרצן פּיסק און פלעגט אונדז ווייזן זיינע שאַרפע ציין און באַלד דערויף פלעגט ער אָנהייבן צו ברומען אַזוי הויך, אַז מען וואָלט אים געקענט הערן אויף צען מייל אַרום.

אונדזער לאַגע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע. מיר האָבן געמוזט זיצן אויפן בוים און שווייגן. וואָרים קוים האָבן מיר אָנגעהייבן זיך צו רירן, אָדער צו רעדן, האָט דער לייב גענומען ברומען און קלאַפּן מיטן עק אָן דער ערד.

מיר זענען געוואָרן שרעקלעך דורשטיק. זייט מיר האָבן געגעסן די קאָקאָסניס, האָבן מיר נישט געטרונקען. דער דורשט האָט אונדז שטאַרק געפּייניקט.

וואָס טוט מען? אַראָפּגיין פונם בוים איז אומעגלעך. דער געררייצטער לייב וועט אונדז צערייסן. בלייבן אויפן בוים איז אויך אומעגלעך. מיר וועלן דאָך שטאַרבן פון הונגער און פון דורשט. דער לייב האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. ער איז געלעגן גאַנץ

רויק און האָט ניט אַראָפּגעלאָזט פון אונדז קיין אויג. דער בעסטער שומר אין דער וועלט!

די איינציקע האָפענונג אונדזערע איז געווען, אז דער לייב וועט דאָך אויך אַמאָל ווערן הונגעריק, און וועט מוזן גיין זוכן עפּעס צו עסן, דאַן וועלן מיר אַראָפּשפּרינגען פון בוים און וועלן אַנטלויפן. מעגלעך, אַז ער וועט אַוועקגיין, ווען עס וועט צופאַלן די נאַכט. אויף אונדזערע חברים פון דער „ראַפּינא" האָבן מיר נישט געקענט האָפן. קען מען דען אויסזוכן אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי? הוצדעם, וועט זיי גאָרנישט איינפאַלן צו גיין אונדז זוכן. אַזוי גוט זענען נאָך קיינמאָל נישט געווען.

דער דורשט האָט אונדז אָבער שרעקלעך געפּייניקט. עס איז אונדז טרוקן געוואָרן אין מויל און די צונג האָט זיך צוגע־קלעפּט צום גומען.

פלוצלונג איז בען בראַס געפאַלן אויף אַ נייער אידעע. ער האָט געכאַפּט זיין מעסער און האָט אָנגעהייבן צו שניידן דעם צווייג, אויף וועלכן ער איז געזעסן. ער האָט גערעכנט, אז דער אַפּט פונם בוים וועט אַרויסשפּריצן פון דעם אָרט, ווו ער וועט איינשניידן און מיר וועלן קענען ווייניקסטנס איינעצן אונד־זערע ליפּן.

קוים האָט ער געמאַכט אַ טיפן שניט אין צווייג פונם בוים, האָט אָנגעהייבן אַרויסצורינען פון אים אַ רויטער זאַפט. מיר האָבן צוגעלעגט אונדזערע מיילער צום שניט און האָבן געזויגן דעם בלוטרויטן זאַפט.

אך! ווען מיר זאָלן געווען פאַרשטיין אַ ביסל מעדיצין, וואָלטן מיר נישט געזויגן דעמדאָזיקן זאַפט. אין דער מעדיצין איז ער באַקאַנט אונטערן נאָמען „דראַקאָן - בלוט". ווען מען נעמט אים אַריין אין מויל, ציט ער שטאַרק צונויף די צונג, דעם גומען און די ליפּן.

מיר האָבן באַלד דערפֿילט, אַז אונדזער צונג ווערט צוזאַמענ־געפּרעסט, צוזאַמענגעצויגן און צוזאַמענגעדריייט. זי איז געוואָרן טרוקן, ווי אַ ביין און האָט אָנגעהייבן אונדז ווייַ צו טאָן. אויסער־דעם, האָבן מיר ערשט איצט אָנגעהייבן צו פֿילן די אמתע יסורים פֿון דורשט. די צונג איז אונדז פֿאַרברענט געוואָרן.

ווען מיר זאָלן נישט געווען פֿראָבירן דעם רויטן זאַפֿט אָדער דאָס „דראַקאָן־בלוט", ווי עס הייסט ביי די געלערנטע, וואָלטן מיר געוויס געקענט אויסהאַלטן דעם דורשט נאָך עטלעכע שעה. איצט אָבער איז דאָס געווען אוממעגלעך. מיר האָבן עס שוין לענגער נישט געקענט אויסהאַלטן.

עס האָט געהאַלטן אַזוי ווייט, אַז מיר האָבן שוין באַשלאָסן אַראָפּצוגיין פֿונם בוים און זיך לאָזן צערייסן פֿונם לייב. מיר האָבן איינגעפֿונען, אַז עס איז גלייכער צו שטאַרבן מיט אַמאָל איידער צו ליידן יסורים אָן אַ סוף!

„מיר ווען עס נישט אויסהאַלטן". — האָב איך געזאָגט — „לאָמיר נעמען אונדזערע מעסערס אין די הענט און לאָמיר אַראָפּ־קריכן פֿונם בוים. אינדזער לעבן איז סיי ווי קיין לעבן נישט..."

בען בראָס האָט זיך פֿאַרטראַכט. ער האָט אויך איינגעפֿונען, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג. ער האָט אָבער אין דערזעלבער צייט אויך געוווסט, אַז דאָס איז אַ זיכערער טויט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

„דו פֿאַרגעסט, בילי, אַז מיר האָבן ביקסן".

„איך פֿאַרגעס עס גאָרנישט, איך ווייס זייער גוט, אַז זיי ליגן פֿאַרן בוים. ווי אַזוי קענען מיר אָבער צוקומען צו זיי?"

„דאָס איז טאַקע אַ פֿראַגע", — האָט בען בראָס געזאָגט. — „מיר מוזן זיי באַקומען, אונדזערע ביקסן".

מיר מוזן זיי באַקומען, אונדזערע ביקסן. מיט אַ ביקס קען מען זיך פֿאַרט אַן עצה געבן אַפֿילו קעגן אַ לייב.

ווי באַקומט מען אָבער אונדזערע ביקסן?

דער לייב איז נאָך אַלץ געלעגן נישט ווייט און האָט געוואַכט איבער אונדז, ווי אַ גוטער הונט. ווען מיר זענען געזעסן שטיל, איז ער געלעגן רויק, קוים אָבער האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו רירן, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט אָנגעהויבן צו ברילן.

בען בראַס האָט געזאָגט:

„ווייסטו וואָס, בילי? איך וועל דיך האַלטן ביי די פיס און וועל דיך אַראָפּלאָזן. דו וועסט אַ כאַפּ טאָן די ביקס און איך וועל דיך באַלד אַרויפשלעפּן".

דערדאָזיקער פּלאַן וואָלט אפשר געווען אַ גוטער, ווען מיין קערפּער וואָלט געווען גענוג לאַנג אויף צו דערגרייכן די ביקסן. ליידער אָבער, זענען די ביקסן געלעגן אַ פּאָר שריט ווייט פונם בוים, און איך וואָלט זיי נישט געקענט דערגרייכן.

פלוצלונג איז בען בראַס געפאַלן אויף אַ נייעם פּלאַן.

„ווייסטו וואָס, בילי?" — האָט ער פלוצלונג אויסגערופן. — „לאָמיר מאַכן אַ שלייף אויף אַ שטריק און לאָמיר אים אַזוי לאַנג וואַרפן, ביז מיר וועלן אָנכאַפּן די ביקס מיטן שלייף".

דאָס איז באמת געווען אַ גוטער איינפאַל.

מיר האָבן געהאַט מיט זיך אַ שטריק. אַ מאַטראָז גייט זעלטן ערגעץ אָן אַ שטריק אין זיינע מאַטראָזן - קעשענעס. דער פּלאַן האָט, אַלזוי, תיכף ומיד געקענט פאַרווירקלעכט ווערן.

בען האָט געקענט מאַכן אַ שלייף. דאָס קען יעדער מאַטראָז. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ וואָרף געטאָן דעם שטריק מיטן שלייף ווייט פון דער ביקס.

דער לייב האָט עס דערזען, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַ ברום געטאָן און זיך באַלד צוריק צעבידערגעלייגט. ער האָט געזען, אַז מיר זיצן נאָך אַלץ אויפן בוים און פאַרהאַלטן זיך גאַנץ

רויק. ווען בען האָט געזען, אַז דער לייב האָט זיך ווידער אָני־דערגעלייגט, האָט ער אָנגעהייבן צו ציען דעם שטריק לאַנגזאַם און פּאָרזיכטיק, ביז דער שלייף איז אויסגעקומען אונטער דער קאָלבע פון דער ביקס. דאַן האָט ער אים מיטאַמאָל אַ צי געטאָן צו זיך.

און אָט אין דריי מינוט אַרום האָבן מיר שוין געהאַט די ביקס ביי זיך אויפן בוים.

צום גליק, האָבן מיר געהאַט ביי זיך אונדזער פּולווער מיט די קוילן. דער פּלאַן האָט זיך אויסגעצייכנט איינגעגעבן.

דער לייב איז געוואָרן אומרויק, ווען ער האָט געזען, ווי די ביקס איז אַליין אַרויפגעקראָכן אויפן בוים. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דערדאָזיקער אינסטרומענט וועט אים קיין גוטס נישט ברענגען. האָט ער זיך אויפגעהייבן, האָט אונדז אָנגעקוקט מיט די גלעזערנע אויגן, און איז געבליבן שטיין אויף איין אָרט, פּונקט ווי ער האָט געוואָלט זאָגן, וואָס ווילן מיר דאָ טאָן מיט דעמדאָזיקן אינסטרומענט.

„שיס אויס פון דיין רעוואָלווער“, — האָט בען געזאָגט, — „וועט ער צערייצט ווערן און וועט צוגיין נענטער.“

איך האָב אויסגעשאָסן. דער לייב האָט אָנגעהייבן צו ברומען און צו שלאָגן זיינע זייטן מיט זיין שטאַרקן עק. ער האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט.

מיר זענען ווידער געווען פאַרצווייפלט. דער לייב איז געווען צו ווייט פון אונדז און האָט אויף קיין פאַל נישט געוואָלט צוקומען נענטער, אַז בען זאָל קענען אים טרעפן אין קאָפּ. איך האָב געפּרווט אויסשיסן נאָכאַמאָל פון מיין רעוואָלווער. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. דער לייב איז שוין געווינט געוואָרן צו דידאָזיקע קלעפּ און האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

„עס העלפט נישט, איינער פון אונדז מוז אַראָפּגיין“, — האָט

בען געזאָגט. — דו מוזט עס טאָן, בילי. בינד זיך צו צום צווייג און פּרוּוו זיך אַראָפּלאָזן. ווען דער לייב וועט נאָר צוקומען נאָענט, העל איך אים דערשיסן, ווי אַ הונט.

ווי ריזיקירט מען אָבער אַראָפּצולאָזן זיך פונם בוים? עס איז אָבער קיין אַנדערע ברירה נישט געווען. צוגעבונדן צו אַ צווייג, האָב איך מיך געפּרוּווט אַראָפּלאָזן מיט גרויס פּחד.

דאָס האָט געהאָלפן. קוים האָט דער לייב דערזען, אַז איך האָב אָנגעהייבן אַראָפּצוגיין, איז ער אויפגעשפּרונגען און איז צוגעלאָפן צום בוים מיט אַזאַ גרימצאָרן, אַז די ערד האָט געציטערט אונטער אים. בען האָט אָבער אויסגעשאָסן. די קויל האָט אים געטראָפן פּונקט אינדערמיט פון קאָפּ. דער לייב איז אונטערגעשפּרונגען, האָט זיך איבערגעקערט און איז אַנידערגעפאַלן.

מיר האָבן נאָך אַלץ מורא געהאַט אַראָפּצוקריכן פון בוים טאָמער לעבט ער נאָך, דער שד. אָבער אַז מיר האָבן איינגעזען, אַז ער ליגט אומבאַוועגלעך, ווי אַ שטיין, זענען מיר סוף כּל סוף אַראָפּגעקראָכן.

בען בראַס האָט געשמייכלט.

„מיר זענען דאָך גוטע יעגער!" — האָט ער געזאָגט. — „מיר האָבן דערשאָסן אַ לייב, די שטאַרקסטע חיה אין אַפריקע".

איך האָב אים נישט געענטפערט, ווייל איך האָב געטראַכט נאָר פון איין זאַך -- וואַסער! דער דורשט האָט מיך אַזוי געפּייניקט, אַז איך האָב נישט געקענט רעדן. עס איז געווען נישט שווער צו געפינען וואַסער. נישט ווייט פונם בוים, אויף וועלכן מיר זענען געזעסן, איז געפלאָסן אַ קליין טייכל. זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד, האָבן מיר אָנגעהייבן צו זופּן דאָס וואַסער, פּונקט ווי מיר וואָלטן געוואָלט אויסטרינקען דעם גאַנצן טייך.

איינגעשטילט דעם דורשט, האָב איך געזאָגט צו בען בראַסן:

„בען מיר האָבן שוין גענוג אַפריקע! לאָמיר גיין צוריק צו אונדזער שיף".

מיר גייען, בילי" — האָט ער געזאָגט. — „מיר מוזן אָבער אַראָפּנעמען דאָס פעל פונעם לייב. לאָמיר וועניקסטנס האָבן עפּעס צו ווייזן, ווען מיר וועלן קומען אויף דער „ראַפּינאַ...

איך האָב אַפילו געוואָלט לאָזן ליגן דעם לייב מיט זיין פעל און האָב בעסער געוואָלט אַנטלויפן אַהיים. עס האָט מיר אָבער נישט געהאָלפן. בען בראַס איז געווען אַן איינגעשפּאַרטער, אַן עקשן און ער האָט אויסגעפירט.

מיר האָבן זיך אומגעקערט צום אָרט, וווּ דער טויטער לייב איז געלעגן און האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. אין אַ האַלבע שעה אַרום האָבן מיר אַראָפּגעצויגן פון לייב זיין שיינעם געלן פעל. בען בראַס האָט אים אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס און מיר זענען ווייטער געגאַנגען.

עס איז שוין געווען נישט פרי, ווען מיר האָבן זיך געלאָזן אין וועג. די זון האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין. דערמיט זענען מיר אָבער געווען זייער צופרידן, ווייל איצט האָבן מיר געוווסט אין וואָס פאַר אַ זייט צו גיין. מיר האָבן געוווסט, אַז די „ראַפּינאַ" געפינט זיך אין דער מערב-זייט. דאַרפן מיר גיין אין דער זייט, וווּ די זון גייט אונטער און מיר וועלן באַלד קומען „אַהיים". דאָס איז' דאַכט זיך, געווען גאַנץ איינפאַך. אַזוי, לפּחות, האָב איך מיר געטראַכט.

מיר זענען געגאַנגען שנעל אין יענער זייט, וווּ די זון איז אונטערגעגאַנגען און מיר זענען צוגעקומען צו אַ טייך. פּלוצלונג האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז מיר גייען נישט ריכטיק. מיר דאַרפן גיין רעכטס און מיר גייען גאָר לינקס. מיר האָבן זיך אומגעקערט און זענען געגאַנגען רעכטס.

אזוי זענען מיר אדורכגעגאנגען א פאר מייל. דערוויילע איז אבער די זון אונטערגעגאנגען. מיר זענען געווען זייער מיד און דער מאגן האט ווידער דערמאנט, אז מיר דארפן עסן. אויסער עטלעכע קאקאסניס האבן מיר היינט גארנישט געגעסן.

מיר זענען געבליבן שטיין און האבן זיך ארומגעקוקט פון אלע זייטן. אין דער רעכטער זייט פון אונדז איז געווען א בערגל. אויף אים איז געשטאנען א הויכער און משונה דיקער בוים, א בוים — א ריז.

מיר האבן אפילו נישט געוווסט, וואס פאר א בוים דאס איז. מיר האבן געזען, אז עס הענגען אראפ פון אים פירות און מיר האבן באשלאסן צו פרווון דידאזיקע פירות. מיר האבן אזוי געטאן. דידאזיקע פירות, ענלעך צו עפל, זענען אבער געווען זויער און נישט געשמאק.

עס איז געווארן פינסטערער און פינסטערער.

„מיר מוזן דא איבערנעכטיקן", — האט בען בראס געזאגט.— „גיין ביינאכט אינדערפינסטער אין די וועלדער פון אפריקע איז זייער געפערלעך.

איך האב געשוויגן. יא, איך האב שוין געזען און זיך געניט אנגעליטן אין אפריקע.

קודם האט מען געמוזט פארלייגן א פייער.

בען בראס האט געהאט מיט זיך זיינע פייער - מכשירים. ער האט אויפגעשלאגן א פייער און איך ביז געגאנגען צונויפנעמען טרוקענע צווייגן און בלעטער.

מיר האבן זיך זייער געפרייט מיטן פייער. וואס האט עס אבער געהאלפן? מיר האבן געוואלט עסן. עס האט אנגעהייבן צו רייסן אין צו קניפן אין מאגן, — מיר האבן נישט געקענט אויסהאלטן.

„בלייב דוביים פייער, בילי," — האט בען בראס

געזאָגט, — „איך וועל נעמען די ביקס און וועל גיין זוכן עפּעס צו עסן.

בען בראַס האָט אָנגעלאָדן זיין ביקס און איז זיך אַוועקגעגאַנגען. איך בין געבליבן אַליין. איך בין געזעסן ביים פייער און האָב באַטראַכט די געגנט אַרום. די רויטע פייער־צונגען האָבן געטאַנצט אויפן דיקן בוים. ווען איר ווילט האָבן אַ באַגריף, ווי דיק דער בוים איז געווען, קען איך אייך זאָגן, אַז ווען דרייסיק מענטשן וואָלטן אויסגעשטרעקט זייערע הענט, וואָלטן זיי אים נישט געקענט אַרומנעמען.

פּלוצלונג האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אונטן איז די קאָרע פונם בוים צעשניטן. איך האָב אפילו געוואָלט אַ קוק טאָן, וואָס דאָס איז, אָבער איך בין געווען אַליין, און האָב זיך מורא געהאַט צו רירן פון אָרט. מיין ביקס איז געלעגן לעבן מיר אויף דער ערד און איך בין געווען גרייט זי צו געברויכן יעדע מינוט.

איך שעם מיך נישט אויסצוזאָגן, אַז איך האָב אָנגעהייבן שטאַרק מורא צו האָבן און עס האָט מיר באַנק געטאָן, וואָס איך האָב געלאָזט בען בראַסן אַוועקגיין. פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ קנאַל פון אַ ביקס. איך בין אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

„עפּעס וועט שוין זיין וואָס צו עסן!" — האָב איך מיט שמחה געטראַכט.

בען בראַס איז באַלד געקומען צו לויפן. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ גרויסן פייגל, וועלכן ער האָט דערשאָסן לעבן טייך. ווי עס האָט אויסגעוויזן, איז דער פייגל געגאַנגען טרינקען. בען בראַס האָט אים דערזען און האָט אים דערשאָסן.

מיר האָבן קיין צייט נישט געהאַט צו באַטראַכטן דעם פייגל, צי מען קען אים עסן, צי נישט. מיר זענען געווען אַזוי הונגעריק, אַז מיר וואָלטן געגעסן שטיינער. בען בראַס האָט אַרויסגענומען דעם

אייזערנעם שטעקן פון זיין ביקס, האָט מיט אים דורכגעשטאָכן דעם פייגל און האָט גענומען אים בראָטן.

מיר זענען געווען אזוי הונגעריק, אַז מיר האָבן נישט גע-וואַרט, ביז דער פייגל וועט זיך גוט אויסבראָטן. מיר האָבן אים אויפגעגעסן האלב רוי. מיר האָבן אים אויפגעגעסן מיט די ביינער. ווער איז איצט געווען גליקלעכער פון אונדז? מיר זענען גע-ווען זאַט!

אַ זאַטער, האָב איך אַ פרעג געטאָן בען-בראַסן:

„וואָס איז עס פאַר אַ בוים?"

„מיר ווייזט אויס, אַז דאָס איז דער באַאָבאַב, אָדער דער ברויטבוים" — האָט בראַס געענטפערט. „מען רופט אים אַזוי, ווייל די מאַלפּעס האָבן זייער ליב זיינע פירות. דאָס איז זייער ברויט. אין אינדיע וואַקסט אַן אַנדער סאָרט פון דעמזעלבן בוים, און מען רופט אים אויך ברויטבוים. פון יענעם בוים אָבער קען מען מאַכן ברויט פאַר מענטשן. די אינדיער רייסן אָפּ זיינע פירות, צעהאַקן זיי, צעקנעטן זיי און באַקן פון זיי ברויט."

דאָס איז אייגנטלעך אַ בוים — אַ וואַלד. ער צעוואַקסט זיך אַזוי גרויס און אַזוי געדיכט, אַז ער מאַכט אַן איינדרוק פון אַ וואַלד. זיין קאָרע איז זייער דיק און די אייגווייניגער פון יענע געגנטן דעקן צו זייערע הייזער מיט איר.

„בען," — האָב איך פּלוצלונג געזאָגט, — „איך וויל אייך עפּעס ווייזן. גיט נאָר אַ קוק דאָרט אויפן בוים. מיר דאַכט זיך, אַז די קאָרע איז דאָרט אויסגעשניטן."

בען האָט אַ קוק געטאָן און געענטפערט:

„יאָ, בילי, דאָ זענען געווען מענטשן. זיי האָבן אויסגעשניטן די קאָרע פונם בוים."

„צו וואָס האָבן זיי עס געטאָן?"

„דאָס קען איך נישט וויסן. מסתמא האָבן זיי עפּעס באַהאַלטן אין בוים.“

„לאָמיר זען,“ — האָב איך געזאָגט, — „אפשר האָבן די נעגערס באַהאַלטן דאָרט עפּעס?“

„און אפשר געלט?“ — האָט בען בראַס געשמייכלט.

מיר זענען ביידע געוואָרן נייגעריק. מיר האָבן פאַרגעסן, אַז מיר זענען מיד און שלעפעריק און זענען געגאַנגען זען, וואָס עס טוט זיך אין בוים.

ווען מיר זענען צוגעגאַנגען נענטער צום בוים, האָבן מיר דערזען, אַז בײַ אַ צוויי פוס הויך פון דער ערד איז די קאָרע צעריסן, צעריבן און צעקנייטשט. אונטן איז געווען אַ גרויסער שניט, אין וועלכן מען האָט געקענט אַרײַנשטעקן אַ מעסער. פון דעמדאָזיקן שניט זענען געגאַנגען נאָך צוויי אין ביידע זייטן, און אויבן איז ווידער געווען אַ שניט. אין דער קאָרע איז געווען אויסגעשניטן אַ פירעקיק ברעטל, גלייך ווי מען וואָלט דאָרט געמאַכט אַ טיר אָדער אַ פענסטער.

עס איז געווען קלאָר, אַז דאָ האָט געאַרבעט אַ מענטש. ווער האָט דאָס אָבער געקענט טאָן? מיר האָבן באַטראַכט דעם בוים פון אַלע זייטן. אומעטום איז ער געווען גלאַט און פאַרוואַקסן.

„דאָס האָט מען געוויס אויסגעשניטן אַ טירעלע אין בוים,“— האָט בען בראַס געזאָגט. — „מיר מוזן אַ קוק טאָן דערין“.

ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין ביקס אויף דעם אָרט, ווו די קאָרע איז געווען אַרומגעשניטן. מיר האָבן דערהערט אַ טויבן קלאַנג

„דער בוים איז דאָ אויסגעהוילט!“ — האָט בען געזאָגט. — „הער זיך גוט צו, בילי!“

„ער האָט אָנגעקלאַפּט מיט דער האַנט. עס האָט געקלונגען אַזוי ווי מען וואָלט געקלאַפּט אין אַ ליידיקן פאַס

„בילי!" — האָט בען בראַס שוין געשריען. — „מיר האָבן געפונען אַן אוצר. די נעגערס האָבן דאָ געוויס באַהאַלטן גאָלד און טייערע זאַכן".

ער האָט באַלד אַרויסגעכאַפּט זיין מעסער און האָט גענומען אַרבעטן מיט אים. עס איז אָפּגעשפּרונגען אַ שטיק קאָרע, גרויס ווי אַ פענסטער. מיר האָבן דערזען אַ פינסטער לאָך אין בוים. דער בוים איז געווען אויסגעהוילט.

אַזוי ווי מיר זענען געווען איבערגעשראָקן פון אונדזער נעכטיקער געשיכטע מיט די שלאַנגען, האָבן מיר מורא געהאַט אריינצושטעקן אַ האַנט דערין. מיר האָבן געזען, אַז דאָרט ליגט עפּעס, אָבער מיר האָבן נישט געקענט זען, וואָס דאָרט ליגט.

בען בראַס האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. ער איז באַלד צוגעגאַנגען צום פייער, האָט געכאַפּט אַ ברענענדיק שטיק האָלץ און האָט באַלויכטן די שוואַרצע אויסגעהוילטקייט פון בוים.

מיר זענען ביידע געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט. אין די רויטע פלאַמען פון דעם ברענענדיקן שטיק האָלץ האָב איך געזען, ווי בען בראַס פינטלט מיט אַן אויג פון שרעק.

דער בוים איז געווען אויסגעהוילט. אין דערמיט איז געווען אַ פירעקיק צימער. אין צימער איז געשטאַנען אַ באַנק און אויף דער באַנק זענען געזעסן פיר מענטשן, אָבער נישט קיין לעבעדיקע, נאָר טויטע, אויסגעטריקנטע און פאַרשטיינערטע מענטשן! די הויט פון זייערע געזיכטער איז איינגעדאַרט געוואָרן און עס האָבן בלויז אַרויסגעבלישטשעט די ווייסע ציין.

דאָס זענען געווען נעגערס. זיי זענען געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, די הענט אַרויפגעלייגט אויף די קני, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך אויסגערוט.

עס איז געווען עפּעס אַ שרעקלעכע, אימהדיקע סצענע. גרויל און אַנגסט האָט געבלאָזן פונם אויסגעהוילטן בוים.

„וואָס זאָל דאָס זיין, בען?" — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

און בען האָט דערקלערט:

„די ווילדע נעגערס אין מערב - אַפריקע ווייסן נישט, ווי אַזוי איינצובאַלזאַמירן זייערע מתים. טריקענען זיי אויס די טויטע גופים אויף דער זון און באַהאַלטן זיי דערנאָך אין אַן אויסגע־הוילטן בוים. ווייסטו, בילי, ווער די טויטע זענען?"

„איך ווייס נישט, בען. פונוואַנען זאָל איך עס וויסן?"

„דאָס זענען די גופים פון מלכים און פירשטן. זיי זענען אויך געווען אַזעלכע מלכים, ווי דשינגאָ מוואַמבאַ, מיט וועלכן אונדזער שיפקאַפּיטאַן האַלט אין איין מסחרן. זיי האָבן אַ יך געהאַט שקלאַפן און האָבן זיי פאַרקויפט צו די ווייסע מענטשן... ווער ווייס, ווען זיי האָבן געלעבט".

„דאָס איז דאָך אָבער נישט קיין לייכטע אַרבעט", — האָב איך באַמערקט. — „אויסהוילן אַזאַ בוים און מאַכן אין אים אַזאַ גרויס און שיין צימער מיט בענק, דאַרף דאָך צונעמען אַ סך צייט".

בען בראַס האָט זיך צעלאַכט.

„דו ביזט נאָך גאָר אַ קינד, בילי!" — האָט ער געזאָגט. — „דער באַאָבאַב איז זייער ווייך. מען קען אים אויסהוילן מיט אַ שאַרפן שטיין אָדער אַפילו מיט אַ שפּיציק האָלץ. זיין קאָרע איז בלויז האַרט און שטאַרק. אין אַזאַ מין באַאָבאַב - צימערל קען זיך אַזוי דער טויטער אָפּזיצן הונדערטער יאָרן, ביז דער בוים שטאַרבט אָפּ און ווערט פאַרפוילט. פאַרשטייסט, בילי?"

מיר זענען מוטיקער געוואָרן און זענען אַריין אין בוים.

דאָס בוים - צימער איז באמת געווען אַ קונסטווערק. דאָס איז געווען אַ פיר - עקיק צימער. עס איז געווען גענוג הויך, אַז אַ מענטש האָט דאָרט געקענט שטיין. די באַנק איז געווען זייער

קונציק אויסגעשניטן. מען האָט געזען, אַז דער שניצער האָט זיך געכטאַרעט צו פאַרשיינען און כאַהצירן די באַנק, אויף וועלכער זיינע מלכים שלאָפן זייער אייביקן שלאָף.

אין צימער איז געווען ריין, זויבער, פונקט ווי עמעץ וואָלט דאָ אַלע טאָג אַרומגערוימט.

מען האָט נישט געזען קיין פליגן, קיין ווערעם און קיין אַנדערע רמשים, וועלכע האַלטן זיך אויף אין די ביימער. ערשט שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דער זאַפט פונם באַאָבאַב איז שטאַרק זויער. די שפּינען, פליגן און מוראַשקעס קענען אים נישט פאַרטראָגן און מיידן אויס דעמדאָזיקן בוים, און דערפאַר טאַקע דינט ער, דער באַאָבאַב, ביי די נעגערס פאַר בית־עולם פון מלכים.

בען בראַס האָט געזוכט באַטראַכט דאָס צימער פון אַלע זייטן. ער האָט עפּעס געזוכט. עס איז זייער מעגלעך, אַז ער האָט געזוכט גאָלד. ליידער, זענען די אַפריקאַנישע מלאכים זייער אָרעם. גאָלד פלעגט אַמאָל ביי זיי גאָר קיין ווערט נישט האָבן, ווייל זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיטן גאָלד. ערשט נישט לאַנג זענען זיי געוואָר געוואָרן, אַז פאַר גאָלד קען מען אַלץ האָבן.

בען בראַס האָט גאָרנישט געפונען אין דעמדאָזיקן אויסטערלישן קבר. די טויטע מלכים האָבן גאָרנישט מיטגענומען מיט זיך אויף יענער וועלט.

מיר האָבן נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף די שטומע אייגיווינער פונם אויסגעהוילטן בוים און זענען אַרויסגעגאַנגען פון זייער פּאַלאַץ.

„לאָמיר זיי נישט שטערן," — האָב איך געזאָגט צו בען בראַסן, — „לאָזן זיי זיך שלאָפן רויק, ווי זיי זענען געשלאָפן ביז אַהער".

מיר האָבן גענומען דאָס גרויסע שטיק קאָרע און האָבן עס צוריק אַרייַנגעשטעלט אויף זיין אָרט. פאַרמאַכט די טיר פון דעמדאָזיקן קבר, זענען מיר אַוועקגעגאַנגען צום פייער.

באַלד דערויף האָבן מיר זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און זענען איינגעשלאָפן, ווי דערהרגעטע.

איך מוז דאָ באַמערקן, אַז אין אַפריקע זענען טיילמאָל די נעכט קאַלטע. ווי הייס עס איז בייטאָג, אַזוי קאַלט ווערט ביינאַכט. עס איז זייער מעגלעך, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי קאַלט, מען פילט עס נאָר אַזוי, ווייל בייטאָג איז שרעקלעך הייס.

אָך, ווי ס'איז גוט צו שלאָפן, ווען מען איז מיד!

ווילאַנג מיר האָבן געשלאָפן, ווייס איך נישט און איך קען עס נישט זאָגן. איך ווייס נאָר, אַז מיר האָבן געשלאָפן זייער געשמאַק. ווען מיר וואָלטן אָבער נישט געווען קיין מאַטראָזן, דאָס הייסט מענטשן, וועלכע זענען געווינט זיך אויפצוכאַפן ביים קלענסטן גערויש, וואָלט איך געוויס נישט געווען בכוח צו דערציילן מיין לעבנסגעשיכטע. מיר זענען אָבער געווען מאַטראָזן. ווי געשמאַק מיר זענען געשלאָפן, האָבן מיר זיך דאָך אויפגעכאַפט ביים ערשטן גערויש.

דאָס איז געווען עפעס אַ משונהדיקער אומגעווייגלעכער גערויש. דאָס איז געווען אַ ווילד ברומען, אַ מוראדיק שרייען, אַ מוראדיק קוויטשען. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזעלכע ווילדע קולות, וועלכע האָבן אונדז צעריסן דאָס אויער און אַריינגעדרונגען טיף אין האַרץ אַריין.

אין דער ערשטער מינוט האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז דאָס הייבן און שרייען וועלף, היענעס אָדער שאַקאַלן. בען בראַס האָט מער געזען די וועלט, ווי איך. ער האָט געהערט די געשרייען פון אַלע ווילדע חיות. אַזעלכע געשרייען אָבער האָט ער אויך קיינמאָל נישט געהערט. מען האָט נישט געקענט וויסן, צי דאָס מיאַוקען

קעץ, צי עס שרייען קליינע קינדער, אָדער עס בילן ווילדע הינט. אַלע קולות זענען געווען צונויפגעמישט.

מיר זענען אויפגעשפרונגען, ווי די אָפּגעבריטע און האָבן זיך ארומגעקוקט. אונדזער פייער האָט געברענט זייער נידעריק. אין דער צייט, וואָס מיר האָבן געשלאָפן, האָט ער אויסגעברענט. בען בראַס האָט געכאַפּט עטלעכע דאַרע צווייגן און האָט זיי אַרויפגעוואָרפן אויפן פייער. מיר האָבן שוין געקענט עפּעס זען. מיר האָבן אָבער גאָרנישט געזען.

די געשרייען, הײלן און קוויטשערייען זענען געקומען פון די פינסטערע צווייגן פונם באַאָבאַב. מיר האָבן זיי געהערט אַרום אונדז און איבער אונדזערע קעפּ, און מיר האָבן געפילט, אַז מען האָט אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

מיר האָבן געכאַפּט אונדזערע ביקסן און האָבן זיי געהאַלטן גרייט צום שיסן, אָבער אויף וועמען זאָלן מיר שיסן? וווהין זאָלן מיר שיסן? — מיר זענען דעריבער געבליבן שטיין אויף אונדזער אָרט און האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

דאָס האָט אָבער געדויערט גאָרנישט לאַנג. באַלד האָבן מיר דערזען פייערלעך צווישן די געדיכטע צווייגן פונם באַאָבאַב. עס האָט אויסגעזען, ווי ברענענדיקע ליכטלעך. די פייערלעך זענען אָבער נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. זיי האָבן זיך באַוועגט. זיי זענען אומגעשפּרונגען פון איין אָרט צום אַנדערן.

„דאָס זענען אויגן!" — האָב איך אויסגערופן, ה משוגע.

„יאָ, בילי! דאָס זענען אויגן פון ווילדע חיות!"—האָט בען באַשטעטיקט. „ווען די חיות זענען הונגעריק אָדער שטאַרק געררייצט, לייכטן זייערע אויגן מיט אַ גרינלעך פייער: אַזוי לייכטן די אויגן פון אַ הונגעריקן וואָלף און אַזוי לייכטן די אויגן פון אַ גערייצטן טיגער".

„דאָס זענען וועלף, בען?" — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

„ניין, בילי, אין אַפריקע זענען נישטאָ קיין וועלף. אין אַפריקע זענען דאָ שאַקאַלן. זיי האָבן אָבער מורא פאַר א מענטשן און אַנטלויפן פאַר אים.‟

„טאָ וואָס זענען עס פאַר א חיות?‟

„איך ווייס נישט‟, — האָט בען קורץ געענטפערט.

מיר האָבן געזען, אַז די פייערדיקע אויגן זענען צוגעקומען אַלץ נענטער און נענטער צו אונדז. מיר האָבן געציטערט, ווען מיר האָבן איינגעזען אַז דידאָזיקע אויגן האָבן אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און האָבן געשאַפן אַ מין קייט פון אויגן אַרום אונדז.

נענטער און נענטער זענען זיי צוגעקומען צו אונדז. ענגער און ענגער האָט זיך געשלאָסן דער רינג אָדער די קייט. באַלד האָבן מיר דערזען, וואָס פאַר א שונא עס איז אויף אונדז אָנגעפאַלן.

„גאָרילעס!‟ — האָט בען בראַס אויסגערופן.

איך האָב געוווּסט, וואָס דאָס איז פאַר אַ מאַלפּעס. דאָס איז איינע פון די ווילדסטע און שרעקלעכסטע מאַלפּעס אין דער וועלט. איך בין אַמאָל געווען אין אַ מענאַזשעריע און האָב געזען אַ פּאָר גאָרילעס אין אַ שטייג. איך געדענק, ווי דער וועכטער האָט מיר דעמאָלט געוואָרנט, איך זאָל נישט צוגיין נאָענט צו דעם גאָרילע, ווייל ער איז בייז און געפערלעך.

איך שעם מיך נישט אויסצוזאָגן, אַז מיר האָבן זיך פיל מער דערשראָקן פאַר די גאָרילעס, ווי פאַרן לייב. ערשטנס, האָבן מיר מיטן לייב געהאַט צו טאָן בייטאָג. מיר האָבן געקענט זען אונדזער שונא. מיר האָבן געקענט זיך היטן פאַר אים. איצט אָבער איז געווען נאַכט. אינדערפינסטער האָבן מיר זיך שלעכט אָריענטירט. צווייטנס, האָבן מיר דעמאָלט געהאַט פאַר זיך נאָר איין שונא, און איצט האָבן מיר פאַר זיך אַ גאַנצע באַנדע. מיט אַ לייב איז זיך אויך לייכטער צו ראַנגלען. אַ לייב איז ווייניקסטנס אַן איידעלער

שונא. ער פאַלט אָן ווי אַ העלד. אַ גאָרילע אָבער קען אויף אייך אָנפאַלן פון אַלע זייטן, פון אויבן און פון אונטן.

מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז אויפן באַאָבאַב האָט גע־ווינט אַ גאַנצער פאָלק גאָרילעס. ביי טאָג זענען זיי אַרומגעלאָפן אין וואַלד, ביינאַכט אָבער זענען זיי געקומען אַהיים און האָבן דערזען אומגעבעטענע געסט אין זייער מלוכה. די זאַך האָט זיי, קענטיק, שטאַרק פאַרדראָסן.

זייערע געשרייען זענען אָבער געווען אומדערטרעגלעך. זיי האָבן תחילת גערעכנט, אַז עס געפינען זיך עטלעכע מענטשן, און האָבן זיך עטוואָס געשראָקן. ווען זיי האָבן אָבער איינגעזען, אַז מיר זענען נאָר צוויי, זענען זיי געוואָרן מוטיקער און זענען אָנגעפאַלן אויף אונדז.

דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז געווען, וואָס זיי האָבן אַרויס־געוויזן געוויסע סטראַטעגישע פעיקייטן. זיי האָבן זיך איינגעשלאָסן און זענען געגאַנגען נאָנט באָענט איינער צום אַנדערן, ווי גוט אויסגעלערנטע סאָלדאַטן. מיר האָבן געזען, ווי זיי הייבן אויף זיי־ערע געלע קעפּ און יעדער קאָפּ האָט אויפגעעפנט אַ מויל מיט צוויי גרויסע ציין, ווי ביי אַ ווילדן חזיר.

וואָס טוט מען? ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך פון זיי? אַנט־לויפן איז געווען אומעגלעך. וווהין אַנטלויפט מען ביינאַכט אין אַ ווילדן וואַלד? אויסערדעם, איז געווען געפערלעך צו אַנטלויפן, ווייל די גאַנצע באַנדע וואָלט אונדז נאָכגעיאָגט. דאָס איז שוין די טבע פון ווילדע חיות. ווען זיי זעען, אַז מען אַנטלויפט פון זיי, ווערן זיי נאָכמער צערייצט און לויפן נאָך, יאָגן נאָך און לאָזן בשום אופן נישט אָפּ.

מיר האָבן מיט גרויס פחד געזען, ווי זיי זענען צוגעקומען אַלץ נענטער און מיר זענען ממש פאַרטויבט געוואָרן פון זייערע געשרייען.

פאַרוואָס אָבער זענען זיי אויף אונדז דאָך ניט אָנגעפאַלן פאַרוואָס זענען זיי נאָך אַלץ געווען אזוי פאָרזיכטיק?

איך האָב עס נישט פאַרשטאַנען.

בען בראַס האָט עס אָבער יאָ פאַרשטאַנען. זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן פייער. דאָס פייער איז געווען אַ בייס פאַר זיי. זיי האָב נאָך נישט געוווסט, וואָס פאַר אַ סאָרט פיינט דאָס איז און האָבן מורא געהאַט צוצוגיין צו אים. עס איז זייער מעגלעך, אַז דידאָזיקע ברואים האָבן נאָך אין זייער לעבן נישט געזען קיין פייער און זיי האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַר אים.

„קום נענטער צום פייער, בילי!" — האָב בען בראַס געשריען.

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אָנגעבויגן צום פייער, האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ לאַנג ברענענדיק שטיק האָלץ און האָט אָנגעהייבן צו דרייען דערמיט איבערן לופטן.

„טו אויך אזוי, בילי", — האָט ער געזאָגט.

איך האָב אויך געטאָן דאָס אייגענע. פונקען זענען געפלויגן אין אַלע זייטן.

יאָ, דאָס האָט געווירקט. די מאַלפּעס האָבן זיך דערשראָקן און האָבן אָפּגעטרעטן אויף עטלעכע טריט. זיי זענען אָבער נישט אנטלאָפן. קוים האָבן מיר אויפגעהערט צו דרייען מיט די ברענענדיקע שטיקער האָלץ, האָבן זיי זיך באַלד דערנענט צו אונדז.

סוף כל סוף האָבן די גאָרילעס איינגעזען, אַז מיר דראָען זיי נאָר און קענען זיי גאָרנישט טאָן. זיי זענען געוואָרן בייזער, ווילדער און חוצפּהדיקער. זיי האָבן אָנגעהייבן צו פאַרשטיין, אַז מיר האָבן מורא פאַר זיי און ווילן אַנטלויפן. און צולעצט, זענען זיי געוואָרן אזוי חוצפּהדיק, אַז אַ פּאָר פון זיי האָבן אויסגעשטעלט זייערע לאַנגע, חזירשע פּיסקעס סאַמע אונדז אונטער דער נאָז.

„ס׳איז שלעכט, בילי!" — האָט בען בראַס געזאָגט. — „זיי האָבן פאַר אונדז קיין מורא נישט. מיר מוזן זיי ווייזן, אַז מיר קענען זיי עפּעס טאָן. זיי זענען שוין צו גרויסע עזות־פּנימער. מיר מוזן שיסן אויף זיי. זאָלן זיי וויסן, אַז זיי דאַרפן האָבן דרך־ארץ פאַר אַ מענטשן!"

אונדזערע ביקסן זענען געווען אָנגעלאָדן. מיר האָבן ביז אַהער נישט געשאָסן, ווייל מיר זענען געווען אזוי איבעראַשט, אַז מיר האָבן אַליין נישט געוווסט, וואָס צו טאָן.

איצט אָבער האָט בען בראַס באַשלאָסן צו שיסן. ער האָט געצילט אויף איינעם פון די גרעסטע גאָרילעס, וואָס איז געשטאַנען נעענטער צו אונדז, און האָט אויסגעשאָסן. דער גאָרילע איז באַלד אַנידערגעפאַלן אַ טויטער...

זיינע חברים האָבן גענומען שרייען, ווי משוגע און האָבן זיך פאַרזאַמלט ארום דעם טויטן. איך האָב אויך אויסגעשאָסן און האָב געטראָפן איינעם אין אַ פוס. מיר האָבן גערעכנט, אַז די מאוימדיקע פאַרזעעניש וועלן זיך דערשרעקן פאַר אונדזערע ביקסן און וועלן זיך צעלויפן.

מיר האָבן זיך אָבער טועה געווען. די גאָרילעס זענען נאָכ־מער צערייצט געוואָרן. זיי האָבן זיך דערנענט צו אונדז מיט אַזאַ כעס און מיט אַזאַ רציחה, אַז מיר האָבן אַ ציטער געטאָן און זע־נען געבליבן שטיין, ווי צעמישטע.

יינער פון זיי האָט שוין אַפילו אָנגעכאַפּט בען בראַסן ביי די הויזן. בען האָט אים אַ זעץ געטאָן איבערן פּיסק מיט זיין ביקס. איך האָב געכאַפּט אַ ברענענדיקן צווייג און האָב גענומען דרייען דערמיט איבער די אויגן פון די גאָרילעס.

אויף אַ מינוט זענען די גאָרילעס אָפּגעטרעטן פון אונדז, אָבער כדי באַלד ווידער אָנצופאַלן אויף אונדז מיט מער כעס און מיט מער רציחה. מיר זענען געווען פאַרלאָרן. מיר האָבן אַפילו

קיין צייט נישט געהאַט ווידער אָנצולאָדן אונדזערע ביקסן. מיר האָבן זיי געמוזט האַלטן אין די הענט און זיך פאַרטיידיקן מיט זיי, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען שטיקער האָלץ.

אונדזער לאַגע איז געווען אַ פאַרצווייפלטע. מיר האָבן נישט געזען פאַר אונדז קיין אויסוועג און קיין רעטונג. ווילאַנג האָבן מיר דען געקענט זיך אַזוי פאַרטיידיקן? ווילאַנג האָבן מיר געקענט אויסהאַלטן קעגן אַזאַ ווילדער באַנדע, וועלכע איז געוואָרן מיט יעדער מינוט בייזער, ווילדער און פרעכער?

אַלזאָ, וואָס טוט מען? ווי ראַטעוועט מען זיך?

אין אונדזער גרעסטער נויט האָבן אונדזערע אויגן געזוכט אַן אָרט, וווּ מיר זאָלן קענען זיך שיצן אָדער ווייניקסטנס זיך דעקן דעם רוקן, מיר זאָלן כאָטש זיין פון איין אָרט, פון הינטן, געשיצט קעגן די גאָרילעס. פון פאָרנט וואָלטן מיר זיך שוין פאַרטיידיקט, ווי עס איז.

פלוצלונג האָט בען בּאַס אויסגערופן:

„צום בוים! צום אויסגעהוילטן בוים! דאָרט, וווּ די אויסגעטריקנטע מלכים זיצן!"

מיר האָבן אַפילו פריער פאַרמאַכט דעם אויסגעהוילטן בוים מיטן שטיק קאָרע. מיר האָבן זי אָבער נישט באַפעסטיקט און האָבן זיך נישט געגעבן די מי עס צוצופּאַסן און צו באַפעסטיקן, ווי געהעריק. מיר האָבן זיך דערמאָלט זייער ווייניק געקימערט וועגן די טויטע מלכים.

איצט איז עס אונדז צוניץ געקומען. בען בּראַס איז געקומען אין קאָפּ אַ גוטער געדאַנק. פאַרוואָס זאָלן מיר נישט זוכן קיין שוץ אין צימער פון די טויטע מלכים? דאָרט זענען מיר דאָך געדעקט פון דריי זייטן און מיר האָבן צו פערטיידיקן נאָר איין טיר אָדער איין פענסטער.

מיר זענען צוגעלאָפן צום בוים, ווי אַ האָז, וועלכער אַנ-

לויפט פון די הינט, וועלכע יאָגן זיך נאָך אים. מיר האָבן אויפ־
געריסן דאָס שטיק קאָרע, וועלכע האָט געדינט פאַר א טיר צו
דעם קבר און זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אין אויסגעהוילטן בוים.
מיר האָבן געגלויבט, אַז מיר זענען זיכער, אָבער מיר האָבן עס
געגלויבט נאָר א גאַנץ קורצע צייט.

צוערשט זענען די געראַיצטע מאַלפּעס זייער מבולבל געוואָרן.
ווי האָבן גאָרנישט געקענט פאַרשטיין, וווּהין מיר זענען עס אַזוי
פּלוצלונג פאַרשוווּנדן געוואָרן. זיי זענען געווען צעמישט, אָבער
נישט דערשראָקן. זיי זענען אונדז נאָכגעלאָפן, זיי האָבן אָבער
מורא געהאַט נאָכצושפּרינגען נאָך אונדז אין דעם אויסגעהוילטן בוים.
זיי זענען געבליבן שטיין פאַר דער טיר און האָבן אָנגעהייבן צו
שרייען און צו קוויטשען נאָך העכער און נאָך שרעקלעכער.

אייניקע מינוט האָבן זיי זיך באַנוגנט מיט ברומען, שרייען
און ליאַרמען. באַלד אָבער האָבן זיי אָנגעהייבן צוצוקומען גאַנץ
נאָענט צו דער עפענונג פונם בוים און אייניקע פון זיי האָבן אַפילו
אָנגעהייבן אַריינצושטעקן זייערע לאַנגע הענט אין אויסגעהוילטן
בוים.

מיר וואָלטן געדאַרפט פאַרמאַכן די טיר מיט דעמזעלבן
שטיק קאָרע, דאַן וואָלטן מיר אפשר געווען זיכער. מיר האָבן אָבער
קיין צייט נישט געהאַט דאָס צו טאָן. דאָס שטיק קאָרע איז געלעגן
אויף דער ערד פאַר אונדזערע אויגן און מיר האָבן נישט געקענט
אַרויסגיין עס אויפהייבן. די מאַלפּעס זענען צוגעקומען נענטער און
נענטער. די עלטסטע און שטאַרקסטע פון זיי האָבן זיך צונויפגע־
דרענגט אַרום דעם אַריינגאַנג אין אויסגעהוילטן בוים, און האָבן
זיך געדרענגט צו אונדז.

איצט זענען מיר ווייניקסטנס געווען געדעקט פון הינטן. מיר
האָבן געהאַט זיך צו פאַרטיידיקן נור פון פאָרנט. מיר האָבן גע־
האַלטן אונדזערע ביקסן אין די הענט גרייט זיך מיט זיי צו

פאַרטיידיקן, ווי מיר וועלן קענען. פאַר גויט וועלן מיר זיך קענען פאַרטיידיקן מיט אונדזערע מעסערס.

ערשט איצט האָט זיך די גאַנצע באַנדע פאַרזאַמלט אַרום אונדז. אַ סך יונגע מאַלפּעס, וועלכע זענען ביז אַהער געזעסן אויפֿן בוים, זענען אַראָפּגעשפּרונגען און זענען צוגעלאָפֿן צו די עלטערן. איך קען נישט זאָגן, אַז אַלע מאַלפּעס, וועלכע האָבן אונדז באַלאַגערט, זענען געווען גאָרילעס. עס איז זייער מעגלעך, אַז צווישן זיי זענען געווען גאַנץ אַנדערע מינים. איך ווייס נאָר, אַז אַלע זענען געווען שרעקלעך ווילד. אַלע האָבן געשפּרונגען, געברומט און זיך געריסן צו אונדז.

עס האָבן זיך געפֿונען צווישן זיי אייניקע עזות - פּנימער, וועלכע האָבן אָנגעהייבן אַריינצושטעקן זייערע לאַנגע שנוקעס צו אונדז. בען בראַס און איך האָבן זיי מכבד געווען מיט די אייזנס פֿון אונדזערע ביקסן. יעדער, וועלכן מיר האָבן אַ זעץ געטאָן, פֿלעגט אָפּשפּרינגען, פֿלעגט אַרויסלאָזן אַ שרעקלעך געשריי און פֿלעגט צוריקקומען מיט נאָך עטלעכע. זיי זענען געוואָרן אַזוי פֿרעך, אַז זיי האָבן אָנגעהייבן אויסצושטרעקן זייערע לאַנגע הענט צו אונדז. מיר פֿלעגן זיך אָפּוועהרן פֿון איינעם אָדער פֿון צוויי, און פֿינף אַנדערע פֿלעגן קומען און זוכן אונדז אָנצוכאַפּן מיט זייערע שאַרפֿע נעגל.

אונדזער לאַגע איז געווען אַ פֿאַרצווייפֿלטע. דאָס פֿייער האָט אָנגעהייבן אויסצוגיין. עס איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער. מיר האָבן שוין נישט געקענט זען, ווי אַזוי זיך צו פֿאַרטיידיקן.

„מיר כּוזן פֿאַרטרייבן די שדים מיט אונדזערע ביקסן און אַראָפּגיין נעמען דאָס שטיק קאָרע, כּדי זיך צו פֿאַרשטעלן פֿון זיי", — האָב איך געזאָגט.

„ניין, בילי, מיר קענען עס נישט טאָן", — האָט בען בראַס

געענטפערט. — „די גאָרילעס זענען איצט שטאַרק צערייצט. קוים גייען מיר אַרויס אויף איין מינוט, וועלן זיי אונדז צערייסן אויף שטיקער".

און אָט זענען צוגעלאָפן אַ שטיק צען - פופצן צו דער עפענונג פון אונדזער בוים און האָבן מיטאמאָל אַריינגעשטעקט זייערע לאַנגע הענט צו אונדז.

אין דער גרעסטער נויט און פאַרצווייפלונג האָט בען בראַס געכאַפט איינעם פון די טויטע מלכים און האָט אים געהאַלטן פאַר זיך און פאַר מיר, ווי אַ שילד. די גאָרילעס האָבן אים אָנגעכאַפט און האָבן אָנגעהייבן צו רייסן פון אים שטיקער. בען בראַס האָט אים צוריקגערוקט אַלעמאָל נענטער צו דער טיר און ענדלעך האָט ער מיט אים אינגאַנצן פאַרשטעלט דאָס לאָך אין אויסגעהוילטן בוים.

אין דעם אויסגעהוילטן בוים איז איצט געוואָרן פולשטענדיק פינסטער. דער קערפער פון דעם טויטן מלך האָט פאַרשטעלט די איינציקע עפענונג, דאָס איינציקע לאָך, דורך וועלכן מיר האָבן נאָך געקענט עפּעס זען. די שדים האָבן אָבער נישט געשוויגן. זיי זענען אָנגעפאַלן, ווי די הונגעריקע וועלף אויפן אָרעמען טויטן מלך און האָבן אים געריסן, געביסן און געצופּט.

„נאָך איינעם!" — האָב געשריען צו מיר בען בראַס. — „גיב מיר נאָך איינעם, בילי!"

איך האָב אים דערלאַנגט נאָך איינעם פון די טויטע, איינגעדאַרטע און פאַרטריקנטע קערפער. בען האָט אים צוגעשטעלט צום ערשטן און האָט מיט אים אַזוי פאַרשטעלט די עפענונג אין אויסגעהוילטן בוים, אַז ער האָט עס אינגאַנצן פאַרשטעלט. דאַן האָט ער אים אונטערגעשפּאַרט מיט זיין ביקס און האָט אָפּגעאָטעמט אַ ביסל פרייער.

„דערווייל זענען מיר אַ ביסל געשיצט", — האָט בען בראַס

געזאָגט, — „ביז די שדים וועלן צערייסן די טויטע קערפּער, זענען מיר זיכער".

„וואָס וועט אָבער ווייטער זיין?" — האָב איך געפרעגט. — „די גאָרילעס וועלן דאָך צערייסן און צעבייסן די טויטע קערפּער, מיט וואָס וועלן מיר זיך פאַרטיידיקן?"

„מיר דאַרפן זיי נישט צולאָזן צו דעם אַריינגאַנג אין בוים", — האָט בען בראַס געענטפערט. — „מיר מוזן זיי האַלטן פונדערווייטנס".

„ווי אַזוי אָבער?"

„דאָס איז נישט שווער. קום נאָר אַהער, איך וועל דיר ווייזן, וואָס צו טאָן".

בען בראַס האָט גענומען זיין ביקס און האָט זי דורכגעשטעקט צווישן די צוויי טויטע מלכים.

„טו איך אַזוי, בילי", — האָט ער געזאָגט. — „קוים וועלן די מאַלפּעס אָנהייבן צו רייסן און צו בייסן די טיר פון אונדזער פענסטער, וועלן מיר זיי שלאָגן איבער די קעפּ".

איך ווייס נישט, צי בען בראַס פּלאַן, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך פאַרטיידיקן, וואָלט אונדז פיל געהאָלפן. איך ווייס נאָר, אַז מיר וואָלטן זיך פאַרטיידיקן, ווי ווייט מיר וואָלטן געקענט. צו אונדזער גרעסטער פרייד אָבער האָבן מיר באַמערקט, אַז אונדזערע פיינט האָבן אָפּגעטרעטן פון אונדזער פעסטונג.

תחילת האָבן מיר נאָר באַמערקט, אַז זיי האָבן אויפגעהערט צו רייסן און צו בייסן די טויטע. מיר האָבן אַ ביסל אָפּגערוקט ביידע טויטע און האָבן אַ קוק געטאָן אין דרויסן. מיר האָבן אָבער גאָרנישט געזען. דאָס פייער איז אינגאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן.

אין דעם הוילן בוים, וווּ מיר זענען געשטאַנען, איז געווען פינסטער, ווי אין אַ קבר. אין דרויסן איז אויך געווען פינסטער, אַז מיר האָבן נישט געקענט זען אונדזערע שונאים. מיר האָבן

אָבער זיי געהערט. זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו שרייען, צו היילן און צו ליאַרמען.

„זיי וועלן שרייען, שרייען און זיך אַוועקגיין," — האָב איך געזאָגט.

„אָך, בילי!" — האָט בען בראָס געענטפערט, — „דו קענסט נישט דעם ווילדן, בייזן, שרעקלעכן כאַראַקטער פון די גאָרילעס. זיי זענען נוקם ונוטרס און טרעטן נישט אָפּ פון זייער פיינט, ביז זיי פאַרניכטן אים. דער גאָרילע איז דער גרעסטער און דער ווילדסטער פון אַלע מאַלפּעס. ער איז גאַנץ קלוג, ווי אַלע מאַל־פּעס, און קוים רייצט מען אים, ווערט ער שרעקלעך. עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז זיי פאַלן אָן אויף אַ פיינט, ווי אויף אַ מחנה אַנ־טילאָפּן. עס געפינען זיך צווישן זיי אייניקע, וואָס האָבן מורא פאַר די הערנער פון די אַנטילאָפּן און ווילן נישט אויף זיי אָנפאַלן; דאַן קומט דער עלטערער פון זיי, זייער אָנפירער, און הייבט זיי אָן שלאָגן, קנייפּן און רייסן, אַז זאָלן זיך נישט שרעקן. עס קומט פאָר דאָסזעלבע, ווי אין אַ שלאַכט ביי מענטשן, ווען אייניקע סאָלדאַטן ווילן נישט לויפן אין פייער און דער אָפיציר מוז זיי טרייבן און מוז זיי שלאָגן, אַז זאָלן גיין קעגן דעם פיינט".

„בען!" — האָב איך אויסגערופן. — „איז עס וואָר? קען עס זיין? זענען די גאָרילעס אַזוי קלוג, אַז זיי פאַרשטייען, אַז מע דאַרף שלאָגן איינעם, ווען ער וויל עפּעס נישט טאָן?"

„עס איז אמת, בילי. אַ סך נאַטורפאָרשער, וואָס זענען באַ־קאַנט מיטן כאַראַקטער פון די מאַלפּעס, האָבן אייַנגעפונען, אַז זיי זענען די קליגסטע חיות".

„אַלזוי, זענט איר איבערצייגט, אַז זיי וועלן אַזוי גיך נישט אָפּטרעטן פונדאַנען?"

„יאָ, בילי, איך בין איבערצייגט," — האָט בען געענט־פערט. — „זיי האָבן נישט פאַרוואָס צו אַנטלויפן. זיי האָבן דאָ

געוויג שפייז. זיי פרעסן מיט פארגעניגן די פירות פון באָבאָב וואסער האָבן זיי דאָ נישט ווייט. זיי זענען בייז אויף אונדז דערפאר, וואָס מיר האָבן געטויט איינעם פון זייערע חברים און האָבן פאַרווונדעט עטלעכע פון זיי."

„אַלזוי, וואָס טוט מען? ווי אַזוי קענען מיר ניצול ווערן פון זיי?"

„דאָס ווייס איך דערווייל נישט. מיר מוזן וואַרטן."

„אַך, וואַרטן! ווילאנג קענען מיר דאָ וואַרטן?"

ווען איך זאָל געוועזן וויסן, אַז אין די וועלדער פון אַפריקע איז עס אַזוי געפערלעך, וואָלט איך בעסער געבליבן אויפן דעק פון דער „ראַפינאַ" און וואָלט גאָרנישט געגאַנגען אויף יאַגד.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט בען בראָס געזאָגט:

„הער נאָר, בילי, כּל זמן די גאָרילעס לאָזן אונדז צורו, מעגסטו זיך לייגן שלאָפן. דו קענסט אַראָפּוואַרפן די טויטע מלכים און זיך לייגן אויף זייער באַנק. ווען איך וועל דיך דאַרפן, וועל איך דיך אויפוועקן. וועל איך דיך נישט דאַרפן, וועל איך דיך לאָזן שלאָפן אַ פּאָר שעה און איך וועל האַלטן וואַך. דאַן וועל איך דיך אויפוועקן, דו וועסט האַלטן וואַך און איך וועל אַ ביסל שלאָפן."

ווי אומאַנגענעם עס איז מיר געוועזן צו לייגן זיך אויף דער באַנק פון די טויטע מלכים, האָב איך עס דאָך געמוזט טאָן. איך בין געוועזן זייער מיד און האָב מיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

איך האָב געטאָן, ווי בען האָט מיר געהייסן און האָב מיך אַנידערגעלייגט אויף דער באַנק. ווי מיד איך בין געוועזן, האָב איך אָבער דאָך נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. איך האָב מיך געקייקלט, האָב מיך אַנידערגעזעצט, האָב מיך אַנידערגעשטעלט און האָב מיך צוריק געלייגט. עס איז געוועזן אומעגלעך צו שלאָפן. אין אונדזער באַהעלטעניש איז געוואָרן הייס. די טיר איז געוועזן

פאַרשטעלט. מיר זענען געווען, ווי איינגעשלאָסן. אויף מיין געזיכט האָבן זיך געוויזן גרויסע טראָפּנס שווייס.

איך בין צוגעלאָפן צו בען בראַסן און האָב אים געבעטן, ער זאָל עפענען אַ ביסל די טיר און זאָל אַריינלאָזן פרישע לופט. אים איז אויך געווען הייס. ער האָט ארויסגענומען פון דער טיר איינעם פון די טויטע מלכים און מיר האָבן איינגעשלונגען די פרישע לופט.

אַזוי איז פאַרגאַנגען איין שעה נאָך דער אנדערער. די נאַכט איז אַוועק. עס איז טאָג געוואָרן. מיר האָבן גערעכנט, אַז קוים וועט ווערן ליכטיק, וועלן זיך די מאַלפּעס צעלויפן. צו אונדזער גרעסטן פּחד אָבער האָבן זיי זיך נישט גערירט פון אָרט. ערשט איצט האָבן מיר געקענט זען, וואָס פאַר אַ באַנדע מיר האָבן אַרום זיך.

אייניקע זענען געלעגן אויף דער ערד און האָבן זיך אויס־גערוט, אנדערע זענען געשטאַנען אַרום דעם טויטן חבר און האָבן שרעקלעך געהיילט, פּונקט ווי זיי וואָלטן אים באַוויינט; אַנדערע, ווידער, זענען געשטאַנען אַרום די פאַרוווּנדעטע און האָבן געלעקט זייערע ווונדן, פּונקט ווי זיי האָבן געוואָלט פאַרלייכטערן זייערע יסורים.

ווען איינער פון די פאַרוווּנדעטע פלעגט אָנהייבן שטארק צו שרייען פון ווייטיק, פלעגן אַרויסשפּרינגען עטלעכע, פלעגן זיך צונויפנעמען און פלעגן זיך אַ וואָרף טאָן צו אונדז. מיר פלעגן זיך מוזן פאַרטיידיקן, ווי מיר האָבן געקענט אָדער שטעלן פאַר אונדז דעם קערפּער פון אַ טויטן מלך אַלס פאַנצער.

די זון איז אויפגעגאַנגען העכער און העכער. עס איז גע־וואָרן הייסער און הייסער. עס איז אויף אונדז אָנגעפאַלן אַ נייער פיינט. ריכטיקער געזאָגט דער אַלטער פיינט פון נעכטן — דער דורשט. מיר האָבן אָנגעהייבן צו פילן, אַז מיר ווערן דורשטיק

וואָס הייסער עס איז געוואָרן, אַלץ שרעקלעכער האָט אונדז גע־פּלאָגט דער דורשט.

ס'איז טרויעריק בען", — האָב איך געזאָגט, — „עס שטייט שלעכט מיט אונדז. וואָס וועלן מיר טאָן, ווען די שדים וועלן נישט אָפּטרעטן אַ גאַנצן טאָג? וועלן מיר דען קענען אויסהאַלטן אַ גאַנצן טאָג אָן וואַסער?"

בען בראַס האָט נישט געענטפערט. וואָס האָט ער געקענט מיר ענטפערן? ער האָט זייער גוט געזען, אַז די גאָרילעס טראַכטן גאָרנישט אָוועקצוגיין פון אונדז. ווען איינער פון זיי איז הונגע־ריק געוואָרן, איז ער אַוועקגעגאַנגען אויף אייניקע מינוט און איז באַלד צוריקגעקומען.

אַ זייגער צוועלף האָבן זיי אונדז געוויזן אַן אַנדער קונצ־שטיק. אייניקע פון זיי זענען אַרויפגעקראָכן אויפן באַאָבאַב, האָבן אָנגעהייבן צו רייסן פּירות און זיי אַראָפּצוואַרפן זייערע חברים. עס איז געווען קלאָר, אַז מען האָט אַזוי אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז מען זאָל האַלטן אַ שטרענגע וואַך פאַר אונדזער פעסטונג.

ווען איך זאָל מיך נישט געפינען אין אַזאַ משונהדיקער לאַגע, וואָלט איך באַוווּנדערט דעם שכל און דעם טאַקט פון די דאָ־זיקע חיות. זיי האָבן געפירט קעגן אונדז אַ רעגלמעסיקן קאַמף.

ליידער האָב איך דעמאָלט געליטן צופיל הונגער און דורשט און האָב אַ ציטער געטאָן יעדעס מאָל, ווען איך האָב דערזען אַ נייעם אויפטו, אַ נייעם שכל פון די שדים.

אַזוי איז פאַרגאַנגען די צייט. מיר האָבן שרעקלעך געליטן פון הונגער און דורשט.

„מיר וועלן מוזן אַרויסקריכן פון אונדזער באַהעלטעניש און פּראָבירן אַנטלויפן", — האָט ענדלעך בען בראַס געזאָגט. — „די מאַלפּעס קענען נישט לויפן שנעל אויף אַ פרייען פעלד. זיי לויפן נאָר אויף ביימער, ווו זיי קענען זיך אָנכאַפּן אָן די צווייגן און

שפּרינגען פון איין בוים צום אַנדערן. אויף אַזאַ אָרט קען אַ גאָרילע אָדער אַן אַנדער מאַלפּע דורכלויפן דרייסיק־פערציק מייל און גאָרנישט מיד ווערן. ווען עס קומט אים אָבער אויס צו גיין אויף אַ פרייען פעלד, גייט ער זייער לאַנגזאַם. עס איז אים זייער שווער צו לויפן אויף זיינע פיר הענט.

איך בין געווען איינפאַרשטאַנען. איך האָב זייער גוט געוווסט, אַז זיי וועלן זיך שטעלן קעגן אונדז. איך בין אָבער געווען אַנטשלאָסן בעסער צו קעמפן און צו ראַנגלען זיך מיט די גאָרילעס, איידער צו ליגן פאַרשפּאַרט אין אונדזער ענגן קבֿר.

צו אונדזער שרעק אָבער האָבן מיר באַמערקט, אַז די גאָרילעס שווייגן אויך נישט. זיי טראַכטן אויך, ווי אַזוי אונדז בייצוקומען. זיי מאַכן אויך פּלאַנען, ווי אַזוי אָנצופאַלן אויף אונדז. עס איז געווען דייטלעך, אַז עס איז זיי אויך לאַנגווייליק געוואָרן צו וואַרטן, ביז מיר וועלן זיך אונטערגעבן און זיי טראַכטן עפּעס צו טאָן, אום אונדז צו צווינגען אַרויסצוקריכן פון אונדזער פעסטונג.

מיר האָבן געזען, ווי צוואַנציק־דרייסיק שטיק פאַרזאַמלען זיך, ברומען, שרייען און ליאַרמען. פּלוצלונג טיילן זיך אָפּ פינף־זעקס אָדער צען פון זיי און פאַלן אָן אויף אונדז מיט אַ שרעקליכער רציחה. מיר האָבן געמוזט זיך פאַרטיידיקן מיט אונדזערע ביקסן אָדער פאַרשטעלן די עפענונג פונם אויסגעהוילטן בוים מיט די קערפּער פון די טויטע מלכים.

ליידער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך אָט דער שוץ וועט נישט לאַנג אויסהאַלטן. איינער פון די טויטע מלכים איז שוין געווען אַזוי צעריסן, אַז ער האָט אונדז שוין מער נישט געקענט שיצן. מיר האָבן אים געמוזט אַוועקוואַרפן און נעמען אַן אַנדערן. באַלד האָבן די געריצטע גאָרילעס אָנגעהייבן צו רייסן און צו בייסן דעם צווייטן.

עס איז געוואָרן שפּעט. די זון איז שוין געשטאַנען גאַנץ נידעריק. מיר זענען געווען שרעקלעך הונגעריק און דורשטיק. די גאָרילעס אָבער האָבן זיך אַלץ נישט גערירט פונעם אָרט. פון צייט צו צייט פלעגט עס זיי פאַרדריסן, וואָס מיר ווילן זיך נישט אונטערגעבן און זיי פלעגן אויף אונדז אָנפאַלן.

מיר האָבן שוין לענגער נישט געקענט אויסהאַלטן. מיר האָבן געמוזט עפּעס טאָן, כדי זיך צו ראַטעווען. מיר האָבן געפילט, אַז מיר וועלן אַלנפאַלס נישט אויסהאַלטן די נאַכט. איך בין גאָר געווען פאַרצווייפלט און האָב מיך אַנטשלאָסן צו לאָזן זיך אויף גאָטס באַראָט. בען בראַס אָבער האָט גאָרנישט צוגעטראַכט.

פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען. אַ נייער געדאַנק איז אים געקומען אין קאָפּ. ער האָט אָנגעהייבן עפּעס צו טאַפּן און עפּעס צו זוכן אין אויסגעהוילטן בוים.

„וואָס זאָל ער זוכן?“ — האָב איך מיר אַליין געפרעגט. — „ער האָט שוין, דאַכט זיך, גענוג געזוכט אין דעם אָרט און האָט גאָרנישט געפונען. אַלזאָ, וואָס נאָך זוכט ער?“

„הער נאָר, בילי!“ — האָט ער פּלוצלונג אויסגערופן. — „מיר דאַכט, אַז עס וועט מיר געלונגען איבערצושרעקן דידאָזיקע שדים. איך מוז עס פּראָבירן“.

„וואָס מיינט איר, בען?“ — האָב איך געפרעגט.

„דו וועסט באַלד זען. ווו איז דאָס פעל פונעם לייב“.

אָן דעם פעל פונם לייב האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן, זייט די גאָרילעס זענען אויף אונדז אָנגעפאַלן. איך האָב גאָרנישט געוווּסט, ווו עס איז אַהינגעקומען. בען בראַס איז אָבער געווען פּראַקטישער פון מיר. ווען מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן נעכטן ביינאַכט, האָט בען בראַס זיך איינגעוויקלט אין דעם פעל, ווי אין אַ קאָלדרע. ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט ביינאַכט, האָט בען בראַס געטראָגן אויף זיך דאָס פעל מיט די האָר צום קערפּער.

ווען מיר זענען אַרייַנגעלאָפֿן אין אויסגעהוילטן בוים, האָט ער עס מיטגענומען מיט זיך. דאַן האָט ער עס ערגעץ אַוועקגעוואָרפֿן. איצט האָט ער עס געזוכט.

„צו וואָס דאַרפֿט איר עס?" — האָב איך אים געפֿרעגט.

„העלף מיר עס אויסזוכן, איך דאַרף עס האָבן."

מיר האָבן עס באַלד געפֿונען. בען בראַס האָט אָנגעהייבן אָנצוטאָן דאָס פֿעל פֿונם לייב.

„העלף מיר, בילי", — האָט ער געזאָגט. — „צי עס אויס אַזוי! בינד צו די פֿיס צו מײַנע הענט".

איך האָב אים געהאָלפֿן זיך אָנטאָן אין דעם פֿעל פֿון לייב. אין אייניקע מינוט איז בען בראַס געווען באַדעקט און אײַנגעהילט אין דעמדאָזיקן פֿעל. איך האָב צוגעבונדן די לאַפּעס פֿונם לייב צו בענס הענט און האָב באַדעקט זײַן קאָפּ מיט דעם פֿעל פֿונם לייב-קאָפּ.

„עס איז שוין טונקל", — האָט בען געזאָגט. — „איך וועל פּראָבירן אַרויסגיין און וועל אַ ביסל צוברומען. איך ווייס, אַז די גאָרילעס ציטערן פֿאַר אַ לייב. אפֿשר וועלן זיי זיך דערשרעקן פֿאַר מיר און וועלן אַנטלויפֿן, זאָלסטו באַלד מיר נאָכגיין. וועלן זיי זיך אָבער נישט דערשרעקן, זאָלסט דו זײַן גרייט מיר צו העלפֿן".

„איך האָב מורא, אפֿשר..."

„דו האָסט נישט, וואָס מורא צו האָבן", — האָט ער געזאָגט. — „ערגער קען שוין נישט זײַן. מיר מוזן פּראָבירן. איך ווייס, אַז אַלע ווילדע חיות האָבן מורא פֿאַר אַ לייב און אַנטלויפֿן ווען זיי דערזעען אים. אפֿשר וועלן די גאָרילעס זיך דערשרעקן, ווען זיי וועלן דערזען אַ פֿאַלשן לייב".

איך האָב געמוזט נאָכגעבן. וואָס דען האָב איך געזאָלט טאָן? אַלנפֿאַלס זענען מיר געווען אין דער גרעסטער געפֿאַר. פֿאַר

וואָס זאָלן מיר נישט פּראָבירן דאָס לעצטע מיטל, וואָס איז נאָך אונדז געבליבן?

ענדלעך האָט זיך דאָס מאַסקירן גערעגנדיקט. בעת בראָס האָט אויסגעזען ווי אַ לייב און איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז ער האָט געשפּילט זיין ראָלע גאָרנישט שלעכט. פון דערווייטנס האָט ער אויסגעזען ווי אַ גאַנץ אָנשטענדיקער לייב. איך קען אייך נישט זאָגן, צי אַן אמתער לייב וואָלט אים נישט דערקענט. אַן אַנדערע חיה אָבער וואָלט געקענט אַ טעות האָבן און מיינען, אַז עס איזווירקלעך אַ לייב, ספּרט פּאַרנאַכט, ווען עס האָט שוין אָנגעהייבן צו ווערן פינסטער.

דער נייער לייב איז לאַנגזאַם אַרויסגעקראָכן פונם אויסגעהוילטן בוים און האָט זיך אַנידערגעשטעלט פאַר אים. דערביי האָט ער אָנגעהייבן צו שאָקלען מיטן קאָפּ און צו ברומען. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַ קינד קען דערקענען, אַז נישט אַזוי ברומט אַן עכטער לייב. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. בעת בראָס האָט געברומט, ווי ער האָט געקענט.

שטעלט אייך אָבער פאָר אונדזער איבעראַשונג. קוים האָבן די גאָרילעס דערזען דעם לייב, זענען זיי זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן מיט שרעקלעכע געשרייען און גוואַלדן. אין אייניקע מינוט אַרום איז דער פּלאַץ אַרום בוים געוואָרן ליידיק און איך האָב געהערט, ווי דער נייער צווייפיסיקער לייב האָט אַרויסגעלאָזן אַ מוראדיק געלעכטער...

איצט בין איך אויך אַרויסגעשפּרונגען פונם אויסגעהוילטן בוים.

„שנעלער, בילי! לאָמיר אַנטלויפן", — האָט דער לייב געזאָגט. — „די גאָרילעס קענען באַלד דערקענען, אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט, דאַן זענען מיר פאַרלאָרן".

קאַפּיטל צוועלף.

איר קענט אייך פאָרשטעלן, אַז מיר זענען נישט געבליבן שטיין אויף איין אָרט. בען בראַס איז געקראָכן אויף אַלע זייטן און האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ לייב. איך בין אים נאָכגעגאַנגען מיט אונדזערע ביקסן אין די הענט. אַזוי זענען מיר צוגעקומען צום וואַסער. דאָ האָט בען בראַס אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין מאַסקע.

„לאָמיר אַריבערשווימען דעם טייך", — האָט ער געזאָגט צו מיר.

מיר האָבן זיך ביידע אַרייַנגעוואָרפן אין וואַסער און זענען אַריבערגעשווומען דעם טייך. מיר האָבן פאַרגעסן, אַז אין טייך קען זיך געפינען אַן אַנדער געפאַר — אַ קראָקאָדיל.

צום גליק פאַר אונדז, האָט אונדז גאָרנישט פּאַסירט. קוים זענען מיר געווען פון יענער זייט טייך, האָבן מיר אָפּגעאָטעמט פרייער. איצט זענען מיר וויניקסטנס געווען זיכער.

עס איז נאָך נישט געווען שטאַרק פינסטער. מיר האָבן נאָך געקענט זען ווו צו גיין און מיר זענען געגאַנגען. וווהין אָבער?

חוהין זענען מיר געגאַנגען אין ווילדן וואלד? — בען בראַס האָט עס מיר דערקלערט.

„דער טייך פליסט געוויס אין ים", — האָט ער מיר געזאָגט. — „ווען מיר זאָלן גיין ביי די ברעגעס פון טייך מיטן וואַסער אַראָפּ, וועלן מיר געוויס צוקומען צום ים. דאָרט וועלן מיר שוין זען, וואָס מיר האָבן צו טאָן".

מיר זענען אַזוי אַוועקגעגאַנגען אייניקע צייט. עס איז געוואָרן שטאַרק פינסטער. ווייטער האָבן מיר שוין נישט געקענט גיין. מיר האָבן געמוזט זיך אָפּשטעלן אויף נאַכטלעגער. מיר האָבן אויסגעזוכט אַ פּאַסיקן אָרט, ווו מיר זאָלן איבערנעכטיקן, האָבן פאַרלעגט אַ פייער און האָבן זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים.

וואָסער האָבן מיר געהאַט גענוג, מיט וואַסער אָבער קען מען נישט לעבן. מיר האָבן נישט געגעסן פּיראָווצוואַנציק שעה און מיר זענען געווען שרעקלעך הונגעריק. מיר האָבן מורא געהאַט זיך צו רירן פון אָרט. מיר האָבן זיך שוין גוט איבערצייגט, אַז אַרומשפּאַצירן אין די וועלדער פון אַפריקע איז נישט קיין גרויס פאַרגעניגן. מיר האָבן שוין געזען, אַז אין די וועלדער פון אַפריקע געפינען זיך חיות, וועלכע זענען שטאַרקער פונם מענטשן און נישט פיל נארישער פון אים...

מיר האָבן מורא געהאַט צו גיין ביינאַכט זוכן עפּעס עסן. מיר האָבן מורא געהאַט זיך צו רירן פון אָרט.

„לייג זיך שלאָפן, בילי, און איך וועל האַלטן פאַר דיר וואַך", — האָט בען בראַס געזאָגט. — „די נאַכט מוזן מיר צוברענגען הונגעריקערהייט. מאָרגן פרי וועלן מיר שוין זוכן עפּעס עסן".

איך האָב אים געפאָלגט און בין באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. קעגן האַלבע נאַכט האָט מיך בען אויפגעוועקט. ער האָט זיך צוגעלייגט און איך האָב געהאַלטן וואַך.

גאַנץ פרי זענען מיר געוואָרן אַזוי הונגעריק, אַז מיר האָבן עס נישט געקענט אויסהאַלטן. מיר זענען אויפגעשטאַנען און האָבן זיך געלאָזט גיין אין ווילדן וואַלד. איצט זענען מיר געגאַנגען גלייך מיטן וואַסער אַראָפּ. מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר וועלן איצט ערגעץ צוקומען.

אַ זייגער צען האָבן מיר דערזען עטלעכע אַנטילאָפּעס זיך שפּילן אין הויכן גראָז. בען בראַס האָט זיך געצילט, האָט אויסגע־שאָסן און האָט געטראָפן אַ יונגער אַנטילאָפּע. מיר זענען צוגעלאָפן צו דער טויטער אַנטילאָפּע, ווי הונגעריקע וועלף. מיר האָבן קיין צייט נישט געהאַט צו מאַכן פייער און אָפּבראָטן איר פלייש. מיר האָבן אויסגעשניטן גרויסע שטיקער פלייש און האָבן זיי פאַרשלונ־גען רויערהייט.

צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך געגעסן רוי פלייש. ווען מיר ווינען אין אַ שטאָט און עסן שטענדיק געקאָכט אָדער געבריטן פלייש, מיינען מיר, אַז עס איז גאָר אומעגלעך צו עסן רוי פלייש. אין ווילדן וואַלד אָבער, בפרט נאָך, ווען מען איז שטאַרק הונגעריק, שמעקט דאָס רויע פלייש זייער גוט. די איינציקע אומאַנגענעמע זאַך איז געווען, וואָס עס האָט מיר גע־פעלט זאַלץ. עס איז זייער אומאַנגענעם פאַר אַ ציוויליזירטן מענטשן צו עסן פלייש אָן זאַלץ.

ווען מיר האָבן געשטילט אונדזער ערשטן הונגער, האָבן מיר פאַרלייגט אַ פייער און האָבן אָפּגעבראָטן אַ זייט פון דער אַנטילאָפּע. איצט האָבן מיר זיך זאַט אָנגעגעסן און מיר וואָלטן זיך געדאַרפט צולעצט אַ ביסל אָפּרוען. בען בראַס האָט עס אָבער אויף קיין פאַל נישט געוואָלט. ער האָט מיך געצוווּנגען ווייטער צו גיין.

מיר האָבן אַרויפגעלייגט אַ זייט פון דער אַנטילאָפּע אויף די פלייצעס און זענען האַסטיק געגאַנגען נאָענט ביים ברעג פונם

טייך. דאָס איז אַפילו נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט. די ברעגעס פון טייך זענען געווען שטאַרק פאַרוואַקסן מיט אַלערליי הויכע גראָזן און ראָרביימלעך. צייטנווייז פלעגן מיר מוזן זיך אויסשניידן אַ וועג מיט אונדזערע מעסערס. מיר האָבן אָבער מורא געהאַט אַוועקצוגיין ווייט פונם טייך. דאָס איז געווען אונדזער בעסטער וועגווייזער.

מיר זענען געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג און האָבן קיין זאַך נישט באַגעגנט. דאָס האָט מיך פאַרדראָסן. איך האָב אַפילו זייער נישט געוואָלט זיך ווידער באַגעגענען מיט אַ לייב אָדער מיט אַ גאָרילע. עס איז מיר אָבער געווען זייער אומאַנגענעם, וואָס מיר האָבן קיינעם נישט באַגעגנט.

„וואָס זאָל עס באַדייטן, בען?" — האָב איך געפרעגט. — „ווי קומט עס, וואָס מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג נישט באַגעגנט קיין איין ווילדע חיה?"

„איך מיין, אַז די סיבה דערפון איז, וואָס מיר געפינען זיך נישט ווייט פונם מלך דשינגאָ מוואַמבאַ. די ווילדע חיות ווייסן, אַז זייער ערגסטער פיינט, דער מענטש, איז נאָענט און זיי אַנטלויפן פון אים".

„ווי אַזוי ווערט מען עס אָבער געוואָר?" — האָב איך געפרעגט.

בען בראַס האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט געזוכט אַ מיטל, ווי אַזוי געוואָר צו ווערן, וווּ מיר געפינען זיך. פּלוצלונג האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט. אַ נייער געדאַנק איז אים געקומען אין קאָפּ.

„הער נאָר, בילי", — האָט ער מיר געזאָגט, — „איך ווייס, אַז ווען די ווילדע פעלקער אין אַמעריקע פלעגן אַמאָל פאַרלירן זייער וועג, — זיי ווערן פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד און ווייסן נישט, וווּ זיי געפינען זיך, קריכן זיי אַרויף אויף אַ הויכן בוים און קוקן

זיך אַרום, ווו זיי זענען ערגעץ אין דער וועלט. מיר געפינען זיך איצט נישט ווייט פון ים. עס איז זייער מעגלעך, אַז אונדזער שיף געפינט זיך גאָרנישט ווייט פונדאַנען. קלעטער אַרויף, בילי, אויף אַ הויכן בוים און זע, ווו מיר געפינען זיך איצט.

מיר האָבן באַלד אויסגעפונען איינעם פון די העכסטע ביימער. איך בין אויף אים אַרויפגעקראָכן און האָב אָנגעהייבן צו קוקן אויף אַלע זייטן. מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ וווּנדערלעך בילד. פון איין זייט האָב איך געזען וועלדער און בערג, פון דער אַנדערער זייט האָב איך געזען דעם גרויסן וועלט־ים, אַ טייך און אַ שיף.

„די „ראַפּינאַ"! — האָב איך געשריען. — „דאָרט ליגט די „ראַפּינאַ"!

איך האָב אַפילו נישט געקענט וויסן, צי דאָס איז טאַקע די „ראַפּינאַ", אָדער אַן אַנדער שיף. די גאַנצע שיף האָט מיר אויסגעוויזן נישט גרעסער פון אַ שיפל, מיט וועלכן קינדער שפילן זיך. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די „ראַפּינאַ".

איך בין באַלד אַראָפּגעקראָכן פון בוים און האָב דערקלערט בען בראַסן, ווו איך האָב געזען אַ שיף.

„איצט ווייסן מיר ווייניקסטנס, וווהין צוגיין," — האָט בען באַמערקט. — „עס מאַכט מיר נישט אויס, צי עס איז די „ראַפּינאַ", אָדער אַן אַנדער שיף. ווען עס איז אונדז שוין באַשערט צו דינען אויף אַ שקלאַפנשיף, מאַכט דאָך אונדז נישט אויס, אויף וואָס פאַר אַ שקלאַפנשיף מיר וועלן דינען."

מיר האָבן אָנגעהייבן צו גיין זייער האַסטיק. מיר זענען כמעט געלאָפן. די זון איז אונטערגעגאַנגען, עס איז געוואָרן פינסטער און מיר זענען נאָך אַלץ געווען זייער ווייט פון ים. דאָס האָב איך שוין גאָרנישט געקענט פאַרשטיין און איך האָב געפרעגט בען בראַסן, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי.

„איך פאַרשטיי, וואָס דאָס איז,“ — האָט בען בראַס געזאָגט, — „די לופט אין דער געגנט איז גאַנץ ריין. דער מענטש קען זען אויף אַ ווייטער שטרעקע. דיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די שיף איז נאָענט, מיר זענען אָבער נאָך גאַנץ ווייט פון איר. איך וועל זיין צופרידן, אַז מיר וועלן אָנקומען צו איר מאָרגן נאָכמיטאָג“.

„אַלזוי, מיינט איר, אַז מיר וועלן מוזן צוברענגען נאָך אַ נאַכט אין וואַלד?“

„דו וועסט זיין צופרידן מיט איין נאַכט. עס קען זייער זיין, אַז מיר וועלן נאָך מאָרגן אויך מוזן נעכטיקן אין וואַלד...“

בען בראַס איז געווען גערעכט. מיר האָבן איבערגענעכטיקט די נאַכט אין וואַלד און האָבן געמוזט נעכטיקן נאָך אַ נאַכט אין וואַלד. ערשט אויפן דריטן טאָג, אינדערפרי, זענען מיר געקומען אין לאַגער פון מלך דשינגאָ מוּאַמבאַ.

אונדזערע חברים האָבן זיך דערפרייט, ווען זיי האָבן אונדז דערזען. זיי האָבן געגלייבט, אַז מיר זענען שוין טויט. מיר האָבן זיך אויך זייער געפרייט. וואָס מיר זענען ענדלעך געקומען „אַהיים“. איך וואָלט שוין אָנגעזאָגט מיינע קינדס קינדער, זיי זאָלן נישט גיין אויף יאַגד אין די אַפריקאַנישע וועלדער.

צולעצט זענען מיר ווידער געווען צווישן מענטשן און האָבן געגעסן און געשלאָפן, ווי מענטשן.

אין דער צייט, וואָס מיר זענען געווען אין די וועלדער פון אַפריקע, האָט מען געשמאַק געאַרבעט אויף דער „ראַפינאַ“. קליאַטשע האָט צערעכט געמאַכט אַלע קעמערלעך און אַלע קראַטעס. די מאַטראָזן האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן אויסגיסן דאָס געזאַלצענע ים-וואַסער פון די כעסער און אָנגיסן אין זיי פריש וואַסער. איך האָב באַמערקט, אַז אין די פינף טעג, וואָס מיר זענען נישט

געווען אויפן שיף, האָט מען געשמאַק געאַרבעט. עס איז געווען דייטלעך, אַז מען האָט זיך געאײַלט.

דעם אַנדערן טאָג נאָך אונדזער צוריקקומען, זענען אָנגע־קומען צוויי קליינע שיפלעך מיט עטלעכע נעגערס און זענען צו־געפאָרן גלײַך צום לאַגער פון מלך דשינגאַ מוואַמבאַ. אין אַ קורצע צײַט אַרום האָט דער מלך געשיקט רופן אונדזער שיפקאַפּיטאַן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די נעגערס אין די שיפלעך האָבן געוויס געבראַכט עפּעס אַ ידיעה, עפּעס אַ נײַס.

איך האָב געזען, אַז ווען אונדזער קאַפּיטאַן איז צוריקגע־קומען פון מלך דשינגאַ, איז ער געווען זייער אומרויִק און האָט באַלד געשיקט רופן דעם ערשטן אָפיציר צו זיך. זיי האָבן זיך איינגעשלאָסן אין קאַפּיטאַנס קאַיוטע און האָבן אָפּגערעדט אַ לאַנגע צײַט, דאַן זענען ביידע אַוועקגעפאָרן צום מלך.

איך בין געווען נײַגעריק צו וויסן, ווער די נעגערס אין די שיפלעך זענען. מען האָט מיר דערציילט, אַז זיי געהערן צו אַ פאָלק, וואָס וווינט ביים וואַסער. די נעגערס האָבן געווײנלעך פײַנט דאָס וואַסער, נאָר אָט דאָס פאָלק האָט ליב צו פאָרן אויפן וואַסער. זיי זענען אַלע גאַנץ גוטע מאַטראָזן און די שיפקאַפּיטאַנען נעמען זיי אויף מיט פאַרגעניגן, ווען עס פעלן זיי אויס מאַטראָזן.

דידאָזיקע דערקלערונג האָט מיר אָבער גאָרנישט געזאָגט, גאָרנישט דערקלערט. וואָס האָב איך דען דערפון, וואָס די נעגערס זענען גוטע מאַטראָזן? פאַרוואָס איז אונדזער שיפקאַפּיטאַן געוואָרן אַזוי אומרויִק, ווען זיי זענען אָנגעקומען? איך האָב געבעטן בען בראַסו, ער זאָל געוואָר ווערן, וואָס דאָ איז.

ער איז באַלד אַלץ געוואָר געוואָרן און האָט עס מיר דערקלערט.

„דידאָזיקע נעגערס," — האָט ער מיר דערציילט, — „דינען אַלס שפּיאָנען פאַרן מלך דשינגאַ מוואַמבאַ, ווי פאַר אַלע שקלאַפֿנ־

הענדלער. זיי פאָרן ארום אויפן וועלט-ים אין זעען נאָך, צי עס מאָרט נישט קיין קרייצער, צי אַ שיף, וואָס יאָגט זיך נאָך שקלאַפנ-הענדלער. ווען זיי דערזעען אַזאַ שיף, לויפן זיי וואָרענען דעם מלך און דעם שיפקאַפּיטאַן, זיי זאָלן זיך היטן און זאָלן באַהאַלטן זייער לעבעדיקע סחורה. ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיי דערזען אַ קרייצער ערגעץ נישט ווייט און זענען געקומען עס מעלדן.

שפּעטער זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז אויסער דידאָזיקע נעגערס-שפּיאָנען, געפינט זיך אַן ענגלישער שפּיאָן נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו אונדזער שיף איז געווען פאַראַנקערט. מיט אַ דרייסיק-פערציק מייל ווייטער האָט אַן ענגלענדער אויסגע-בויט אַ גרויסע פאַבריק פון פאַלמענאייל. עס האָט אים נישט גע-לוינט צו באַציען אַרבייטער פון ענגלאַנד און צו צאָלן זיי טייער, האָבן ביי אים געאַרבעט נעגערס.

ער האָט געוואָלט, אַז אַלע ענגלישע שיפן, וועלכע פאָרן פאַרביי, זאָלן זיך אָפּשטעלן לעבן זיין פאַבריק און האָט געבעטן דער ענגלישער רעגירונג, זי זאָל אים געבן דעם טיטל קאָנסול. אַזוי ווי ער האָט נישט פאַרלאַנגט קיין געהאַלט און האָט זיך באַ-זעצט אין אַ גאַנץ ווילדער געגנט, האָט אים די רעגירונג געגעבן דעם טיטל קאָנסול מיט פאַרגעניגן. ענגלאַנד טוט עס זייער אָפט. עס האָט דערביי אַ געוויסן צוועק. קוים וועט אַ מלך פון דער געגנט באַליידיקן איר קאָנסול, וועט זי האָבן דאָס רעכט צו שיקן סאָלדאַטן און אָפּנעמען זיין לאַנד.

אַלס ענגלישער קאָנסול, האָט דער רייכער ענגלענדער פאַר-לאַנגט, אַז אַלע ענגלישע שיפן, וועלכע פאָרן פאַרביי, זאָלן צו-קומען צום אָרט, ווו זיין פאַבריק איז געשטאַנען. פון זיי פלעגט ער געוואָר ווערן, צי עס געפינען זיך אין ים עפּעס אַ קרייצער. ווען מען פלעגט אים זאָגן, אַז ער געפינט זיך יאָ ערגעץ נישט ווייט,

פלעגט ער שיקן וואָרענען די אַפריקאַנישע מלכים און די שקלאַפנ־הענדלער.

דער ענגלישער קאָנסול האָט אַוואָרום אַליין געדינט פאַר אַ שפּיאָן ביים מלך דשינגאָ מוואַמבאַ און ביי אַלע קאַפּיטאַנען פון שקלאַפנשיפן. געאַרבעט האָט ער, נאַטירלעך, נישט אומזיסט. מלך דשינגאָ און די קאַפּיטאַנען פלעגן אים גוט באַצאָלן דערפאַר.

באַלד האָבן אַלע מאַטראָזן געוווּסט, אַז דער ענגלישער קרייצער, וועלכער האָט אונדז נאָכגעיאָגט, איידער מיר זענען צו־געפאָרן צום אַפריקאַנישן ברעג, געפינט זיך נישט ווייט פונדאַנען און באַוואַכט אונדז. עס איז אמת, אַז די שווארצע שפּיאָנען האָבן נישט געוווּסט אויף געוויס, צי עס איז דיזעלבע שיף, וואָס האָט אונדז נאָכגעיאָגט. זיי האָבן נאָר געמאָלדן, אַז אַ שיף געפינט זיך אויפן ים נישט ווייט פונם אַריינגאַנג אין טייך.

איצט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אונדזער קאַפּיטאַן איז געוואָרן אַזוי אומרויק און אַזוי דערשלאָגן. ווען די ענגלישע קריגסשיף וועט ווירקלעך אַריינפאָרן אין טייך, איז די „ראַפינאַ" פאַרלאָרן.

מלך דשינגאָ מוואַמבאַ איז אויך געווען אומרויק, ריכטיקער געזאָגט, ער האָט זיך פאַרשטעלט, אַז ער איז אומרויק. אין דער־אמתן האָט עס אים זייער ווייניק געקימערט, וואָס אַן ענגלישע שיף געפינט זיך נישט ווייט פון זיין לאַנד. ער האָט דאָך שוין פאַרקויפט זיין סחורה און האָט צוגענומען זיין „געלט". לאָז דער קויפער טאָן מיט זיין סחורה, וואָס ער וויל.

דאָך איז מלך דשינגאָ נישט צופרידן געווען מיט דעם ענג־לישן קרייצער. ער האָט מורא געהאַט, אַז די ענגלישע סאָלדאַטן און מאַטראָזן זאָלן נישט אָנפאַלן אויף זיינע מאַגאַזינעס און זאָלן נישט צונעמען זיין ראָם, זיינע ביקסן און זיין פּולווער. ער האָט דעריבער באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו זיינע אונטערטאַנען,

אַז ווי זאָלן באַהאַלטן זייערע זאַכן און זייערע פאַרמעגנס אין די וועלדער, ערגעץ ווייט פון לאַגער.

מלך דשינגאַ איז געווען אַ דורכגעטריבענער סוחר. ער האָט אַפילו געוואָלט באַנקראָטירן. ער האָט פּראָבירט איינצורעדן אונדזער קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל אַוועקפירן זיינע געקויפטע שקלאַפן אויך ערגעץ ווייט אין וואַלד. דשינגאַ מוזאַמבאַ האָט געוואָלט אים געבן זיין מלכשן ערנוואָרט, אַז ווען די ענגלישע שיף וועט זיך צוועקפאָרן, וועט ער אים צוריקגעבן זיין אייגנטום.

אונדזער שיפקאַפּיטאַן איז אָבער געווען קליגער און דורכגעטריבענער פון זיין שוואַרצער מאַיעסטעט. אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט געוווסט, אַז קוים וועט ער איבערגעבן זיינע שקלאַפן מלך דשינגאַ, וועט ער זיי שוין קיינמאָל נישט זען. זיין מאַיעסטעט איז געווען אַ קעניגלעכער שווינדלער.

אונדזער שיפקאַפּיטאַן איז געווען אַן אַלטער פוקס און האָט נישט געטרויט זיין מאַיעסטעט אויף אַ האַלבן טריט.

קוים איז ער געוואָר געוואָרן, אַז אַן ענגלישער קרייצער באַוואַכט אים, האָט ער צונויפגערופן אַ קריגסראַט פון זיינע בעסטע מאַטראָזן און האָט זיך מיט זיי באַראַטן, וואָס צו טאָן. מען האָט זיך לאַנג איבערגעלייגט און מען איז געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס איינציקע מיטל צו ראַטעווען זיין סחורה איז צו אַנטלויפן מען האָט דאָך שוין געזען, ווי מען האָט זיך אויסגעדרייט פונם ענגלישן קרייצער. די „ראַפּינאַ“ איז אַ גוטע שיף, און ווען זי האָט געבנוג ווינט, קען זי זייער לייכט אַנטלויפן פון אַ דאַמפשיף.

די פראַגע איז נאָר געווען, ווער עס וועט פריער פאַרכאַפּן דעם אָפענעם ים. אין טייך איז די „ראַפּינאַ“ פאַרלאָרן. זי מיט אירע זעכציק מאַטראָזן קענען זיך אויף קיין פאַל נישט שטעלן קעגן אַ קריגסשיף מיט סאָלדאַטן און הערמאַטן אויפן פרייען, אָפענעם, גרויסן וועלט-ים, אָבער מען קען זיך זייער לייכט אַרויסדרייען.

אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט דערייבער געגעבן אַ באַפעל, מען זאָל באַלד אַרויספירן די שקלאַפן פון די שטאַלן, אין וועלכע מען האָט זיי געהאַלטן, און מען זאָל זיי אַרויפברענגען אויפן שיף. דאָן זאָל מען אָנגרייטן פּראָוויאַנט און אַרויספאָרן וואָס שנעלער.

איצט האָט זיך אָנגעהייבן אַן אַרבעט אויף אונדזער שיף. איצט האָט מען אָנגעהייבן צו אַרבעטן, און זיך ערנסט צוגרייטן צו דער רייזע.

מלך דשינגאַ מוואַמבאַ האָט אונדז געגעבן אַלע זיינע שיפלעך. דער קאַפּיטאַן האָט געהייסן אַראָפּלאָזן אַלע שיפלעך פון דער „ראַפינאַ“. אַלע זענען געווען באַשעפטיקט מיט דעם טראַנספּאָרטירן די שקלאַפן פון די שטאַלן אויף דער „ראַפינאַ“.

ווי עס האָט מיך געעקלט, ווי עס האָט מיר צעריסן דאָס האַרץ, ווען איך האָב געזען, ווי מען שלעפּט פרויען און קינדער, ווי די שעפסן און מען באַהאַנדלט זיי נאָך ערגער, ווי בהמות! איך האָב אָבער געמוזט העלפן. בען בראַס האָט אויך געמוזט אַריבערברענגען די אומגליקלעכע נעגערס אויף אונדזער שיף.

מען פלעגט אַרויסנעמען צוואַנציק - דרייסיק שטיק מיטאַמאָל, מען פלעגט זיי צוטרייבן צום ברעג און זיי אַריינטרייבן אין קליינע שיפלעך. ווער עס האָט נישט געוואָלט גיין, דעם האָט מען געשלאָגן מיט שטעקנס אָדער מיט אַ בייטש פון קראָקאָדיל-לעדער. פון די שיפלעך האָט מען זיי אַרויפגעשלעפּט אויף דער „ראַפינאַ“ און מען האָט זיי אַראָפּגעלאָזן אין די שטאַלן, וועלכע מען האָט אָנגעגרייט פאַר זיי.

איך האָב שוין דערציילט, אַז ביי די שקלאַפנהענדלער איז געווען איינגעפירט, אַז מען זאָל האַלטן מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער. ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז זיי האָבן עס נישט געטאָן פון פרומקייט אָדער גוטסקייט. זיי האָבן עס געטאָן דערפאַר, ווייל עס איז לייכטער אַרומצוגיין אַרום זיי, ווען מענער און

פרויען זענען אָפּגעטיילט. דאַקעגן, אָבער, פלעגט מען האַלטן פרויען און קינדער צוזאַמען.

אַלע שקלאַפן זענען געווען באַקעט, ווי די מוטער האָט זיי געבאָרן. זעלטן האָט איינער אָדער איינע פון זיי געהאַט אַ שטיקל לייוונט אָדער אַ גאַרטל אַרום די לענדן, אום צו באַדעקן די טיילן פון קערפּער, וועלכע מענטשן זענען געוויינט צו פאַרדעקן.

די מענער האָט מען צונויפגעבונדן צו צווי, צו דריי אָדער צו פיר צוזאַמען. די פרויען זענען מייסטנס געווען פריי. איך האָב געזען גאָר זייער ווייניק פרויען, וועלכע זענען געווען געשמידט אין קייטן. איך בין נישט געגאַנגען צו די באַראַקן, פונוואַנען מען האָט זיי אַרויסגענומען. איך בין געשטאַנען אויפן דעק און האָב נאָר געזען, ווי מען האָט זיי אַראָפּגעלאָזן אין די קאַמערן, וועלכע מען האָט פאַר זיי אָנגעגרייט אויף דער „ראַפּינאַ".

זעלטן האָט מען צוגעבראַכט אַ פרוי אין קייטן. עס פלעגט אָבער דאָך פאָרקומען און איך האָב זייער גוט באַמערקט, ווי זייערע פּייערדיקע שוואַרצע אויגן האָבן געברענט און געגליט, ווען מען פלעגט זיי אַרויפשלעפּן אויפן דעק. פון דאָרט פלעגט מען זיי אַראָפּפירן אין זייערע שטאַלן. די מענער פלעגן נאָך שווייגן און זיך פאַרהאַלטן אַ ביסל רויק. די פרויען אָבער פלעגן שרייען, וויינען און ליאַרמען.

מלך דשינגאָ מוואַמבאַ מיט אונדזער שיפקאַפּיטאַן זענען געשטאַנען אויפן ברעג פונם טייך און האָבן אַכטונג געגעבן, ווי מען לאָדט אָן די שיף. זיי האָבן גערעדט פריינטלעך און צוטרוי-לעך, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען סוחרים, וועלכע שיקן אַוועק זייערע סחורות קיין אינדיע אָדער קיין כינע.

דער מלך פלעגט פון צייט צו צייט ווייזן אויף איינעם פון זיינע בעגערס און דערציילן, אַז ער איז שטאַרק און פעיק, אַלזאָ האָט ער מער ווערט פון די אַנדערע. דערביי פלעגט ער זיך

גישט שעמען צו פאָדערן ביי אַנדזער שיפקאַפּיטאַן נאָך אַ פלאַש ראָם, נאָך אַ מעסערל אָדער נאָך אַ קלייניקייט.

אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט געהאַלטן אַ נאָטיצביכעלע און האָט פאַרשריבן, וויפל נעגערס מען האָט אַרויפגעפירט אויפן שיף. ער איז געווען אַ גוטער בוכהאַלטער און האָט געפירט אַ שטרענגן חשבון פון זיין לעבעדיקער סחורה.

זייער אָפט פלעגט דער מלך ווייזן אויף אייניקע פון די נעגערס און פלעגט זאָגן, אַז דער נעגער איז זייער אומרויק. מען מוז אים צושמידן צו דער וואַנט. דער שיפקאַפּיטאַן פלעגט באַלד מאַכן אַ צייכן מיט אַ שטיקל קרייט אויף די שוואַרצע פּלייצעס פונם נעגער, אַז מען זאָל אים אָנטאָן שווערע קייטן אָדער מען זאָל אים נאָר צושמידן.

דער ערשטער אָפיציר האָט איבערגענומען די סחורה. קוים פלעגט ער דערזען אויף די פּלייצעס פונם נעגער אַ ווייסן צייכן, האָט ער שוין געוווּסט, וואָס מיט אים צו טאָן.

ווי איינפאַך און ווי לייכט דאָס אָנלאָדן פון דער שיף איז געווען, האָט עס דאָך פאַרנומען פיל צייט. אַרויפנעמען זעקסהונ-דערט מענטשן אויף אַ שיף פאָדערט צייט, באַזונדערס ביי אַזעלכע מענטשן, וועלכע מען האָט געמוזט האַלטן אין קייטן און מורא האָבן, אַז זיי זאָלן נישט אַריינשפּרינגען אין וואַסער אין דער צייט, ווען מען האָט זיי איבערגעפירט פון ברעג צום שיף.

די נעגערס האָבן זייער גוט געוווּסט, וווהין מען פירט זיי און צו וואָס פאַר אַ צוועק מען פירט זיי. עס האָבן זיך געפונען צווישן זיי אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן ליבערשט געוואָלט דערטרונקען ווערן אינדערהיים, איידער צו ליידן אין אַמעריקע.

אַזוי ווי עס האָט פאַרנומען פיל צייט און דער שיפקאַפּיטאַן האָט מורא געהאַט, אַז די ענגלישע שיף זאָל אויף אים נישט אָנפאַלן פּלוצלונג, האָט ער אַרויסגעשיקט אַ שיפל מיט די נעגערס-

שפּיאָנען, זיי זאָלן זען, וווהין די ענגלישע עק פאַרט און וואָס זי וויל טאָן.

דעם ערשטן טאָג האָט מען אַריבערגעפירט פון די שטאָלן קנאַפּע פירהונדערט נעגערס. עס זענען געבליבן איבער צווייהונדערט, וועלכע מען האָט גערעכנט אַריבערצופירן דעם אַנדערן טאָג.

דעם אַנדערן טאָג אין דער פרי האָט מלך דשינגאָ און דער שיפקאַפּיטאַן דערזען מיט שרעק, אַז דאָס שיפל פון די נעגער־שפּיאָנען קומט צוריק. מען האָט געזען פון דערווייטנס אַז זיי איילן זיך. מלך דשינגאָ און אונדזער שיפקאַפּיטאַן זענען זיי אַנטקעגן געלאָפן.

איך האָב נישט געקענט הערן, וואָס די שפּיאָנען האָבן דערציילט. איך האָב אָבער געזען, אַז אונדזער שיפקאַפּיטאַן איז צוריקגעקומען שטאַרק באַאומרויִקט. ער האָט באַלד געהייסן, אַז מען זאָל וואָס גיכער אַריבערברענגען דעם רעשט פון זיין לעבעדיקער סחורה אויף זיין שיף. איצט האָט מען שוין נישט געקוקט ווער מען האָט דאָרט. מען האָט אַרויסגעטריבן אַלע נעגערס פון די שטאָלן, מענער פרויען און קינדער, און מען האָט זיי געוואָרפן אין די קליינע שיפלעך, ווי מען וואַרפט בינטלעך אָדער פעקלעך סחורה.

עס איז געווען אַ שרעקלעך בילד. צו וואָס זאָל איך אייך באַשרייבן דידאָזיקע טרויעריקע סצענעס, וואָס איך האָב דעמאָלט געזען? איך בין גליקלעך, ווען איך פאַרגעס זיי.

אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט זיך געאיילט. זיין איינציקע רעטונג איז איצט געווען דער ווינט. ער האָט געוווּסט, אַז די ענגלישע קריגסשיף וועט מורא האָבן אַריינצוגיין אין אַן אומבאַקאַנטן טייך. אַ קריגסשיף קען זיך נישט אַזוי לייכט אויסדרייען אין אַ טייך. קוים וועט דער ווינט בלאָזן פון דרום, וועט ער קענען ביינאַכט אינדערפינסטער אַרויספאָרן שטילערהייט פונם טייך אין אָפּע־

נעם וועלט - ים. דאָרט, אויפן פרייען וועלט - ים, וועט ער שוין וויסן, ווי זיך אויסצודרייען.

איך האָב שוין דערציילט, אַז אונדזער שיפקאַפּיטאַן איז ווירקלעך געווען אַ פֿעיקער און טיכטיקער מאַטראָז. ער האָט זייער גוט געקענט דעם ים און די געגנט אַרום און ער האָט זיך אַנט־שלאָסן צו ריזיקירן, אין דער האָפֿענונג, אַז פֿאַר נויט וועט ער אַריינפֿאָרן אין אַ טייך אָדער ער וועט זיך באַהאַלטן ערגעץ הינ־טער אַ קליין אינדזל

אַלע מאַטראָזן האָבן דעם גאַנצן טאָג געאַרבעט, ווי די שדים. מען האָט געשלעפּט פעסער מיט פּאַלמענאייל, זעק מיט הירזש און אַנדערע סאָרטן פּראָוויאַנט. מען האָט צערעכט געמאַכט די זעגלען פֿון דער „ראַפּינאַ", מען האָט זיך פֿאַרזאָרגט מיט האָלץ צום קאָכן און מיט האָלץ צו מאַכן ברעטער און קאַמערן.

ענדלעך איז אַלץ פּאַרטיק געוואָרן צום אָוועקפֿאָרן. די לעבעדיקע סחורה איז געווען פּאַרפּאַקט און פֿאַרזאָרגט. ביים אַריינ־גאַנג אין די קאַמערן, ווו די נעגערס האָבן זיך געפֿונען, האָט מען אויסגעשטעלט אַ שמירה מיט געלאָדענע ביקסן אויף די פּלייצעס.

מען האָט נאָר געדאַרפֿט אויפֿהייבן די אַנקערס און אַרויס־פֿאָרן. אַזוי ווי עס איז נאָך אָבער געווען פֿרי, עס איז ערשט גע־ווען קעגן פֿיר אַ זייגער נאָכמיטאָג, האָט מען געמוזט וואַרטן, ביז עס וועט פֿינסטער ווערן. בייטאָג וועט דאָך די ענגלישע שיף אונדז דערזען. ביינאַכט אָבער וועלן מיר זיך קענען אַרויסגנבענען.

אויסערדעם, האָט דער שיפקאַפּיטאַן געוואַרט אויף נייע ידיעות פֿון די נעגער - שפּיאָנען. אַ ידיעה איז ענדלעך געקומען. די נע־גער - שפּיאָנען האָבן געמאָלדן, אַז די ענגלישע שיף האָט זיך פֿאַראַנקערט נישט ווייט פֿונם אַריינגאַנג אין טייך אין דער רעכ־טער זייט.

אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט זיך באַרויקט. ווען די ענגלישע

שיף האָט פאַראַנקערט רעכטס פונם אַרייננאַנג אין טייך, קען ער פאַרז לינקס און אָפּנאַרן דעם ענגלענדער.

ביז נאַכט איז אונדז נאָך געבליבן פון פיר ביז פינף שעה. וואָס טוט מען אין אָט דער צייט? מען דאַרף אַ ביסל אונטער־לעבן. ער האָט איינגעלאַדן דעם מלך דשינגאַ מיט זיינע מיניסטאָרן צו זיך אויף מיטאָג און מען האָט געגעסן און געטרונקען, מער וויפל מען האָט געדאַרפט. ווען מען האָט אָפּגעגעסן און אָפּגע־טרונקען, האָט מלך דשינגאַ זיך איינגעשפּאַרט, אַז דער שיפ־קאַפּיטאַן מיט אַלע מאַטראָזן זאָלן קומען צו אים אויף אַ מיטאָג.

אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט איינגעוויליקט. מלך דשינגאַ האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז וואָס שפּעטער ער וועט אַרויספאָרן פונם טייך, איז אַלץ בעסער פאַר אים. איך וואָלט קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז זיין שוואַרצע מאַיעסטעט זאָל זיין אַזוי פּראַקטיש און זאָל אַזוי גוט קענען דעם כאַראַקטער פון די ענגלישע קריגסשיפן.

„נאָך האַלבע נאַכט וועלן אַלע שלאָפן אויף דער ענגלישער קריגסשיף", — האָט מלך דשינגאַ מוואַוובאַ דערקלערט, — „דע־מאָלט וועט זיין די בעסטע צייט אַרויסצופאָרן. ווען די וואַכן אויפן ענגלישן קרייצער זאָלן אַפילו באַמערקן די „ראַפּינאַ", וועלן זיי דאָך צוערשט מוזן אַלאַרמירן, אויפוועקן דעם שיפקאַפּיטאַן און די אָפיצירן. דאַן וועלן די אָפיצירן אָנהייבן צו מאַכן הכנות צו אַ שלאַכט. דאָס וועט פאַרנעמען ביי זיי צייט. דערווייל וועט די „ראַ־פּינאַ" קענען אַנטלויפן".

בען בראַס האָט מיר איבערגעגעבן אַלץ, וואָס מלך דשינגאַ האָט געזאָגט. איך האָב געשטוינט, ווען איך האָב דערהערט, ווי קלוג, דורכגעטריבן און פּראַקטיש מלך דשינגאַ איז. איצט האָב איך שוין געבעטן בען בראַסן, מען זאָל מיך אויך מיטנעמען אויפן באַל צו זיין שוואַרצער מאַיעסטעט.

אַך! איך האָב נישט געוווּסט, וואָס איך האָב געבעטן! איך האָב נישט געוווּסט, וויפל ליידן און שמערצן איך וועל איבערלעבן ביים מלך דשינגאַ.

דער שיפקאַפּיטאַן האָט געהייסן, אַז אַלע מאַטראָזן, אויסער די וואַכן, זאָלן אַרומגיין אויפן ברעג, זיך געזעגענען מיט זיין מאַיעסטעט, דעם גרויסן שטאַרקן און שרעקלעכן מלך דשינגאַ. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן, אַז אַלע מאַטראָזן האָבן געפאָלגט דעם באַפעל מיט פאַרגעניגן. זיי האָבן געוווּסט, אַז ביים מלך איז דאָ וואָס צו עסן, וואָס צו טרינקען און איך שעם מיך עס צו זאָגן, — פיל מאַטראָזן האָבן געטראַכט פון שוואַרצע ווייבער...

וויפל פרויען האָט מלך דשינגאַ געהאַט, קען איך אייך נישט זאָגן. איך וויים נאָר, אַז פאַר זיינע פרויען האָט ער געהאַט אַ באַזונדערן פּאַלאַץ, דאָס הייסט, אַ באַזונדערן שטאַל, ווו ער פלעגט זיי האַלטן פאַרשפאַרט און פלעגט זיי אַרויסלאָזן נאָר דאַן, ווען ער האָט געוואָלט.

מיר זענען באַלד געווען אין דשינגאַס לאַגער און האָבן צוגעזען מיט פאַרגעניגן, ווי עס ברענען גרויסע פייערן, אויף וועלכע עס בראָטן זיך גאַנצע אַנטילאָפּעס און אַנדערע חיות. אויף איין פייער האָט זיך געבראָטן אַ גאַנצער אָקס

אַרום דעם מלכס פּאַלאַץ — אַן איינפאַך געצעלט פון פעל און לייוונט, זענען געלעגן הויפנס מיט אַלערליי פרוכטן. מאַנכע פרוכטן זענען מיר געווען באַקאַנט, אַנדערע האָב איך געזען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן. אַלץ איז געווען פריי. יעדער האָט געקענט נעמען, וויפל ער האָט געוואָלט און וואָס ער האָט געוואָלט.

אונדזערע מאַטראָזן האָבן זיך נישט געלאָזן לאַנג בעטן. יעדער האָט זיך גענומען, וואָס ער האָט געוואָלט. דער מלך איז

געווען אַזוי פריינטלעך, אַז ער האָט געהייסן ברענגען אַ גאַנץ פעסל ראָם און האָט עס געשענקט אונדזערע מאַטראָזן.

ווען אַלע זענען געווען גוט פריילעך, האָט ער ארויסגעלאָזן אַלע זיינע פרויען און האָט זיי געהייסן טאַנצן און שפּרינגען ארום אונדז. מיר אַליין איז זייער טאַנצן גאָרנישט געפעלן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די פרויען זענען זייער אומגליקלעך און טאַנצן נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן מורא, דער מלך זאָל זיי נישט פאַרקויפן דעם שקלאַפנהענדלער.

דאָס פלעגט זיך טרעפן זייער אָפט. ווען אַ שלאַפנהענדלער האָט נאָר געגעבן אַ גוטן פּרייז, האָט מלך דשינגאַ פאַרקויפט אַפילו זיינע מיניסטאָרן און זיינע פרויען.

אין לאַגער איז געוואָרן פריילעך. אונדזער שיפקאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר זענען געווען די איינציקע, וועלכע זענען נישט געווען שיכור. זיי האָבן גוט געקענט דעם שוואַרצן מלך און האָבן געוווסט, וואָס ער מיינט. ער האָט געוואָלט אַלעמען אָנשיכורן, אַז די „ראַפּינאַ" זאָל נישט קענען אַרויסגיין אין ים. די ענגלענדער וועלן אָנפאַלן אויף איר און וועלן באַפרייען אַלע שקלאַפן. ער, אַלס מלך פון אָט די נעגערס, וועט פאָדערן, אַז מען זאָל אים אָפּגעבן זיינע אונטערטאַנער. דער ענגלישער קאָנסול וועט באַשטעטיקן, אַז דער מלך האָט רעכט און זיין מאַיעסטעט וועט האָבן צוריק זיינע שקלאַפן און אונדזער ראָם נאָך דערצו.

צווישן מלך דשינגאַ מוואַמבאַ און אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט זיך איצט אָפּגעשפּילט אַ קלוגע פּאָליטיק. ביידע זענען איצט געווען די בעסטע פריינט. דער מלך האָט זיך אויפגעהאָנגען אויפן האַלדז פון אונדזער שיפקאַפּיטאַן, האָט אים איינגעלאַדן צו זיך אין געצעלט און האָט אים אָנגעבאָטן זיינע שענסטע פרויען. אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט זייער גוט געוווסט, פאַר וואָס דער שוואַרצער מלך טוט עס און האָט געזוכט אים איידל אויסצומיידן.

אַזוי זענען פאַרגאַנגען די לעצטע שעהן פונם טאָג. די זון האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין. אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט אָנגעגעבן צו פייפן און צו רופן זיינע מאַטראָזן.

ווען אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָט דער מלך געבעטן, אַז מען זאָל מיט אים טרינקען צום לעצטן מאָל פאַרן אוועקפאָרן. מען האָט געמוזט אים צוליב טאָן.

איך בין געווען נאָך זייער יונג און דער מלך האָט מיך זייער אינטערעסירט. איך האָב די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטרעטן פון אים און האָב באַטראַכט אַלע זיינע מינעס און אַלע זיינע באַוועגונגען. איך האָב אָבער נישט באַמערקט, אַז ער קוקט אויף מיר אויך. איך בין אים געפעלן. ביז אהער האָט ער געזען פאַר זיך מענטשן מיט בערד אָדער מיט ראַזירטע בערד. איך בין געווען דער ערשטער ווייסער מענטש אָן אַ באָרד, וועלכן מלך דשינגאָ האָט געזען אין זיין לעבן.

ווען אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט צונויפגערופן אַלע מאַטראָזן און האָט זיי געהייסן אַרויפגיין אויפן שיף, האָב איך און בען בראַס אויך געוואָלט גיין מיט זיי. דער שיפקאַפּיטאַן האָט אָבער געהייסן אונדז נאָך בלייבן אויפן ברעג, דערביי האָט ער עפּעס גערעדט שטילערהייט מיטן מלך.

מיר איז שטאַרק נישט געפעלן, וואָס דער מלך קוקט זיך אַזוי צו צו מיר.

„וואָס וויל ער פון מיר?" — האָב איך מיך געפרעגט. — „וואָס קוקט ער אַזוי אויף מיר, גלייך ווי ער וויל מיך אויפעסן?"

וואָס לענגער דער מלך האָט גערעדט מיטן שיפקאַפּיטאַן, אַלץ אומרויקער בין איך געוואָרן. עס איז געווען דייטלעך, אַז זיי רעדן פון מיר. ענדלעך האָב איך עס שוין נישט געקענט אויסהאַלטן און האָב געפרעגט בען בראַסן:

„וואָס רעדן זיי? וואָס וויל דער מלך פון מיר?"

„ער וויל דיך קויפן, דו געפעלסט אים", — האָט בען בראַס געענטפערט.

איך האָב מיך צעלאַכט. איך האָב מיר גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אז מען קען מיך פאַרקויפן. איך בין דאָך אַ פרייער מענטש, אַ ווייסער. ווער קען עס קויפן אָדער פאַרקויפן אַ ווייסן מענטשן?

ווען איך האָב אָבער אַ קוק געטאָן אויף בען בראַסעס ערנסטע געזיכט, איז אין מיר פאַרקילט געוואָרן די מילך, וועלכע איך האָב געזויגן ביי מיין מוטער. איך האָב פאַרשטאַנען, אז בען שפּאַסט נישט. מלך דשינגאָ מוואַמבאַ מיינט עס ערנסט.

איצט האָב איך אָנגעהייבן מיך צוצוקוקן צו די מינעס און צום געזיכט פון אונדזער שיפקאַפּיטאַן. אזוי ווי איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי האָבן גערעדט, האָב איך געוואָלט לייענען אויף זייערע געזיכטער און פאָרשן זייערע מינעס, וואָס זיי מיינען.

איך האָב באַמערקט, אז דער שיפקאַפּיטאַן וויל מיך נישט פאַרקויפן. דער מלך אָבער האָט אים נישט אָפּגעלאָזן. ער האָט אים עפּעס געדראָט, האָט פון אים עפּעס פאַרלאַנגט און האָט אים עפּעס צוגעזאָגט.

„וואָס זאָגט דער מלך?" — האָב איך געפרעגט בען בראַסן.

„ער וויל געבן פאַר דיר פינף שטאַרקע און געזונטע שקלאַפן", — האָט בען געענטפערט.

„אלזוי וויל דער שיפקאַפּיטאַן מיך פאַרקויפן?" — האָב איך אויסגערופן מיט שרעק.

„יאָ, ער וויליקט איין דיך צו פאַרקויפן. ער פאַרלאַנגט אָבער צען שקלאַפן פאַר דיר".

איך האָב אַ ציטער געטאָן. דער שיפקאַפּיטאַן וויל מיך

פארקויפן! איך בין נישט מער, ווי א שטיקל סחורה, און מען דינגט זיך, וויפל איך בין ווערט!

„ער וועט עס טאָן, דער אויסוואורף", — האָב איך מיר געטראַכט. — „ער ווייס, אַז פאַר אַ גוטן, שטאַרקן נעגער וועט ער באַקומען אין אַמעריקע פון פיר ביז פינפהונדערט דאָלאַר. ער קען אַלזאָ באַקומען פאַר מיר דרייטויזנט דאָלאַר. פאַרוואָס זאָל ער מיך נישט פאַרקויפן? ווער וועט זיך עס שטעלן קעגן אים? וועמען הערט ער! ער איז אַ שקלאַפנהענדלער, אַ פאַרברעכער, און איך בין אַנטלאָפן פון מיינע עלטערן. דער איינציקער מענטש וועלכער וואָלט געקענט מיך באַשיצן, איז אַן ענגלישער קאָנסול. ווי נעמט מען אָבער אַן ענגלישן קאָנסול? דשינגאָ מוואַמבאַ וועט געוויס מיך נישט פירן צו אַן ענגלישן קאָנסול, איך זאָל מיך באַקלאָגן אויף אים.

אין דער צייט, ווען דידאָזיקע טרויעריקע געדאַנקען זענען געקראָכן אין מיין קאָפּ, האָט דער שיפקאַפּיטאַן זיך געדונגען און ציגיינערט מיטן מלך.

ענדלעך איז דער שיפקאַפּיטאַן ערגעץ אַוועקגעגאַנגען מיט אים. בען בראַס האָט מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט. דער מלך האָט ענדלעך איינגעוויליקט צו געבן פאַר מיר אַכט געזונטע און שטאַרקע נעגערס.

איך בין געוועזן אויסער זיך. איך בין געוועזן משוגע. איין גאָט ווייס, וואָס איך האָב דורכגעפילט און איבערגעליטן אין יענע עטלעכע מינוטן. איך האָב אָבער נאָך אַלץ געהאָפט, איך האָב נאָך אַלץ גערעכנט, אַז דער מלך וועט זיך איבערלייגן אָדער דער שיפקאַפּיטאַן וועט חרטה האָבן.

מיין האָפענונג איז אָבער באַלד פאַרשוואונדן. איך האָב געזען, אַז דער שיפקאַפּיטאַן איז געקומען מיטן מלך אונטערן אָרעם און דשינגאָ האָט געוויזן אויף אַ הויפן נעגערס, וועלכע זענען

געשטאַנען נישט ווייט. דער שיפקאַפּיטאַן איז צוגעגאַנגען צו זיי און האָט אָנגעוויזן אויף עטלעכע פון זיי. דער מלך האָט זיי געהייסן אַוועקגיין אָן אַ זייט.

איך האָב געזען מיט שרעק און פּחד, אַז דער מלך האָט פאַרקויפט זיינע מיניסטאָרן אָדער גענעראַלן. איך האָב זיי דער־קענט. איך האָב זיי געזען, ווען ער איז מיט זיי צום ערשטן מאָל געקומען אויף אונדזער שיף.

די פאַרקויפטע מיניסטאָרן האָבן פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. זייערע פּעך שוואַרצע פּנימער זענען געוואָרן אַש־גרוי. זיי האָבן געוווסט, אַז דער מלך האָט זיי פאַרקויפט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אייניקע האָבן אָנגעהייבן צו וויינען

דער שיפקאַפּיטאַן האָט געזאָגט עפּעס צו איינעם פון ד' מאַטראָזן. ער איז אַוועקגעפאָרן אויף דער „ראַפּינאַ", איז באַלד צוריקגעקומען און האָט געבראַכט מיט זיך קייטן. איצט בין איך פאַרלאָרן. פאַר מיר איז שוין קיין רעטונג נישטאָ. דער שיפקאַפּי־טאַן האָט מיך פאַרקויפט!

איך האָב אויפגעהייבן מיינע אויגן צו בען בראַסן, מיין איינציקן רעטער און באַשיצער, דער איינציקער מענטש, פון וועלכן איך האָב געקענט דערוואַרטן הילף און שוץ. איך האָב גערעכנט, אַז בען בראַס וועט זיך שטעלן פאַר מיר, וועט פּראָטעס־טירן, וועט דערקלערן דעם שיפקאַפּיקאַן, אַז ער קען מיך נישט פאַרקויפן, אַז ער האָט נישט די רעכט מיך צו פאַרקויפן.

צו מיין גרעסטן שטוינען האָט בען בראַס אָבער געשוויגן. ער איז געווען בלייך, ווי קאַלך, און האָט געציטערט. ער האָט געזען אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען און האָט נישט גערעדט אַ וואָרט. איך בין אויפגעשפרונגען און האָב געוואָלט אַרויפפאַלן אויף אים און אים זידלען. איך האָב מיר אָבער צוריק געהאַלטן. ערשט שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער איז געווען גערעכט. ווען ער וואָלט

זיך געשטעלט פאר מיר, וואלט דער שיפקאפיטאן אים געשלאגן, באשטראפט אדער אפשר אויך פארקויפט. דער שיפקאפיטאן איז דאך דא א קיסער. ער מעג דאך טאן, וואס ער וויל. מלך דשינגא האט געגנוג שווארצע שדים, וועלכע וועלן טאן, וואס ער וועט זיי הייסן.

איך האב אנגעהייבן צו וויינען און צו שרייען. דער מלך, דער שיפקאפיטאן, די מאטראזן און דעם מלכס אונטערטאנער האבן אנגעהייבן צו לאכן פון מיר.

איך בין געווען פארצווייפלט און האב געוואלט מיך אריינווארפן אין וואסער. עס איז פיל בעסער צו שטארבן מיטאמאל איידער צו זיין א שקלאף ביי א שווארצן ווילדן, הארצלאזן אפריקאנישן קעניג.

בען בראס האט מיך ארומגענומען, האט מיך צוגעפרעסט צום הארצן און האט מיר געזאגט שטילערהייט:

„פארהאלט דיך רויק, בילי! קוים וועסטו שרייען, ליארמען און זיין אומרויק, וועט דער שווארצער הונט הייסן דיך בינדן. דאן ביזטו פארלוירן. פארהאלט דיך גאנץ רויק און זוך א געלעגנהייט, ווי אזוי צו אנטלויפן. איך וועל שוין מאכן, אז די „ראפינא" זאל גיין זייער לאנגזאם. איך וועל טאן אלץ, אז מיר זאלן זיך דא פארזוימען ביז מארגן. זיי פארזיכטיק! פארשטעל זיך, אז דו גייסט מיט פארגעניגן צו אים. ער וועט דיך דאן נישט ד׳ין און דו וועסט קענען אנטלויפן".

„וווהין זאל איך אבער אנטלויפן?"

„דו זעסט דאך, וווהין דער טייך פליסט. קוים וועסטו האבן א געלעגנהייט צו אנטלויפן, זאלסטו לויפן גלייך מיטן ברעג פונם טייך. איך וועל שטיין אויף דער „ראפינא" און וועל נישט אראפלאזן קיין אויג פונם וואסער. קוים וועל איך דיך דערזען, וועל איך דיר צווווארפן א שטריק."

„איך האָב אָבער מורא, אַז דער שיפקאַפּיטאַן וועט מיך דערזען, וועט ער מיך צוריקשיקן צו דשינגאָן.“

„האָב קיין מורא נישט, בילי! דער שיפקאַפּיטאַן וועט אפילו זיין צעפרידן דיך צו האָבן אויפן שיף צוריק. ער דאַרף דיך האָבן. קוים וועסטו זיין אויף דער „ראַפּינאַ“, וועט ער אַליין הייסן דיך באַהאַלטן ערגעץ אין אַ ווינקעלע. ער וועט זיין העכסט צופרידן, וואָס ער וועט אָפּנאַרן זיין פריינט, דעם מלך דשינגאָ.“

מער האָט ער מיט מיר נישט געקענט רעדן, ווייל דער שיפקאַפּיטאַן האָט געהייסן שמידן אין קייטן די אַכט נעגערס, וועלכע ער האָט אויסגעביטן פאַר מיר, און זיי אַריינוואַרפן אין שיפל. דאָס האָט געדויערט נאָר עטלעכע מינוט. די אַכט אומגליקלעכע וועלכע זענען געווען מיניסטאָרן אָדער גרויסע לייט, זענען איצט געלעגן געבונדן, ווי די שעפּסן אין שיפל.

„דו געהערסט איצט צו זיין מאַיעסטעט, דעם מלך דשינגאָ מוואַמבאַ“, — האָט דער שיפקאַפּיטאַן געזאָגט צו מיר קורץ און שאַרף.

מלך דשינגאָ האָט מיר אַ ווונק געטאָן, איך זאָל צוגיין צו אים. ער און דער שיפקאַפּיטאַן זענען געווען זייער צופרידן, וואָס איך בין געבליבן רויק. זיי האָבן גערעכנט, אַז איך וועל שרייען, וויינען און מאַכן אַ ליאַרם. איך בין אָבער צוגעגאַנגען גאַנץ רויק צום מלך און האָב מיך געשטעלט פאַר אים, גלייך ווי איך וואַלט גע־וואַרט אויף זיינע באַפעלן.

דער מלך, דער שיפקאַפּיטאַן און איך זענען געגאַנגען אין „פּאַלאַץ“. דאָרט האָט דער מלך געעפנט אַ פלאַש ראָם און האָט מכבד געווען זיין פריינט, דעם שיפקאַפּיטאַן צום לעצטן מאָל. ער האָט מיר אויך געהייסן טרינקען. איך האָב מיך דערמאָנט, וואָס בען בראַס האָט מיר אָנגעזאָגט, און איך האָב געטרונקען.

די פלאַש איז געוואָרן ליידיק. דער שיפקאַפּיטאַן האָט זיך

צעזעגנט מיטן מלך און איז זיך אַוועקגעגאַנגען. אַזוי ווי דעם מלכס פּאַלאַץ איז געווען נאָר אַ געצעלט פון ברעטער, לייוונט און פעל פון חיות, האָב איך געקענט זען, ווי דער שיפקאַפּיטאַן איז צוגעקומען צום ברעג, ווי ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיין באָט און ווי ער איז צוגעפאָרן צו דער „ראַפינאַ".

איצט בין איך געווען גאַנץ אַליין און אַ שקלאַף ביי אַ שוואַרצן, ווילדן אַפריקאַנישן מושל! איך וואָלט געדאַרפט וויינען, שרייען און ליאַרמען, איך האָב עס אָבער נישט געטאָן. איך האָב אַפילו געוויזן, אַז איך בין פריילעך און האָב געטרונקען דעם ראָם, וועלכן זיין שוואַרצע מאַיעסטעט האָט מיר איצט אַליין דערלאַנגט מיט זיינע מאַיעסטעטישע הענט. נאָכמער, איך האָב געמאַכט אַ מינע, אַז איך וויל נאָך ראָם און האָב עס געזאָגט דעם מלך. ער איז געווען אַזוי פריינטלעך, אַז ער איז באַלד אַליין אַריינגעלאָפן אין אַ קעמערל, וווּ ער האָט געהאַלטן זיין ראָם, און האָט מיר געבראַכט צוויי פלעשער מיטאַמאָל. זיין מאַיעסטעט, מלך דשינגאָ איז געווען צופרידן מיט מיר.

דער מלך איז געווען זייער פריינטלעך קעגן מיר. דאָס האָט מיך אָבער זייער ווייניק געפרייט. איך האָב אויף קיין פאַל נישט געקענט פאַרשטיין, צו וואָס ער האָט מיך געקויפט.

וואָס וויל ער מאַכן פון מיר? האָב איך מיך געפרעגט. וויל ער מיך מאַכן פאַר זיין ערשטן מיניסטער? וויל ער מיך חתונה מאַכן מיט איינע פון זיינע שוואַרצע טעכטער און מאַכן פון מיר אַ פרינץ, אפשר גאָר אַ קרוינפרינץ? אָדער אפשר וויל ער גאָר מאַכן פון מיר אַ שקלאַף? אפשר וויל ער, אַז איך זאָל אים באַדינען, ווען ער וועט עסן? — אפשר איז עס גאָר ביי אים אַ כבוד, אַז אַ ווייסער מענטש זאָל אים באַדינען?

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ווען איך וועל זיך נאָר באַמיען אים צו געפעלן, וועל איך לעבן ביי אים גאַנץ רויק און צופרידן

און עס איז זייער מעגלעך, אז מיט דער צייט וואָלט איך געזעסן אויפן טראָן פון מלך דשינגאָ מוואמבא. אזעלכע פאַלן זענען פאָר־געקומען אין אפריקע און אין אמעריקע. עס האָט זיך געמאַכט, אַז אַ ווייסער מענטש איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ ווילדער געגנט אין אפריקע און איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ ווילדן מושל. ער האָט עפּעס געוויזן דעם מושל אָדער ער איז אים אַזוי געפעלן געוואָרן און ער האָט אים געהאַלטן ביי זיך. דאַן איז דער מלך געשטאָרבן און דער ווייסער מענטש איז געבליבן דער הערשער אין לאַנד.

אזעלכע פאַלן זענען פאָרגעקומען אין אינדיע. די מלכה פון אאוד האָט חתונה געהאַט מיט אַן ענגלישן אָפיציר און האָט אים געמאַכט פאַרן מלך פון לאַנד אאוד.

איך האָב געהאַט די בעסטע האָפענונג צו ווערן מיט דער צייט אַ מושל. ליידער, האָט מיך פון דשינגאָ אַזוי געעקלט, אַז עס פלעגט מיר ווערן נישט גוט, ווען איך פלעג שטיין אָדער זיצן לעבן אים. איך האָב נישט געקענט ליידן זיין ווילדקייט און זיין גראָבקייט. ווען איך בין געשטאַנען לעבן אים, האָט זיך מיר אויס־געוויזן, אַז ער וויל מיך אויפעסן.

איך ווייס נישט, וואָס עס וואָלט געוואָרן פון מיר, ווען איך זאָל געוועזן אַריינפאַלן אין זיינע הענט און בען בראַס זאָל נישט געוועזן אָפּרעדן מיט מיר, אַז איך זאָל אַנטלויפן. איך ווייס נאָר, אַז אין דער צייט, וואָס איך האָב געטרונקען מיט אים, בין איך געזעסן, ווי אויף הייסע קוילן.

קוים פלעגט זיך דשינגאָ אַ ביסל פאַרטראַכטן אָדער אָפּ־טרעטן אַ ווײַלע, פלעג איך אַ קוק טאָן דורך אַ שפּאַלט פון זיין געצעלט אויף דער „ראַפּינאַ". איך האָב געזען, ווי מען ציט אַרויף די שיפלעך, ווי מען באַפעסטיקט זיי, ווי די מאַטראָזן לויפן אַרום און מאַכן צערעכט די זעגלען. איך האָב געזען, ווי מען ציט אַרויף

דעם שווערן אַנקער. ענדלעך האָב איך געזען, ווי די „ראַפּינאַ" הייבט זיך אָן צו ר'רן.

עס האָט מיר פּאַרקלעמט ביים האַרצן, אַז איך וואָלט אָנ־געהייבן צו וויינען, ווען איך זאָל מיך נישט געווען דערמאַנען אָן די ווערטער, וועלכע בען בראַס האָט מיר געזאָגט, ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט מיר. איך האָב איבערגעטראַכט אַלע מעגלעכע פּלענער, ווי צו אַנטלויפן. איך האָב גערעכנט, איך זאָל אַנטלויפן צום ענגלישן קאָנסול, וועלכער האָט געוווינט צוואַנציק - דרייסיק מייל ווייט פון דעם אָרט, ווו דשינגאַ האָט אויפגעשלאָגן זיין לאַגער.

איך האָב אַפילו געוווּסט, אַז דערדאָזיקער ענגלישער קאָנסול איז דשינגאַס בעסטער פריינט. זיי האָבן צוזאַמען געהאַנדלט מיט שקלאַפן. ער איז אָבער דאָך אַן ענגלענדער, א ציוויליזירטער מענטש. אַלזוי וועט ער דאָך מיטלייד האָבן מיט מיר

ענדלעך האָב איך געטראַכט, איך זאָל אַנטלויפן צום ברעג, ים, און זאָל דאָרט וואַרטן, ביז עס וועט אָנקומען א שיף. קורץ איך האָב מיך אַנטשלאָסן צו אַנטלויפן. וועל איך קענען אָניאָגן די „ראַפּינאַ", איז געוויס גוט. דאָרט האָב איך דאָך מיין פריינט און באַשיצער, בען בראַסן. וועט דאָס אָבער זיין אומעגלעך, דאַן מוז איך אַנטלויפן צום ענגלישן קאָנסול אָדער צום ברעג פונם אַטלאַנטישן ים.

דערווייל האָט מלך דשינגאַ געוואָלט מיך צוציען צו זיך. ער האָט מיך געגלעט, האָט מיך געהייסן טרינקען, האָט עפּעס גע־רעדט צו מיר. איך האָב אָבער נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס ער האָט גערעדט צו מיר. ער האָט געקענט נאָר עטלעכע ענגלישע ווערטער, ווי ראָם, פּולווער און פרעזענטן. אויסערדעם, איז ער געווען אַזוי שיכּור, אַז זיינע אייגענע אונטערטאַנער וואָלטן אים נישט פאַרשטאַנען.

איך בין געווען זייער צופרידן, וואָס זיין מאַיעסטעט אי־

געווען אַזוי טויט־שיכור און איך האָב אים אַלעמאָל דערלאַנגט די פלאַש ראָם. איך האָב געמאַכט אַ מינע, אַז איך טרינק, כדי ער זאָל אויך טרינקען. און ער האָט געטרונקען. זיין קאָפּ איז געוואָרן אַלעמאָל שווערער, זיין צונג האָט זיך קוים גערירט און זיינע אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט.

ער איז אַנידערגעפאַלן אויף אַ הויפן פעל, וואָס איז געלעגן אין אַ ווינקעלע אין זיין געצעלט, און איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. אייניקע מינוט שפּעטער האָט ער געכראָפּעט ווי אַן אָקס.

איך האָב געטאַנצט פאַר פרייד. איך בין געווען אַליין מיט אים אין געצעלט. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען, איך זאָל נעמען מיין מעסער און זאָל אים איבערשניידן דעם גאָרגל. ווען איך האָב אָבער גענומען דאָס מעסער אין דער האַנט, האָב איך מיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין. עס איז נישט לייכט צו טויטן אַ מענטשן. מען מוז האָבן געניג מוט צוצוגיין צו אַ לעבעדיקן מענטשן און אים צעשניידן דעם האַלדז.

איך האָב באַלד אריינגעשטעקט דאָס מעסער צוריק אין גאַרטל און בין צוגעלאָפן צום אַריינגאַנג אין פּאַלאַץ. איך קען עס נישט רופן טיר, ווייל עס איז געווען נאָר אַ פעל, וועלכעס האָט פאַרשטעלט די עפענונג אין געצעלט. איך האָב אַ קוק געטאָן אין דרויסן און האָב דערזען, ווי די „ראַפינאַ" שווימט לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק אַראָפּ וואַסער. דער שיפקאַפּיטאַן האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט געוואָלט אַרויספאָרן אין ים ערשט נאָך האַלבע נאַכט, ווען אַלע וועלן שלאָפן אויף דעם ענגלישן קרייצער.

איך בין אַרויסגעגאַנגען פון געצעלט און האָב מיך אומגעקוקט. עס איז קיינער נישט געווען. דעם מלכס נייע מיניסטאָרן, גענעראַלן און הויף־דינער זענען געשטאַנען ביים ברעג טייך און

האָבן געקוקט, ווי די „ראַפּינאַ" שווימט זיך לאַנגזאַם אויפן וואַסער. אייניקע האָבן עפּעס געשריען צו די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ" און די מאַטראָזן האָבן זיי געענטפערט.

איך האָב מיך אַפילו געוווּנדערט, וואָס זיין שוואַרצע מאַיעסטעט האָט נישט אָוועקגעשטעלט קיין שמירה אַרום זיין פּאַלאַץ. איך בין אָבער דערמיט געווען זייער צופרידן.

איך בין געשטאַנען אייניקע מינוט און האָב זיך איבערגעלייגט וואָס צו טאָן. באַלד איז מיר איינגעפאַלן, אַז איצט איז די בעסטע צייט צו אַנטלויפן. זיין מאַיעסטעט איז געשלאָפן געשמאַק. זיינע דינער און מיניסטאָרן זענען געשטאַנען ביים טייך.

„איך מוז ריזיקירן! איך מוז אַנטלויפן!" — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין.

איך בין שטילערהייט אַריינגעגאַנגען אין ווילדן וואַלד און האָב מיך באַהאַלטן צווישן די ביימער. דאַן האָב איך אָנגעהייבן צו קריכן שטילערהייט אין דער זייט, ווו די „ראַפּינאַ" איז אַוועקגעפאָרן. איך בין געווען זיכער, אַז בען בראַס וואַרט אויף מיר. איך האָב געוווּסט, אַז ער וועט האַלטן וואָרט

אייניקע צייט בין איך געגאַנגען אין וואַלד און האָב מיך אַלץ דערווייטערט פונם לאַגער. דאַן האָב איך מיך אויסגעדרייט און בין געגאַנגען צום ברעג טייך.

עס איז שוין געווען גענוג פינסטער, ווען איך בין צוגעקומען צום טייך. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן וואַסער און האָב געזען, אַז די „ראַפּינאַ" איז אַוועקגעפאָרן גאַנץ ווייט. ווי לאַנגזאַם זי איז געגאַנגען, איז זי דאָך געגאַנגען אַראָפּ וואַסער און איך האָב געמוזט אָנווענדן אַלע מיינע כוחות, איך זאָל זי אָניאָגן. איך האָב געמוזט לויפן.

וואָלט געווען אַן אויסגעטראָטענער וועג ביים ברעג פונם טייך, וואָלט איך זייער לייכט געקענט זי אָניאָגן. די ברעגעס פונם

טייך זענען אָבער געווען פאַרוואַקסן מיט ביימער און מיט דערנער.
איך האָב געמוזט מיר דורכשניידן אַ וועג. עס איז געווען אַ פּיינלעכע
און שווערע אַרבייט. פון לויפן האָט קיין רייד נישט געקענט זיין.
איך האָב גאָר געוואָלט האַסטיק גיין. דאָס וואָלט אויך גענוג
עווען פאַר מיר.

צום גליק פאַר מיר, איז די נאַכט געווען אַ העלע, די לבנה
האָט געשיינט קלאָר און העל. מיליאָנען שטערן האָבן געלויכטן
און געפינקלט אויפן הימל. איך האָב געזען די „ראַפּינאַ". איך בין
געווען זיכער, אַז בען בראַס וואַרט אויף מיר און איך בין געלאָפן
ווי ווייט איך האָב געקענט, דאָס הייסט, ווי ווייט די ביימער און
די דערנער האָבן עס מיר דערלויבט.

זייער אָפט האָב איך געמוזט בלייבן שטיין. איך האָב דער
זען ווילדע געשטאַלטן ביים וואַסער. דאָס זענען געווען ווילדע
חיות, וועלכע זענען געקומען טרינקען. איך האָב אָבער קיין צייט נישט
געהאַט זיי צו באַטראַכטן. איך בין געווען צופרידן, וואָס זיי האָבן
מיך געלאָזט צורו.

ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, האָבן זיך אין אָט
דער געגנט געפונען בלויז שטילע חיות, ווי אַנטילאָפּן און היפּאָ-
טאַמען, אַ גרויסע און שווערע חיה, וועלכע נערט זיך אָבער באַר
מון גראָז. בלוטדורשטיקע חיות זענען אין אָט דער געגנט נישט
געווען. אַלנפאַלס האָב איך געמוזט גיין זייער פאָרזיכטיק. איך האָב
אָבער געמוזט גיין און איך בין געגאַנגען. איך בין געלאָפן ווי
ווייט איך האָב געקענט.

איך בין געלאָפן און אויף מיין שטערן זענען אַרויסגעטרעטן
גרויסע טראָפּן שווייס. די שטעכעדיקע דערנער האָבן געריסן מיין
לייב, איך האָב עס נישט געהערט. איך בין ווייטער געלאָפן, ווי
נאָר געגאַנגען, מיך ווייטער געריסן.

ענדלעך איז עס מיר געלונגען. איך האָב דערגרייכט די

„ראפינאַ"! איך בין געשטאַנען קעגן איר. ווי אַזוי קומט מען אָבער צו צו איר? זי איז געשווומען אין דער מיט פונם טייך. איך האָב אַלזאָ געמוזט מיך אַרייַנוואַרפן אין וואַסער און צושווי-מען צו איר.

איך האָב אייך שוין דערציילט, אַז איך בין אַן אויסגעצייכנ-טער שווימער. עס איז ביי מיר געווען אַ קלייניקייט צוצושווימען אַזאַ קליינע שטרעקע, ווי דער טייך, אין וועלכן די „ראַפּינאַ" איז איצט געשווומען. איך בין געווען זיכער, אַז בען בראַס וואַרט אויף מיר. אַן אַנדער געדאַנק אָבער האָט מיך אויפגעהאַלטן. איך האָב מורא געהאַט פאַר די קראָקאָדילן. איך האָב מיך דערמאָנט אָן דעם אומגליקלעכן שפּאַניער. עס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט די שרעקלעכע סצענע, ווען דער קראָקאָדיל האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די פּלייצעס און האָט אים אַראָפּגעשלעפּט אונטערן וואַסער.

„איך אַנטלויף פון דשינגאָן, כדי אַרייַנצופאַלן אין די שאַרפע ציינער פון אַ קראָקאָדיל!" — האָב איך אויסגערופן.

עס איז אָבער קיין צייט נישט געווען פיל צו רעדן און צו טראַכטן. איך האָב געמוזט באַשליסן אַרייַנצושפּרינגען אין וואַסער אָדער ווייטער צו לויפן אין ווילדן וואַלד. לאַנג טראַכטן און זיך איבערלייגן האָב איך נישט געקענט. די „ראַפּינאַ" איז נישט גע-שטאַנען אויף איין אָרט. בלייבן אין וואַלד האָב איך אויך מורא געהאַט דשינגאָ מיט זיינע מענטשן קענען זיך נאָכיאָגן נאָך מיר און מיך כאַפּן.

איך בין אַרייַנגעשפּרונגען אין וואַסער און האָב אָנגעהייבן צו שווימען.

פּלוצלונג האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַ קלאָץ אָדער אַ שטיק האָלץ שווימט נישט ווייט פון מיר. אָנפאַנגס האָב איך מיך דערפרייט: אויף אַ קלאָץ איז לייכטער צו שווימען, מען קען זיך אָפּרוען און מען קען זיך אויף אים ראַטעווען אין אַ נויט. איך

האָב פֿראָבירט צוצושווימען נענטער צום קלאָץ. קוים בין איך אָבער צוגעשווומען אויף אַ צען שריט פֿון אים, האָט זיך דער קלאָץ אָנגעהייבן צו רירן און האָט אַ פּאַטש געטאָן אויפֿן וואַסער מיט זיין בּרייטן און שטאַרקן עק.

איך בין אָפּגעשפּרונגען פֿון אים מיט שרעק. דאָס איז געווען אַ קראָקאָדיל! מיינע האָר האָבן זיך אויפֿגעהייבן אויף מיין קאָפּ, ווי שפּיזלעך. מיין בלוט איז מיר פֿאַרקילט געוואָרן אין די אָדערן. איך בין איצט געשווומען מיט אַלע כּוחות. איך בין געלאָפֿן, איך בין אַנטלאָפֿן.

דער קראָקאָדיל האָט זיך אָנפֿאַנגס אויך דערשראָקן פֿאַר מיר. ער האָט זיך נישט געריכט אויף דעם, אַז אַזאַ געשמאַקער פֿרישטיק זאָל אים אַזוי לייכט אַריינפֿאַלן אין מויל. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ יאַגד: אַ קראָקאָדיל האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַ מענטשן!

איך בין געשווומען מיט אַלע מיינע קרעפֿטן. איך בין געווען אַ גוטער שווימער און די געפֿאַר האָט מיר צוגעגעבן ריזן־כּוחות. וואָס האָט עס אָבער געהאָלפֿן? דער קראָקאָדיל איז געווען פֿליגקער פֿון מיר. ער האָט מיך באַלד אָנגעיאָגט.

דער קראָקאָדיל גערט זיך געוויינלעך פֿון פֿיש. ער האָט אָבער נישט שטאַרק ליב קיין קאַלטע שפּייזן. ער האָט ליב אַ מענטשן אָדער אַ חיה מיט וואַרעמען בלוט. ער לייגט זיך אַנידער ביים ברעג, האַלט אָפֿן דאָס מויל און וואַרט, ביז עס קומט צו צום וואַסער אַ חיה טרינקען. דאַן כאַפּט ער עס אָן ביים פֿוס און שלעפּט עס אַריין אין וואַסער. געפֿערלעך ווערט דער קראָקאָדיל, ווען ער פֿאַרזוכט אַ מאָל מענטשנפֿלייש. דאַן זוכט ער צו כאַפּן נאָר מענטשן. דאָס מענטשנפֿלייש געפֿעלט אים אַזוי, אַז ער וויל שוין קיין אַנדערע זאַך נישט עסן. ער זוכט דעמאָלט אויס די ערטער, וווּ מענטשן קומען זיך באָדן אָדער שעפּן וואַסער, לייגט זיך אַנידער

ביים ברעג און כאַפּט זיי. עס מאַכט זיך זייער אָפּט, אַז אַ נעגערס אַ ווייב גייט אָנשעפּן וואַסער. דער קראָקאָדיל כאַפּט זי אָן ביי די הענט און שלעפּט זי אַריין אין וואַסער.

די נעגער מאַכן דעריבער אַ סאָרט צוים, אַ פּאַרקאַן אין וואַסער. זיי שלאָגן אַריין פּלעקער אין וואַסער, אין אַ געוויסן אָרט־ אין א האַלבן קרייז, און זייערע פרויען און קינדער גייען שעפּן וואַסער אָדער זיך באָדן נאָר אונטערן שוץ פון פּאַרקאַן.

דער קראָקאָדיל איז זייער שטאַרק. ער כאַפּט אַ מאָל אָן אַ לייב ביי אַ פוס און שלעפּט אים אַריין אין וואַסער. ווער עס האָט אַמאָל געזען א קראָקאָדיל, דער האָט געוויס באַמערקט, אַז ער האָט א זייער גרויס מויל, וואָס פאַרנעמט כמעט די העלפט פון זיין קערפּער. דאָס מויל האָט צוויי רייען שפּיציקע ציין. ווען דער קראָקאָדיל כאַפּט עפּעס אַריין אין מויל, איז עס אוממעגלעך ביי אים אַרויסצורייסן. זיין מויל פאַרמאַכט זיך אַזוי פעסט, ווי אַ מאַשין.

יך האָב דאָס אַלץ געוווסט. בען בראַס האָט מיר דערציילט פיל מעשיות פון קראָקאָדילן. ווען איך האָב געזען, ווי אַ קראָקאָ־ דיל האָט צעריסן דעם שפּאַניער, האָב איך מיך זייער אינטערעסירט צו וויסן אַלץ איבער דערדאָזיקער חיה, וואָס לעבט אין וואַסער און אויף דער יבשה. אַזאַ חיה רופן די געלערנטע א מ פ י ב י ע.

מיין ציל איז געווען די „ראַפּינאַ”. איך בין שוין געווען גאָרנישט ווייט פון איר. דער קראָקאָדיל אָבער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזן. מיין איינציקע רעטונג איז געווען זיך אויסצודרייען פון אים. דער קראָקאָדיל קען נישט אויסדרייען דעם קאָפּ. ער מוז זיך אינגאַנצן אויסדרייען. ער שווימט גלייך. איך האָב אַלזוי געמוזט זען, ווהין ער שווימט און וואַרפן זיך אָן אַ זייט.

בען בראַס האָט געהאַלטן וואָרט. ער איז געשטאַנען אויפן שיף און האָט געזען וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט מיר אין וואַ־

סער. ער האָט געהאַלטן אַ שטריק אין די הענט און איז געווען גרייט מיר צוצוואַרפן דעם שטריק, ווען איך וועל זיין גענוג נאָענט צו דער שיף. ער האָט זייער גוט געזען די געפאַר, אין וועלכער איך האָב מיך געפונען. ער האָט מיר אָבער נישט געקענט העלפן. ער האָט מורא געהאַט צו שרייען און צו בעטן הילף ביי זיינע חברים. ער האָט זייער גוט געוווּסט, אַז קוים מאַכט ער אַ געוואַלט, וועט מען מיך צוריקשיקן צום מלך דשינגאַ. ווען מיר וועלן שוין זיין ווייט פון אַפריקע און דער שיפקאַפיטאַן וועט געוואָר ווערן, אַז איך געפין מיך אויף זיין שיף, וועט עס אים נישט אַרן. איצט אָבער זענען מיך נאָך צו נאָענט פון ברעג.

איך האָב אויפגעהייבן דעם קאָפּ איבערן וואַסער און האָב דערזען פאַר מיר דאָס גרויסע, רויטע מויל פונם קראָקאָדיל. נאָך אַ מינוט און ער וואָלט מיך געווען אָנגעכאַפּט מיט זיינע שאַרפע ציינער. עס איז מיר אָבער נישט באַשערט געווען אַזוי גיך צו שטאַרבן.

„אַהער, בילי!" — האָט ענדלעך בען בראַס אַ געשריי געטאָן.

דער קראָקאָדיל האָט זיך דערשראָקן אויף אַ מינוט, ווען ער האָט דערהערט די שטימע פון אַ מענטשן. איך האָב באַקומען פרישן מוט און בין צוגעשווומען נענטער צום שיף. — פלוצלונג האָב איך דערהערט — פליוך! און איינער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ.

דאָס איז געווען בען בראַס. ער האָט צוגעבונדן איין עק שטריק צום שיף און מיט דעם אַנדערן עק האָט ער זיך אַרומגע-בונדן אַרום לייב. דאַן האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און האָט מיך אָנגעכאַפּט.

„שנעל, בילי! לאָמיר קלעטערן אויפן שטריק!" — האָט ער

אויסגערופן. — „די דאַרפסט דאַנקען דעם פראַנצויזלע-גראַ, וואָס האָט דיך דעמאָלט אויסגעלערנט צו קלעטערן אויפן זעגלבוים".

מיר האָבן זיך אויפגעהייבן קוים דריי פוס פונם וואַסער, ווען דער קראָקאָדיל איז צוגעקומען צום שיף, האָט אויפגעעפנט זיין גרויסן מויל און האָט אונדז געוואָלט אָנכאַפּן. ווען ער האָט געזען, אַז ער קען אונדז נישט דערגרייכן, האָט ער אויף אונדז געוואָרפן אַזאַ שרעקלעכן בליק, אַז איך האָב אַ ציטער געטאָן. ווער עס האָט נישט געזען קיין גערייצטן קראָקאָדיל, דער קען גאָר קיין באַגריף נישט האָבן, וואָס פאַר אַ בייזע אויגן די דאָזיקע ווילדע חיה האָט.

מיר האָבן באַלד אַרויפגעקלעטערט אויפן שיף און בען בראַס האָט מיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע און האָט מיר באַלד געבראַכט טרוקענע קליידער.

איך בין געווען זיכער, אַז אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט געוווסט, אַז איך בין ווידער דאָ אויף דער „ראַפּינאַ. פיל מאַטראָזן האָבן געוויס געזען, ווי דער קראָקאָדיל האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך מיר. פיל האָבן געוויס געהערט דעם קלאַפּ, ווען בען בראַס האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער. עס האָט אים אָבער נישט געאַרט. ער איז אַפילו געווען צופרידן, וואָס ער האָט אָפּגענאַרט דשינגאָן.

איך האָב מיך דאַן איבערצייגט, אַז פיל מאַטראָזן זענען געווען אומצופרידן, וואָס דער שיפקאַפּיטאַן האָט מיך פאַרקויפט. ווי שלעכט, פאַרדאָרבן און פאַרגרעבט זיי זענען געווען, האָט זיי דאָך נישט געשמעקט, וואָס אַ ווייסער מענטש האָט פאַרקויפט אַן אנדער ווייסן מענטשן צו אַ נעגער פאַר אַ שקלאַף.

די נאַכט בין איך איבערגעלעגן באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע. דעם אַנדערן טאָג האָב איך מיך אַרויסגעוויזן און קיינער האָט מיר נישט געזאָגט קיין וואָרט. קיינער האָט מיך נישט געפרעגט, ווי

אזוי איך בין צוריקגעקומען אויף דער „ראַפּינאַ“. יעדער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

עס איז זייער מעגלעך, אַז ווען מלך דשינגאָ זאָל געווען נאָכשיקן אַ באָט און זאָל געוועון פאָדערן פונם שיפקאַפּיטאַן, אַז ער זאָל מיך אַרויסגעבן, וואָלט דאָס דער שיפקאַפּיטאַן געטאָן. מלך דשינגאָ איז אָבער געשלאָפן געשמאַק, און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער געהייסן מיך זוכן ערגעץ אַנדערש.

איך האָב די גאַנצע נאַכט געציטערט, אַז מען זאָל אונדז נישט נאָכיאָגן. עס איז אָבער נישט געשען, און אַ נייע סצענע האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, וועלכע האָט געמאַכט, אַז איך זאָל פאַרגעסן אָן די אַלטע ליידן.

די „ראַפּינאַ“ איז געשווומען לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק. זי האָט! דאָך געוווסט, אַז דער ענגלישער קרייצער שטייט פאַראַנקערט גאָרנישט ווייט. אַ זייגער דריי פאַרטאָג איז די לבנה אונטערגעגאַנגען. עס איז געווען טונקל. אָט די מינוט האָט געוואָלט אויסנוצן דער שיפקאַפּיטאַן אַרויסצופאָרן פון טייך אין דעם פרייען אָפענעם וועלט־ים, און דאָס איז אים אויך געלונגען.

ווען די „ראַפּינאַ“ איז צוגעקומען צו דעם אָרט, ווו דער טייך גיסט זיך אַריין אין ים, האָבן מיר דערזען דעם ענגלישן קרייצער ליגן גאַנץ שטיל אין דער רעכטער זייט פונם טייך. מיר האָבן געזען די שיף גאַנץ דייטלעך. מיר האָבן געזען זיינע זעגלביימער. מיר האָבן געזען די ליכט פון זיינע לאַמטערנעס: פון איין זייט האָט געברענט אַ רויטע לאַמטערנע און פון דער אַנדערער זייט אַ גרינע.

י שמירה אויף דעם ענגלישן קרייצער האָט אונדז נישט באַמערקט, אָדער האט זיך געמאַכט, אַז זי באַמערקט אונדז נישט, ביז די „ראַפּינאַ“ איז אַרויסגעפאָרן אין ים. די מאַטראָזן פון דער

„ראַפּינאַ" האָבן זיך שוין געפּרייט, אַז עס איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן.

פלוצלונג האָבן מיר דערהערט פויקן און פייפן אויפן ענגלישן קרייצער. מען האָט דאָרט אָנגעצונדן די לאַמטערנעס. פון דעם קוימען האָט אָנגעהייבן אַרויסצוגיין אַ דיקער, שוואַרצער רויך. אויפן דעק האָבן אָנגעהייבן אַרומצולויפן מענטשן און די מאַטראָזן האָבן גענומען קריכן אויף די זעגלביימער.

אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט זייער גוט געוווּסט, וואָס מען מיינט דערמיט. ער האָט זייער גוט געוווּסט, אַז דער קרייצער מאַכט זיך גרייט אונדז נאָכצויאָגן און ער האָט אָנגעהייבן צו פירן די „ראַפּינאַ". וואָלט די „ראַפּינאַ" געווען מיט אַ פּאָר מייל ווייטער, וואָלט דער קאַפּיטאַן שוין געוווּסט, ווי אַזוי צו אַנטלויפן. מיר זענען אָבער געווען נאָך צו נאָענט צום ברעג. ווען דער ענגלענדער וואָלט אויסגעשטעלט זיינע האַרמאַטן קעגן אונדז און וואָלט אויסגעשאָסן מיט זיי, וואָלט ער געוויס געווען געטראָפן אין בויך פון דער „ראַפּינאַ" און מיר וואָלטן אַלע דערטרונקען געוואָרן.

דאָס האָט אָבער נישט געוואָלט דער שיפקאַפּיטאַן פון דער ענגלישער קריגסשיף. ער האָט געוואָלט אונדז פאַנגען לעבעדיקערהייט. עס איז זייער מעגלעך, אַז ער האָט געוואָלט זיך באַרימען אין לאָנדאָן, אַז ער האָט געפאַנגען אַזאַ גרויסע שיף. ער האָט זייער געוואָלט זיך נאָכיאָגן נאָך אונדז און כאַפּן די „ראַפּינאַ" ווי זי שטייט און גייט.

„ער האָט דאָך נישט אַרויפגעצויגן דעם אַנקער, — ער האָט אים אָפּגעשניטן!" — האָט דער ערשטער אָפיציר פון דער „ראַפּינאַ" אויסגערופן. — ער אײַלט זיך. ער וויל אונדז כאַפּן!"

איך האָב געזען, ווי ער איז אַרויפגעלאָפן אויפן בריקל און האָט עפּעס אָנגעהייבן צו רעדן מיטן שיפקאַפּיטאַן. זיי האָבן זיך באַראַטן וואָס צו טאָן אין אַזאַ פאַל.

אזוי ווי איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין אַרבעט און אַלע זענען געווען שטאַרק באַשעפטיקט, האָב איך זיך געקענט צוקוקן און זיך צוהערן צו אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אויף אונדזער שיף און אויף דעם ענגלישן קרייצער. איך האָב געזען, ווי דער ענגלענדער דרייט זיך אויס און גייט אויף אונדז.

צו מיין גרעסטן פחד האָב איך דערזען, אַז אונדזער שיפֿ־קאַפּיטאַן האָט אויסגעדרייט די „ראַפּינאַ" און האָט זי געפירט גלייך אויף דעם ענגלענדער. דאָס האָב איך בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין. נישט נאָר איך האָב עס נישט פאַרשטאַנען, נאָר אפילו די בעסטע מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ" האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס אונדזער שיפקאַפּיטאַן טוט און צו וואָס ער פאָרט גראַדע צו זיין ערגסטן פיינט, וועלכער איז שטאַרקער פון אים.

באַלד אָבער האָבן מיר דערזען, וואָס פאַר אַ קונצשטיק אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט אויפגעטאָן. ווען דער ענגלענדער האָט דערזען, אַז די „ראַפּינאַ" דרייט זיך אויס און גייט גלייך אויף אים, האָט ער זיך באַלד אויסגעדרייט און האָט געלאָזן די „ראַ־פּינאַ" פאָרן, וווהין זי האָט געוואָלט. ער איז דאָך שוין געווען זיכער, אַז ער האָט זי שוין אין די הענט. אויב ער שיסט נאָר אויס מיט די צוויי גרויסע האַרמאַטן, וועלכע זענען געשטאַנען ביי אים אין פראָנט, וואָלט ער געקענט דורכלעכערן די „ראַפּינאַ" און מאַכן, אַז זי זאָל אונטערגיין. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט זי שוין.

די „ראַפּינאַ" איז דערווייל געפאָרן צוריק, גלייך ווי זי האָט געוואָלט אַריינגיין צוריק אין טייך, פון וואַנען זי איז נאָר וואָס אַרויסגעקומען.

איך האָב שוין פריער דערציילט, אַז נישט ווייט פון דעם אָרט, וווּ דער טייך איז אַריינגעפאַלן אין ים, האָט זיך געפונען אַ קליינע אינדזל, וועלכע איז געווען באַוואַקסן מיט אַ געדיכטן

ןאַלד. פון דערווייטנס האָט מען געקענט מיינען, אַז דאָס איי דער ברעג פון אַ גרויסער יבשה, ווייל צווישן דער אינדזל און דער יבשה איז געווען נאָר אַ גאַנץ שמאָלער קאַנאַל. דאָס איז געווען דאָס קונצשטיק פון אונדזער שיפקאַפּיטאַן. אָנשטאָט אַריינ־צופאָרן אין טייך, איז ער אַריינגעפאָרן אין דעם שמאָלן קאַנאַל.

דער ענגלענדער האָט עס דערזען און איז אים נאָכגעלאָפן. ביים אַריינגיין אין קאַנאַל האָבן זיך אָבער געפונען צוויי שטיינער אונטער וואַסער. אין דער צייט פון צופלוס, ווען דאָס וואַסער קומט צו די ברעגעס, זענען די שטיינער באַדעקט מיט כוואַליעס. אין דער צייט אָבער פון אָפּפלוס, ווען דער ים גייט אַוועק פון די ברעגעס, האָט מען אַרויסגעזען דידאָזיקע צוויי שטיינער.

יעדער, ווער עס וווינט ביים ים ווייס, אַז אַלע זעקס שעה קומט צו דער ים צו זיינע ברעגעס און פאַרדעקט זיי. אָט די צייט הייסט צופלוס. נאָכדעם ציט זיך דער ים צוריק און די ברעגעס בלייבן ליידיק. אָט די צייט הייסט אָפּפלוס.

אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט געוווסט, אַז צווישן די צוויי גרויסע שטיינער געפינט זיך א גאַנץ שמאָלער וועג. אַ שיף קען דורכגיין צווישן די שטיינער, ווען מען קען דעם וועג און מע פאָרט פאָרזיכטיק; קוים אָבער איז מען נישט פאָרזיכטיק, קען די שיף אַרויף אויף איינעם פון די שטיינער, און די שיף איז קאַפּוט. ער האָט אַלזאָ פאַרנאַרט דעם ענגלישן קרייצער, פאַרפירט אים אויפן ריף.

דער ענגלענדער האָט צו שפּעט דערזען, ווי דער שיפקאַפּיטאַן פון דער „ראַפינאַ" האָט אים פאַרפירט און פאַרנאַרט. ער איז בייז געוואָרן און האָט געהייסן שיסן אויף אונדז, אָבער צו שפּעט. ער האָט זיך נישט געקענט רירן. די „ראַפינאַ" אָבער איז אַרויסגעלאָפן און האָט זיך אויסגעהיט פון זיינע קוילן. נאָר איין מאָל האָט אַ קויל געטראָפן אין זעגלבוים און האָט אָפּגעריסן א פּאָר רייען־

דערווייל איז געוואָרן טאָג. די זון איז אויפגעגאַנגען און האָט באַלויכטן די שיינע געגנט. אונדזער שיפקאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר האָבן גוט געזען, אַז דער ענגלענדער זיצט פעסט אויפן ריף און האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פאר געלעכטער.

באַלד איז אָנגעקומען דער אַפּפלוס און יעדער פון אונז האָט געקענט זען, ווי דער ענגלישער קרייצער שטייט אָנגעבויגן אויף א זייט. איצט האָט אונדזער שיפקאַפּיטאַן זיך ווידער געשטעלט ביים רעדל און האָט אָנגעהייבן אַרויסצופירן די „ראַפּינאַ" פון דער אַנדערער זייט קאַנאַל. דאָס האָט פארנומען פיל צייט און האָט געקאָסט זייער פיל מי. אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט זיך געשפּילט מיט א מעסער, וועלכער איז געווען שאַרף פון ביידע זייטן. די „ראַפּינאַ" האָט אויך געקענט אַרויפפאָרן אויף אַ ריף.

אַזוי האָט זיך געצויגן די צייט. איך בין געשטאַנען אויפן דעק און האָב באַטראַכט דידאָזיקע סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר אונדזערע אויגן. פלוצלונג האָט זיך געעפנט די טיר פון א גאַנץ קליינער קאַיוטע און א מיידל פון א יאָר דרייצן־פערצן איז אַרויסגעקומען. זי איז געווען גאַנץ שיין אָנגעטאָן און האָט אויסגעזען צו זיין אַ קינד פון רייכע עלטערן.

איך בין געבליבן שטיין, ווי פארשטיינערט. איך האָב געוווּסט אַז אויסער די נעגער־פרויען, אונטן, אין די שטאַלן, געפינט זיך נישט קיין פרוי אויף דער „ראַפּינאַ". אויף אונדזער וועג קיין אַפּריקע בין איך אויסגעווען אין אַלע קאַמערן, אין אַלע קאַמערלעך און אין אַלע קאַיוטן פון דער „ראַפּינאַ" און האָב דאָרט קיין מיידל נישט געזען. פונוואַנען האָט זי זיך איצט גענומען? אויסערדעם, איז זי נאָך צו יונג, צו זיין דעם קאַפּיטאַנס פרוי אָדער זיין געליבטע. זי איז נאָך געווען אַ קינד.

„ווער איז פאָרט דאָס מיידל? ווי קומט זי אַהער? פאַרוואָס האָב איך זי פריער נישט געזען?" — האָב איך געטראַכט.

אָבער קיינער האָט מיר נישט געענטפערט אויף מ״נע פראַגן. אַלע מאַטראָזן זענען געווען באַשעפטיקט. דער שיפקאַפּיטאַן האָט נישט אויפגעהערט צו פייפן און צו רופן. עס איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט אַרויסצופירן די שיף פון קאַנאַל.

דאָס מיידל האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן. זי האָט געזען אַז אַלע זענען באַשעפטיקט און האָט אָנגעהייבן צו רופן איינעם אויף פּאָרטוגעזיש. באַלד איז אַרויסגעקומען דער נעגער, דער קיכער פון דער „ראַפּינאַ״. ער איז צוגעלאָפן צו איר, האָט זי עפּעס געפרעגט, האָט איר עפּעס געזאָגט און איז אַוועקגעלאָפן צוריק אין קיך.

דאָס מיידל איז נאָך געשטאַנען אייניקע מינוט אויפן דעק, דאַן איז זי צוריק אַריינגעגאַנגען אין איר קאַיוטע. איך האָב נאָך געזען, ווי דער נעגער האָט געטראָגן צו איר וואַסער, טעלער, לעפל, ברויט און אַנדערע עסנס.

דאָס האָט מיך נאָכמער פאַראינטערעסירט און איך האָב געוואָלט פרעגן ווער דאָס קינד איז. אין אָט דער מינוט אָבער האָט מען מיר געהייסן אַרויפקריכן אויף אַ זעגלבוים און עפּעס צורעכט מאַכן.

מיר האָבן אַוועקגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג זייער שווער. ערשט פאַרנאַכט איז עס אונדז געלונגען אַרויסצופּאָרן פון דעם שמאָלן קאַנאַל. אָבער אויך איצט האָבן מיר נישט געקענט זיך אָפּרוען. דער שיפקאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר האָבן אונדז נישט געלאָזט רוען. מיר האָבן געזען, אַז אויף דעם ענגלישן קרייצער שווייגט מען אויך נישט, אַלע מאַטראָזן און אַלע סאָלדאַטן האָבן געאַרבעט. מען האָט געזוכט אַראָפּצונעמען די שיף פונם שטיין.

מיר האָבן אַלזאָ געמוזט אַרבעטן מיט אַלע קרעפטן, צו אַנטלויפן פון דעם אַפריקאַנישן ברעג, וווּ עס געפינען זיך קריי־צער־שיפן, וועלכע יאָגן זיך נאָך שקלאַפנהענדלער. קיינער פון

אונדז איז נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט. ערשט אינדערפרי, ווען מיר האָבן זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און האָבן קיין שיף נישט געזען, האָט דער שיפּסקאַפּיטאַן אונדז דערלויבט זיך אָפּצורוען.

מען האָט אויסגעשטעלט וואַכן פאַר די שטאַלן, ווו די נעגערס האָבן זיך געפונען און וואַכן אויפן בריקל פון דער שיף מיט שפּאַקטיוועס אין די הענט, זיי זאָלן זען זענען פון דערווייטנס׳ צי עס קומט נישט אָן אַ קרייצער. די איבעריקע מאַטראָזן זענען געגאַנגען עסן און שלאָפן.

איך האָב עטלעכע מאָל אַ קוק געטאָן אויף דער קאַיוטע׳ פונוואַנען דאָס מיידל איז אַרויסגעגאַנגען. איך האָב זי אָבער מער נישט געזען.

דעם ערשטן טאָג, ווען מיר האָבן זיך געפונען ווייטער פון אַפריקע, זענען מיר אַלע געווען זייער מיד און האָבן כסדר פאַרבראַכט אין עסן און שלאָפן. ערשט דעם צווייטן און דעם דריטן טאָג פון אונדזער רייזע האָט זיך אָנגעהייבן אויפן שיף דאָס פרייערדיקע לעבן. די מאַטראָזן פלעגט טרינקען, זינגען׳ שפּילן אין קאָרטן און זיך קריגן אָדער שלאָגן.

מיר האָבן אַפילו איצט געהאַט מער אַרבעט, ווי אויף דער רייזע קיין אַפריקע: מיר האָבן געמוזט קאָכן עסן פאַר זעקסהונדערט מענטשן. דער נעגער, אונדזער קיכער איז נישט געווען אומשטאַנד צו קאָכן איינער אַליין פאַר אַלעמען. דער שיפּקאַפּיטאַן האָט געמוזט אים צוגעבן פינף מאַטראָזן, וועלכע פלעגן אַ גאַנצן טאָג שטיין און קאָכן. אַנדערע מאַטראָזן פלעגן אַראָפּטראָגן דאָס עסן אין די קאַמערן אָדער שטאַלן, ווו מען האָט געהאַלטן די נעגערס.

יעדן טאָג פלעגט מען אַרויסלאָזן די אומגליקלעכע אויף אייניקע מינוט אויפן דעק. מען פלעגט זיי אָבער נישט אַרויסלאָזן

אַלע מיטאַמאָל, נאָר פינף, זעקס און צען אויף אַמאָל. אַזוי ווי זיי פלעגן ליגן גאַנצע טעג פאַרשפּאַרט, האָט אונדזער שיפקאַפּיטאַן געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך באַוועגן אין דער צייט, וואָס מען פלעגט זיי אַרויפנעמען אויפן דעק. ווי אַזוי מאַכט מען דאָס אָבער? דער דעק איז געווען נישט גרויס און איז געווען פאַרלייגט און פאַר־וואָרפן מיט האָלץ און מיט פעסער.

אונדזער שיפקאַפּיטאַן איז געווען אַ דורכגעטריבענער פוקס. קוים פלעגט מען אַרויפנעמען אַ פּאַרטיע פון עטלעכע נעגערס אויפן דעק, פלעגט מען זיי הייסן טאַנצן. ווען זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט טאַנצן, פלעגט מען זיי שלאָגן מיט אַ קנוט, אויסגע־פלאָכטן פון קראָקאָדיל־לעדער. די אומגליקלעכע נעגערס האָבן געמוזט טאַנצן.

ווי קלוג און ווי פאָרזיכטיק דער קאַפּיטאַן איז געווען מיט זיין לעבעדיקער סחורה, האָט ער דאָך נישט געקענט איינהיטן, אַז זיינע שקלאַפן זאָלן נישט קראַנק ווערן און שטאַרבן. דאָס איז גאָרנישט קיין וואונדער. אין אייניקע קאַמערלעך זענען זיי געווען אָנגעפּאַקט, ווי די הערינג אין אַ פעסל. פיל האָבן שרעקלעך גע־ליטן פון דער ים־קראַנקהייט. זייערע קאַמערן אָדער שטאַלן זע־נען געוואָרן אַזוי שמוציק, דאָרט איז געווען אַזאַ שרעקלעכע לופט, אַז אַפילו אונדזערע אַלטע און שטאַרקע מאַטראָזן פלעגן נישט קע־נען עס אויסהאַלטן.

דער שיפקאַפּיטאַן האָט געהייסן ריייניקן די שטאַלן און דער ערשטער אָפיציר האָט דערקלערט, אַז ווען מען וועט נישט האַלטן ריין די נעגערס, קענען זיי קראַנק ווערן און די קראַנקהייט קען איבערגיין אויף די מאַטראָזן.

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. דער שיפקאַפּיטן האָט איינ־מאָל געשיקט מיך מיט נאָך עטלעכע מאַטראָזן ריייניקן די שטאַלן. איך האָב קוים געקענט אויסהאַלטן ביי אַ שעה צייט. עס איז גע־

קומען אזוי ווייט, אז דער שיפקאַפּיטאַן האָט געמוזט הייסן די נעגערס, זיי זאָלן אַליין רייניקן דעם שמוץ פון זייערע קאַמערן.

אויפן פינפטן טאָג פון אונדזער בייער נסיעה זענען געשטאָרבן צוויי: אַ פרוי און אַ קינד. דער שיפקאַפּיטאַן האָט געהייסן זיי אַרויפשלעפּן אויפן דעק און זיי אַריינוואַרפן אין ים. דעם אַנדערן טאָג האָבן מיר געהאַט דריי טויטע.

איך בין געשטאַנען אויפן דעק, ווען מען האָט אַריינגעוואָרפן די אומגליקלעכע אין וואַסער. איך האָב עס געזען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן און עס האָט מיר פאַרקלעמט ביים האַרצן. זיי זענען אויך געווען מענטשן! פאַרוואָס קומט עס זיי, אַז מען זאָל זיי באַהאַנדלען, ווי חיות? — עס פלעגט מיך באַזונדערס קרענקען, ווען די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ” פלעגן בעת מעשה אַרויסלאָזן אַ ווילד געלעכטער יעדעס מאָל, ווען מען פלעגט אַריינוואַרפן אַ טויטן נעגער אין וואַסער.

צום אומגליק פאַר מיר, פלעגן די טויטע קערפּער נאָכשווימען נאָכן שיף. דאָס איז געווען גאַנץ איינפאַך. מען פלעגט זיי נישט אַראָפּוואַרפן ווייט פון שיף. דאָס איז געווען אומעגלעך. מען פלעגט נישט צובינדן צו זיי קיין שטיינער, אַז זיי זאָלן אַראָפּפאַלן אויפן דנאָ. מען פלעגט זיי אַריבערוואַרפן איבערן פאַרענט און די שיף האָט זיי מיטגעשלעפּט מיט זיך.

דאָס האָט אָבער געדויערט נאָר אַ פּאָר טעג. באַלד האָט זיך געוויזן דער הייפיש און ער האָט שוין געטאָן דאָס זייניקע.

דער הייפיש איז איינער פון די גרעסטע און שרעקלעכסטע פיש פונם ים. מען רופט אים דער ים - וואָלף און ער פאַרדינט גאַנץ ערלעך דעמדאָזיקן נאָמען. ער איז שטענדיק הונגעריק, ווי אַ וואָלף און ער פאַרשלינגט אַלץ, ווי אַ וואָלף. ער פאַרשלינגט אַלץ, וואָס מען וואַרפט אַרויס פון דער שיף. ער פאַרשלינגט פלעשער, שטי-

קער האַלץ, ווען זיי זענען באַשמירט מיט בלוט אָדער מיט פעטס. ער פאַרשלינגט אפילו שטיקער אייזן.

קוים האָבן די הייפיש דערשמעקט די טויטע נעגערס, זע־נען זיי נישט אָפּגעטרעטן פון דער „ראַפּינאַ". אַנפאַנגס האָבן אונדז באַגלייט נאָר צוויי — דריי הייפיש, באַלד אָבער איז צוגעקומען צו אונדזער שיף אַ גאַנצע כאַליאַסטרע — צוואַנציק, דרייסיק שטיק, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט אונדזער שיף און פלעגן נישט אָפּטרעטן פון איר אויף אַ מינוט.

אויף אונדזער רייזע קיין אַפריקע האָבן מיר אויך געזען הייפיש. זיי פלעגן זיך אָבער האַלטן ווייט פון אונדזער שיף, נאָר פון צייט צו צייט פלעגט איינער אויפהייבן דעם קאָפּ פונם וואַ־סער און פלעגט אַ קוק טאָן אויף אונדז מיט זיינע גרויסע פייער־דיקע אויגן. איצט אָבער פלעגן מיר זיי זען אַזוי נאָענט, גלייך ווי מיר זען העכט אויף אַ פישמאַרק.

קוים פלעגט מען אַראָפּוואַרפן אַ טויטן נעגער, פלעגן זיי זיך אַרויפוואַרפן אויף אים, פלעגן זיך רייסן און בייסן איבער אים, ביז זיי פלעגן אים צעררייסן אויף שטיקער פאַר אונד־זערע אויגן.

די מאַטראָזן פלעגן שטיין און לאַכן פון דעמדאָזיקן בילד...

איך שעם מיך נישט צו זאָגן: דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב דערזען, ווי די הייפיש צערייסן אַ טויטן נעגער, האָב איך געוויינט ווי אַ קינד. שפּעטער בין איך געוואָרן דערצו און עס האָט מיך שוין מער נישט געאַרט. איך האָב שוין געקענט זען גלייכגילטיק, ווי די הייפיש רייסן זיך איבער אַ טויטן נעגער.

ערשט איצט האָב איך מיך דערמאָנט, אַז איך האָב אַמאָל געלעזן, אַז די הייפיש זענען זייער קלוג. זיי ווייסן וואָס פאַר אַ שיף נאָכצוגיין. זיי דערשמעקן דעם ריח פון די לעבעדיקע נעגערס

און זיי ווייסן, אז פריער אָדער שפּעטער וועט מען זיי צוואַרפן זייער פּאַרציע.

איך פּלעג זען אַזוי אָפט די הייפיש, אַז איך האָב אָנגעהייבן צו דערקענען מאַנכע פון זיי. אַנדערע האָבן געהאַט צייכנס אויף זייערע קערפּער. זיי האָבן זיך געוויס געשלאָגן און געביסן מיט עמעצן און אויף זייערע קערפּער זענען פאַרבליבן צייכענס. אַזוי ווי איך פּלעג זיי זען אַלע טאָג און אַפילו עטלעכע מאָל אין טאָג, האָב איך זיי זייער לייכט געקענט דערקענען.

זיי זענען געוואָרן אַזוי צוגעוויינט צו דער „ראַפּינאַ", אַז קוים פלעגט א מאַטראָז צוקומען צום פּאַרענץ און א קוק טאָן אויפן ים, פלעגט באַלד א הייפיש אַרויסשטעקן דעם קאָפּ פון וואַסער און פלעגט קוקן אויף אים מיט זיינע בלוטדורשטיקע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט געפרעגט: האָסטו שוין עפּעס פאַר מיר?

אַזוי זענען פאַרגאַנגען עטלעכע טעג. די נעגערס האָבן אָנגעהייבן מער צו שטאַרבן און אונדזערע מאַטראָזן האָבן געהאַט מער אַרבעט.

מיר זענען דעמאָלט געווען שוין ווייט פון אַפריקע, אונדזער שיפקאַפּיטאַן איז נישט געפאָרן אויפן וועג, וווּ עס פאָרן געוויינלעכע שיפן. ער איז געפאָרן אָן א זייט. ער האָט געמוזט אויסמיידן פרעמדע שיפן. אין דער צייט פון אַכצן טעג האָבן מיר נישט באַגעגנט קיין איין שיף.

איך האָב ווידער געאַרבעט זייער שווער און האָב ווייניק צייט געהאַט צו רעדן מיט מיין פריינט בען בראַס. איך האָב נאָך עטלעכע מאָל געזען דאָס יונגע מיידל, דאָס קינד, שטיין אויפן דעק. איך האָב נישט געוואַגט צוצוגיין צו איר. איך האָב נישט געוואַגט צו רעדן מיט איר. איך האָב געפרעגט בען בראַסן, ווער זי איז. ער האָט אָבער נישט געוווּסט און האָט נישט געקענט וויסן.

ער האָט זיך אויך זייער ווייניק אינטערעסירט עס צו וויסן. ער איז לעצטנס געווען שטאַרק פאַרטראַכט און טרויעריק.

און די שיף איז דערווייל געגאַנגען פאָרויס. דער קאַפּיטאַן האָט געשיכורט, דער ערשטער אָפיציר האָט געשיכורט און זיך עפּעס באַלעקט פון גרויס הנאה.

עס האָט אויסגעזען, אַז אַלעמען איז גוט און פריילעך און אַז זיי לעבן אין אַ גן עדן.

אָבער אָך און וויי צו זייער שיכורן לעבן און נאָך טויזנטער מאָל מער אָך און וויי איז צו דעם „לעבן" פון יענע אומגליקלעכע וואָס האָבן זיך געשטיקט, ווי הערינג, אין די אונטערשטע פאַר־שטונקענע קברים פון דער שיף...

קאפיטל פערצן.

די נסיעה האָט אָנגעהייבן צו ווערן לאַנגווייליק. מיר זענען איצט געווען ווייט פון יבשה און האָבן זיך געפונען אין דער סאַמע הייסער געגנט פון דעם אַטלאַנטישן וועלט - ים. בייטאָג פלעגט די היץ זיין מערדערלעך, די מאַטראָזן פלעגן מוזן זיך אָפגיסן מיט וואַסער פון ים. וואָלטן נישט געשווומען אַזויפיל הייפיש אַרום אונדזער שיף, וואָלטן מיר יעדן טאָג זיך אַראָפגעלאָזן און וואָלטן זיך געבאָדן.

דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך. קוים פלעגט מען אַראָפּלאָזן אַן עמער אין וואַסער, פלעגן די הייפיש אים באַפאַלן, ווי די היישעריקן און מיר פלעגן אָפט מוזן אַרויסרייסן דעם עמער פון זייערע ציין. איינמאָל האָבן זיי אַפילו אַרויסגעריסן אַן עמער פון אונדזערע הענט.

אונדזער שיף איז געגאַנגען זייער לאַנגזאַם. אין יענער געגנט מאַכט זיך זייער אָפט, אַז עס פעלט אויס ווינט. עס פאַרגייען טעג און אַפילו וואָכן, ווען עס איז נישטאָ דער קלענסטער ווינט.

אַ זעגלשיף קען זיך אין אַזאַ פאַל נישט רירן פון אָרט, ווען זי האָט נישט קיין ווינט, קען זי נישט גיין.

עס זענען געווען טעג, ווען די „ראַפּינאַ" איז אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אויף איין אָרט, גלייך ווי זי וואָלט געווען פאַראַנקערט ערשט ביינאַכט פלעגט זיך אויפהייבן אַ ווינטל און מיר פלעגן זיך שלעפּן לאַנגזאַם, ווי אַ שווערער וואָגן מיט פוילע אָקסן אויף אַ בלאָטיקן וועג.

עס איז ענדלעך לאַנגווייליק געוואָרן די מאַטראָזן צו שפּילן אין קאָרטן און צו קריגן זיך. זיי פלעגן שלאָפן דעם גאַנצן טאָג אין פאָרקאַסל, פלעגן גענעצן און פלעגן לאַנגווײלן. דער שיפקאַ-פּיטאַן האָט זייער גוט פאַרשטאַנען זיין לאַגע. ער האָט מורא געהאַט, אַז די מאַטראָזן זאָלן נישט קראַנק ווערן און האָט געמאַכט פאַר זיי בעלער און קאָנצערטן. עס האָט זיך געפונען אַ מאַטראָז, וועלכער האָט געהאַט ביי זיך אַ פידעלע און ער האָט געשפּילט, ווי ער האָט געקענט. דאָס האָט געהייסן אַ קאָנצערט. נאָכן קאָנ-צערט האָט מען געטרונקען.

די נעגערס האָבן אָנגעהייבן אויסשטאַרבן איינער נאָכן אַנדערן, עס פלעגן זיין טעג, ווען מיר האָבן געהאַט ביז צען טויטע. דער שיפקאַפּיטאַן פלעגט מוזן אויסלופטערן זיין לעבעדיקע סחורה. ער פלעגט הייסן אַרויפטרייבן אויפן דעק צוואַנציק - דרייסיק נעגערס מיטאַמאָל און פלעגן זיי הייסן טאַנצן. איך האָב שוין דערציילט, ווי אַזוי ער האָט עס געמאַכט, און די אומגליקלעכע האָבן געמוזט טאַנצן.

דאָס פידעלע האָט געשפּילט, די בייטש פון קראָקאָדיל-לע-דער האָט געקנאַקט איבער די נאַקעטע שוואַרצע לייבער פון מענער, פרויען און קינדער, און די נעגער האָבן געטאַנצט. איך האָב באַ-מערקט מיט שרעק ווי די הויט איז זיי אַלעמאָל געוואָרן בלייכער און איז ענדלעך געוואָרן אַשפאַרביק. ווען דער נעגער איז געזונט,

גלאנצט זיין הויט, ווי אַן אָפּגעפּוצטער שטיוול. ווען ער ווערט אָבער קראַנק, אָדער ער ליידט, ענדערט זיך די פאַרב פון זיין הויט און ווערט אַשפאַרביק.

איך בין נישט אומשטאַנד אייך צו באַשרייבן, וואָס פאַר אַ שרעקלעכן איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף מיר. איך פלעג אָפּט ווייגען שטילערהייט, ווען איך פלעג זען, ווי די אומגליקלעכע טאַנצן. עס האָט מיר אָבער גאָרנישט געהאָלפן. מיר, ווייסע מענטשן, פלעגן אויך זייער אָפט מוזן טאַנצן, אום זיך צו באַוועגן.

איין טאָג בין איך אויפגעשטאַנען שפּעטער, ווי געוויינלעך. ביזאהער פלעגט מען מיך אויפוועקן גאַנץ פרי. איך האָב שוין געוווסט, אַז אַ זייגער פינף אינדערפרי וועל איך הערן די גראָבע און ווילדע שטימע פונם ערשטן אָפיציר, אָדער פון אַן אַנדער מאַטראָז, וועלכער פלעגט מיך אויפוועקן. דאָס איז שוין ביי מיר קיין נייס נישט געווען. עס האָט מיך דעריבער געוווּנדערט, וואָס מען האָט מיך היינט געלאָזן שלאָפן, וויפל איך האָב געוואָלט. איך האָב מיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און בין געשלאָפן גאַנץ שפּעט.

ענדלעך האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און בין אַרויסגעלאָפן אויפן דעק. איך בין געווען זיכער, אַז מען וועט מיך שלאָגן מיט אַ שטריק. איך וועל שוין האָבן מיין שטראָף דערפאַר, וואָס איך האָב מיך פאַרשלאָפן. איך האָב מיך געוואָלט באַלד נעמען צו דער אַרבעט, אין דער האָפענונג, אַז מיינע פּייניקער וועלן מיך נישט זען אָדער וועלן זיך פאַרגעסן אָן מיר.

איך בין אַראָפּגעלאָפן אונטן, דאָרט, וווּ די מאַטראָזן פלעגן געוויינלעך שפּילן אין קאָרטן אויפן דעק און זיי האָבן זיך אויסגעקליבן אַ פּלאַץ אונטן, נישט ווייט פון דעם קאַפּיטאַנס קאַיוטע. דאָרט איז געווען קיל און איך פלעג דאָרט שטענדיק טרעפן צוואַנציק - דרייסיק מאַטראָזן מיטאַמאָל.

ווי מבולבל בין איך אָבער געװאָרן, ווען איך האָב דאָרט געפונען נאָר צוויי מאַטראָזן. זיי זענען געזעסן פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט און האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך אויף אַ לשון, וועלכן איך האָב נישט פאַרשטאַנען. ווי יונג איך בין געווען, האָב איך דאָך פאַרשטאַנען, אַז אויף אונדזער שיף איז עפּעס נישט גלאַט.

„וואָס זאָל עס זיין?" — האָב איך מיך אַליין געפרעגט. — „האָט מען אפשר ווידער דערזען אַן ענגלישן אָדער פראַנצויזישן קרייצער?"

איך האָב פּראָבירט רעדן מיט די צוויי מאַטראָזן, זיי האָבן אָבער געוואָרפן אויף מיר אַ בייזן בליק און האָבן מיר נישט געענטפערט. איך בין געוואָרן פאַראינטערעסירט און האָב מיר דערלויבט אַרויפצוגיין אויפן דעק. די ערשטע זאַך, וואָס איך האָב געטאָן אויפן דעק, איז געווען — זיך אַרומצוקוקן אין אַלע זייטן, די מען זעט נישט אַ זעגל אָדער דעם רויך פון אַ דאַמפער. דער הימל איז איצט געווען קלאָר, העל און בלוי. איך האָב אויף אים נישט געזען קיין שום וואָלקן. ווי ווייט מיין אויג האָט געקענט גרייכן, האָב איך געזען נאָר הימל און וואַסער.

„קיינער יאָגט אונדז נישט נאָך", — האָב איך מיך געזאָגט. — „איך האָב דאָך אַ שאַרף אויג און איך זע גאָרנישט. עס מוז זיין עפּעס אַנדערש"

איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן בריקל, און האָב דאָרט דערזען אונדזער שיפקאַפּיטאַן, דעם ערשטן אָפיציר און עטלעכע פון די עלטסטע מאַטראָזן. זיי האָבן עפּעס גערעדט, עפּעס געמאַכט מיט די הענט, זיך געבייזערט, זיך געקריגט, געשוואָרן און זיך פאַרענטפערט.

איך האָב מיך אומגעקערט אין אַן אַנדער זייט און האָב דערזען, ווי די מאַטראָזן לויפן אַראָפּ אין די שפּייזקאַמערן מיט בלעכלעך און פלעשער, און לויפן באַלד צוריק ביז און אויפ-

געבראַכט, בלייך און אויפגערעגט. אייניקע זענען אַרויפגעקומען פון די שפּייזקאַמערן אַזוי דערשראָקן און אַזוי בלייך, אַז זיי האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

איך בין געווען איבערראַשט און דערשראָקן. איך האָב אויף קיין פאַל נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר. איך האָב מיך געלאָזן גיין צו דער קיך, אפשר וועל איך דאָרט געפינען בען בראַסן און וועל אים פרעגן, וואָס דאָ טוט זיך. נישט ווייט פון דער קיך זענען געשטאַנען עטלעכע פעסער וואַסער. אַרום די פעסער זענען געשטאַנען מאַטראָזן. אייניקע האָבן געקלאַפּט אויף די פעסער מיט די הענט אָדער מיט שטיקער האָלץ, צו זען, צי זיי זענען פול. ווען זיי האָבן געזען, אַז אַ פאַס איז פול, האָבן זיי געעפנט דעם שפּונט און האָבן אָנגעהייבן צו שעפּן און צו פּרובירן דאָס וואַסער.

מען האָט פּראָבירט איין פאַס און מען האָט ווידער פאַרשטעקט מיטן שפּונט. מען האָט פּראָבירט אַ צווייט פאַס. דער ערשטער מאַטראָז, וועלכער האָט אַ זופּ געטאָן דאָס וואַסער, האָט זיך פאַרקרימט און האָט עס באַלד מיט עקל אויסגעשפּיגן.

איך האָב געזוכט מיין פריינט בען בראַסן און האָב אים אין ערגעץ נישט געפונען. ער איז, וואַרשיינלעך, אויך אַראָפּגעגאַנגען אין די שפּייזקאַמערן. איך וואָלט צוגעגאַנגען נענטער צו די מאַטראָזן, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום די פעסער לעבן דער קיך. דאָרט אָבער איז געשטאַנען לע־גראַ, אויף וועלכן איך האָב נישט געקענט קוקן און פאַר וועלכן איך האָב שטענדיק מורא געהאַט.

איך בין געווען שרעקלעך פאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס דאָ איז געשען. איך האָב זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געשען עפּעס אַן אומגליק, אָבער וואָס פאַר אַן אומגליק?

אַזוי ווי איך האָב גאָרנישט געקענט געוואָר ווערן ביי דער קיך, בין איך צוגעגאַנגען צום פאָרקאַסל. אויפן וועג איז מיר

אנטקעגן געקומען דער ערשטער אָפיציר. איך בין געווען זיכער אז ער וועט אָנהייבן מיך צו שלאָגן אָדער צו זידלען. ער איז אָבער אַוועקגעלאָפן און האָט זיך גאָר אויף מיר נישט אומגעקוקט. דאָס האָט מיך איבעראשט. עס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, אז ווען ער זאָל אָנבאַגעגענען, זאָל ער נישט געבן אַ זעץ, אָדער, ווען ער איז שוין געווען גאָר פריינדלעך, זאָל ער נישט זאָגן אַ שלעכט וואָרט. יעצט האָט ער זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט און איז ווייטער געלאָפן.

איך האָב מער נישט געקענט אויסהאַלטן און האָב אָנגעהויבן צו זוכן בען בראסן. איך האָב אים געפונען. ער איז געשטאַנען מיט עטלעכע מאַטראָזן אונטן, אין דער אָפטיילונג פונם שיף, ווו עס האָט זיך געפונען דער רעזערוו פון וואַסער. ער האָט עפּעס געזוכט, עפּעס געטאַפּט און עפּעס געפּאָרשט. ענדלעך האָט ער געזאָגט צו זיינע חברים:

„עס איז אומזיסט! מען האָט אויף זיי נישט אַכטונג געגעבן און זיי האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט, דאָס הייסט, זיי האָבן גאָרנישט געטאָן".

זיין שטימע האָט געקלונגען טרויעריק און פאַרצווייפלט. איך האָב נישט געקענט זען זיין געזיכט, ווייל עס איז געווען טונקל.

„לאָמיר גיין", — האָט בען בראַס געזאָגט צו זיינע חברים. מיר זענען אַרויפגעגאַנגען אויפן דעק. איך האָב אָנגעכאַפּט בען בראסן ביי דער האַנט, האָב אים אַוועקגעשלעפּט אין אַ זייט און האָב אים געפרעגט:

„וואָס איז געשען, בען?"

„ס'איז שלעכט, בילי!" — האָט ער געענטפערט.

„וואָס פאַרט?"

„מיר האָבן נישט קיין וואַסער צום טרינקען!"

איך בין געווען צו יונג און האָב נישט געקענט ווי געהעריק

אָפּשאַצן בען בראַסעס ווערטער: מיר האָבן נישט קיין וואַסער צו טרינקען! איך האָב גאָרנישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קען שווימען אינדערמיט פונם וועלט-ים, זען אַרום זיך נאָר הימל און וואַסער און דאָך נישט האָבן וואָס צו טרינקען. דער ענין איז מיר אָבער שפּעטער קלאָרער געוואָרן.

איך האָב אייך שוין דערציילט, אַז אויף דער „ראַפּינאַ" האָבן זיך געפונען עטלעכע הונדערט פעסער מיט ים-וואַסער. זיי האָבן געדינט אַלס באַלאַסט, צו מאַכן די שיף שווערער. ווען מיר זענען געשטאַנען אין טייך לעבן דשינגאָס לאַגער, האָט דער שיפקאַפּיטאַן געהייסן אויסגיסן דאָס ים-וואַסער פון די פעסער און אָנגיסן אין זיי פריש, זיס וואַסער פון אַ קליין טייכל, וועלכעס איז געפלאָסן נישט ווייט פון דשינגאָס לאַגער, מען וואָלט געקענט אָנגיסן די פעסער פון דעם טייך, וווּ די „ראַפּינאַ" איז געשטאַנען. דאָס וואַסער איז אָבער דאָרט געווען נישט ריין און מלך דשינגאָ מיט זיין לאַגער האָבן עס געמאַכט נאָך שמוציקער.

אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט געוווּסט, וואָס פאַר אַ ווערט פריש וואַסער האָט אויפן ים. ער, זיינע מאַטראָזן און זיין לעבעדיקע סחורה האָבן געמוזט טרינקען. ווען מען וועט נישט געבן די נעגערס גענוג וואַסער אין דער צייט פון דער רייזע, וועלן זיי אויסשטאַרבן אין די ענגע און שמוציקע שטאַלן, אין וועלכע מען האָט זיי געהאַלטן. ער וועט דאַן פאַרלירן זיין גאַנץ פאַרמעגן.

ער האָט דעריבער געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אויסליידיקן אַלע וואַסערפעסער, מען זאָל זיי גוט אויסשווענקען, גוט אויסרייניקן, דאַן זאָל מען זיי אָנגיסן מיט פריש, ריין וואַסער פון דעם טייכל נישט ווייט פון מלך דשינגאָס לאַגער. דאָס איז געווען נישט קיין לייכטע אַרבעט. מען האָט געמוזט קייקלען די ליידיקע פעסער צום טייך, דאַן זיי אויסשווענקען, אויסרייניקן, זיי אָנגיסן

מיט ריין וואַסער, זיי צוקייקלען צום ברעג, זיי אַרויפלייגן אויף שיפלעך און זיי צופירן צום שיף.

דאָס מאַכט אָבער נישט אויס. ווי שווער אַן אַרבעט איז, טוען זי דאָך די מאַטראָזן, באַזונדערס ווען זיי ווייסן, אַז זייער לעבן הענגט דערפון אָפּ. דערצו אָבער מוז מען אויף זיי אַכטונג געבן, מען מוז אויפפּאַסן און ווייזן זיי, וואָס צו טאָן און ווי אַזוי עס צו טאָן. ווען די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ" וואָלטן געווען געוויינלעכע און ערלעכע מענטשן, וואָלטן זיי עס אפשר לייכט אַליין געטאָן, ווי עס דאַרף צו זיין. דאָס איז אָבער געווען אַ ווילדע באַנדע פון באַנדיטן און מערדער, וועלכע האָבן זייער גוט געוווּסט, אַז זייער לעבן איז שטענדיק אין געפאַר און זיי האָבן געוואָלט לעבן אַ גוטן טאָג אין לאַגער פון מלך דשינגאַ.

זיי האָבן איבערגעגעבן דידאָזיקע שווערע און וויכטיקע אַרבעט דעם מלכס שוואַרצע אונטערטאַנער אָדער שקלאַפן און אַליין זענען זיי געגאַנגען טרינקען און לעבן אַ טאָג מיט זיינע ווייבער.

בען בראַס איז דעמאָלט געווען מיט מיר אויף יאַגד. מיר האָבן גערעכנט צו פאַרברענגען אויף יאַגד נאָר אַ פּאָר טאָג און מיר האָבן פאַרבראַכט אין די וועלדער גאַנצע זעקס טעג. בען בראַס האָט אַלזוי נישט געקענט אַכטונג געבן אויף דער אַרבעט.

דער צווייטער גוטער מאַטראָז אויף דער „ראַפּינאַ" איז געווען דער פראַנצויז לעגראָ. ער איז אָבער געווען אַזוי פאַרדאָרבן און אַזוי אויסגעלאַסן, אַז ער האָט גאָרנישט געוואָלט אָפּטרעטן פון די שוואַרצע ווייבער.

דער שיפקאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר זענען געווען באַשעפטיקט מיט עפּעס אַנדערש, ווי איך בין עס שפּעטער געוואָר געוואָרן. מלך דשינגאַ האָט געהאַנדלט נישט נאָר מיט שקלאַפן, נאָר מיט אויך מיט אַנדערע אַרטיקלען. איינס פון זיינע בעסטע

אַרטיקלען איז געווען העלפאַנדביין. דאָס איז זייער אַ גוטער אַר-נויקל, וועלכן מען קען פאַרקויפן אין יעדער גרויסער שטאָט. אַ פּאָר גרויסע, שווערע ציינער פון העלפאַנד זענען ווערט עטלעכע הונדערט דאָלאַר.

איך ווייס נישט, וואָס אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט געגעבן דעם מלך פאַר זיין העלפאַנדביין און ווי זיי האָבן געהאַנדלט. איך ווייס נאָר, אַז אונדזער שיפקאַפּיטאַן מיטן ערשטן אָפיציר האָבן ביי אים אָפּגעקויפט אָדער אויסגעבאַרט צוואָנציק אַזעלכע ציינער. דאָס איז אַ פאַרמעגן. מלך דשינגאָ איז אָבער געווען אַ דורכגעטריבע-נער שווינדלער. ער האָט קיין זאַך נישט געשענקט אומזיסט. עס האָט געקאָסט אונדזער שיפקאַפּיטאַן גענוג מי, איידער ער האָט אויסגעבאַרט ביי אים אָט דאָס פאַרמעגן. דערווייל האָט ער אָבער קיין צייט נישט געהאַט אַכטונג צו געבן אויף זיינע מאַטראָזן און זיי האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט. זיי האָבן זיך פאַרלאָזן אויף מלך דשינגאָס שקלאַפן, אָנצוגיסן די פעסער מיט פריש וואַסער.

אויפן שיף איז אויך נישט געווען קיין אויפזעער, וועלכער זאָל אכטונג געבן, אַז מען זאָל אויסגיסן דאָס ים-וואַסער פון אַלע פעסער. מען האָט דעריבער אָנגעגאָסן מיט פריש וואַסער בלויז די אויבערשטע פעסער. אין די אונטערשטע איז געבליבן דאָס ים-וואַסער...

עס איז זייער מעגלעך, אַז ווען מען זאָל זיך נישט געווען אַזוי איילן פאַרן אוועקפאָרן, וואָלט מען זיך געווען אומגעקוקט אויף די פעסער מיט וואַסער. דאָס איז די פליכט פון יעדן שיפ-קאַפּיטאַן. מען האָט זיך אָבער שטאַרק געאיילט אַרויסצופאָרן פון טייך און מען האָט זיך נישט אומגעקוקט, צי מען האָט גענוג פּראָוויאַנט

אין דער ערשטער צייט אויף דער רייזע האָט מען פריי געטרונקען וואַסער. מען איז געווען זיכער, אַז עס איז דאָ גענוג וואַסער, נאָכמער, ווי מען האָט געדאַרפט.

און היינט אינדערפרי, אַז מען האָט זיך געשטעלט קאָכן הירזש פאַר די בעגערס און מען האָט אַרויפגעקייקלט אַ פאַס וואַסער און אָנגעגאָסן אין די קעסלען, האָט איינער פון די מאַטראָזן צופעליק פאַרזוכט דאָס וואַסער און האָט איינגעפונען, אַז עס איז געזאַלצן און ביטער. מען האָט אַרויפגעקייקלט נאָך אַ פאַס, — עס איז ווידער געזאַלצן. האָט מען געפרוווט אַ דריטן, אַ פערטן פאַס, — אַלע זענען געזאַלצן. אין זיי געפינט זיך אַלט, פאַרשטונקען ים-וואַסער!

מען האָט אָנפאַנגס מורא געהאַט עס אויסצוזאָגן דעם שיפ-קאַפּיטאַן. ער וועט שרייען, ער וועט שלאָגן, ער וועט באַשטראָפן די מאַטראָזן, וועלכע האָבן געדאַרפט טאָן דידאָזיקע אַרבעט. עס האָט אָבער גאַרנישט געהאָלפן. מען האָט געמוזט קאָכן, מען האָט געמוזט טרינקען און דאָ איז נישט געווען קיין וואַסער.

עס איז געוואָרן אַ ליאַרעם צווישן די מאַטראָזן. דער שיפ-קאַפּיטאַן, דער ערשטער אָפיציר און די עלטסטע מאַטראָזן זענען געווען אויסער זיך. יעדער מאַטראָז איז אַראָפּגעלאָפן אונטן זען, אפשר וועט ער געפינען נאָך אַ פאַס פריש וואַסער. מען האָט געעפנט אייניקע פעסער און מען האָט ווידער געפונען, אַז זיי זענען פול מיט פאַרשימלט און פאַרשטונקען וואַסער...

מען האָט געמאַכט אַ שטרענגע רעוויזיע און מען האָט געפונען, אַז אייניקע פעסער זענען גאָר ליידיק. מען האָט פון זיי אויסגעגאָסן דאָס ים-וואַסער. מען האָט אָבער נישט אָנגעגאָסן אין זיי קיין פריש וואַסער. מלך דשינגאָס שקלאַפן האָבן זיך געפוילט צו טאָן אַזאַ שווערע אַרבעט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען, באַשולדיקונגען און גע-

שרייען. יעדער האָט געוואָלט ארויפוואַרפן די שולד אויפן אַנדערן. יעדער האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער איז נישט שולדיק און אַז שול-דיק איז נאָר דער אנדערער.

ענדלעך האָט מען זיך דאָך באַדאַכט, אַז פון די געשרייען, קריגערייען און זידלערייען וועט גאָרנישט אַרויסקומען. מען מוז עפּעס טאָן. מען מוז זוכן אַ מיטל, ווי זיך צו העלפן און ווי זיך צו ראַטעווען. דאָס ערשטע, וואָס מען מוז טאָן, איז צו באַשטימען און צו וויסן קלאָר און גענוי. וויפל פריש וואַסער עס געפינט זיך נאָך אויפן שיף. דער שיפקאַפּיטאַן, דער ערשטער אָפיציר, בען בראַס און אייניקע אַנדערע מאַטראָזן האָבן געקענט רעכענען. אַלזוי, מוז מען וויסן פּינקטלעך און גענוי, וויפל פריש וואסער געפינט זיך אויף דער „ראַפּינאַ". ווען מען וועט וויסן, וויפל קוואָרט וואַסער מיר האָבן, קען מען אויסרעכענען אויף וויפל טעג דאָס וועט זיין גענוג, ווען מען זאָל לעבן עקאָנאָמיש און מען זאָל געבן יעדן איינעם נאָר אַ גאַנץ קליינע פּאָרציע, דאָס בּייטיקסטע צו דערהאַלטן דאָס לעבן.

ווען מען וועט דאָס וויסן און מען וועט איינגעפינען, אַז מיר האָבן צו ווייניק וואַסער, וועט מען אויסרעכענען, ווי ווייט מיר געפינען זיך פון אַ ברעג. עס מאַכט שוין נישט אויס, וואָס פאַר אַ ברעג דאָס איז, דאָרט וועט מען שוין געפינען וואַסער.

ווי גראָב און ווי פאַרדאָרבן די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ" זענען געווען, האָבן זיי דאָך געהאַנדלט פּראַקטיש אין דעם פאַל. זיי האָבן אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט פון פינף מאַטראָזן, וועלכע זאָלן אַלץ באַטראַכטן און באַרעכענען און דאַן דערקלערן, וואָס מען קען טאָן, זיך צו ראַטעווען. עס פאַרשטייט זיך, אז בען בראַס איז געווען איינער פון די קאָמיטעט-לייט. דעם שיפקאַפּיטאַן און דעם ערשטן אָפיציר האָט מען מורא געהאַט צו געטרויען.

דער קאָמיטעט האָט געטאָן זיין אַרבעט גאַנץ ערלעך. יעדער

האָט געוווּסט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן טויט און לעבן. יעדער האָט ווייער גוט פאַרשטאַנען, אַז וואָס פאַר אַ געפאַר אַלע געפינען זיך און יעדער האָט געטאָן, וואָס ער האָט נאָר געקענט.

דער קאָמיטעט האָט אויסגעפונען, אַז אויפן שיף געפינען זיך נאָר דריי פעסער פּריש וואַסער, די איבעריקע פעסער זענען אָנגעפילט מיט ים - וואַסער, אָדער זיי זענען גאָר ליידיק. אין יעדן פאַס האָט זיך געפונען אַן ערך פינפהונדערט קוואָרט וואַסער. צוזאַמען אַלזוי האָבן מיר געהאַט טויזנט פינפהונדערט קוואָרט וואַסער. ווען מען זאָל לעבן עקאָנאָמיש און מען זאָל אויסטיילן יעדן מענטשן נאָר איין קוואָרט וואַסער אַ טאָג, וואָלטן מיר געקענט אויסהאַלטן אַ דריי וואָכן. אויף דער „ראַפּינאַ" זענען געווען זיבעציק ווייסע מענטשן. ווען מען זאָל איינטיילן דאָס וואַסער בלויז צווישן זיי, וואָלט מען געקענט אויסהאַלטן דריי, אָדער קנאַפּע דריי וואָכן.

וואָס טוט מען אָבער מיט די נעגערס? עס האָבן זיך נאָך געפונען פירהונדערט פינפאונצוואַנציק נעגערס אין די קאַמערן. ווען מען זאָל יעדן נעגער אויך געבן אַ קוואָרט וואַסער אַ טאָג, וועלן מיר האָבן וואַסער אויף פיר טעג. אַלזאָ, וואָס טוט מען?

יעדער האָט געוווּסט, אַז קוים וועט אויסגיין דאָס וואַסער, וועלן אַלע אויסשטאַרבן פאַר דורשט פון די שרעקלעכע היצן. ווייסע און שוואַרצע, הערן און שקלאַפן, פייניקער און געפייניקטע, טיראַנען און טיראַניזירטע — אַלע וועלן גלייך אויסשטאַרבן.

עס איז געבליבן צו פאַרהאַנדלען נאָך אַ פונקט: מען זאָל זען צופאָרן וואָס גיכער, צו אַ פּאָרט, צו אַ ברעג. ווו מען קען קריגן וואַסער. דער קאָמיטעט האָט דאָס אויך געטאָן. אין דעם פונקט איז בען בראַס געווען דער טיכטיקסטער מענטש. ער האָט געלערנט אין אַ מאַרינע - שולע און האָט געוווּסט, ווי אַזוי מען

קען אינדערמיט פונם וועלט - ים אויסרעכענען, ווו מען געפינט זיך און ווי ווייט מען איז פון אַ ברעג.

בען בראַס און נאָך איינער, אַ דייטשער מאַטראָז, מיטן נאָמען ענגלמאַן, האָבן גענומען די אינסטרומענטן און האָבן אַלץ אויסגערעכנט. זיי האָבן אויסגעפונען, אַז דאָס נאָנטסטע לאַנד איז אַפריקע. די „ראַפינאַ" איז איצט געווען צווייטויזנט מייל ווייט פון אַפריקע. ווען מיר זאָלן האָבן אַ גוטן ווינט, וואָלטן מיר אין אַכצן - צוואָנציק טעג געקענט צוקומען צו אַ ברעג אין אַפריקע.

ליידער האָבן מיר עטלעכע טעג גאָר קיין ווינט נישט געהאַט און די „ראַפינאַ" פלעגט שטענדיק שטיין אויף איין אָרט, גלייך ווי זי וואָלט געווען פאַראַנקערט.

אַלזאָ, וואָס טוט מען? די הויפט - פראַגע איז געווען, וואָס טוט מען מיט די נעגערס? געבען זיי אויך וואַסער? וועלן מיר אַלע שטאַרבן. זאָל מען זיי נישט געבן קיין וואַסער, וועלן זיי שרייען, ליאַרמען, משוגע ווערן, וועלן אפשר צעברעכן זייערע שטאַלן און וועלן אַרויסלויפן אויפן דעק. דאַן זענען מיר פאַרלאָרן. זיי זענען דאָך עטלעכע הונדערט?

„אונדזער לעבן איז אונדז ליבער!" — האָט אויסגערופן איינער פון די מאַטראָזן. — „מיר דאַרפן אַליין האָבן דאָס וואַסער. די נעגערס זענען נישט קיין מענטשן. זיי מעגן אָוועקפגרן, ווי די הינט".

„לאָמיר זיי אַריינוואַרפן אין וואַסער!" — האָט געשריען דער דער פראַנצויז לע - גראַ. — „צו וואָס דאַרפן מיר זיי! אין וואַסער אַלע מיטאַמאָל!"

ביז אהער האָט קיינער נישט געפרעגט דעם שיפקאַפּיטאַן און קיינער האָט אים נישט געבעטן, ער זאָל זאָגן זיין מיינונג. זינט מען האָט אויסגעפונען, אַז עס איז נישטאָ קיין וואַסער אויפן שיף, האָט דער שיפקאַפּיטאַן פאַרלאָרן זיין מאַכט. קיינער האָט

אים נישט געהערט און האָט נישט געוואָלט וויסן פון אים. אויף דער „ראַפינא" איז איצט געוואָרן אַ קליינע רעפּובליק, ווו יעדער האָט געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט.

איצט אָבער האָט דער שיפקאַפּיטאַן געפונען פאַר נייטיק זיך אַריינצומישן. ער האָט געציטערט פאַר זיינע נעגערס, — פאַר זיין סחורה. ווען ער וועט נישט ברענגען קיין אַמעריקע ווייניקסטנס צוויי־הונדערט נעגערס, איז ער רואינירט. זיין גאַנץ פאַרמעגן באַשטייט אין זיינע שקלאַפן און אין דעם ביסל העלפאַנד־ביין, וואָס ער האָט געקויפט ביים מלך דשינגאַ. ווען ער וועט נישט האָבן זיינע שקלאַפן, וועט ער מוזן פאַרקויפן די שיף און באַצאָלן די מאַטראָזן.

דעריבער האָט ער זיך אָנגענומען פאַר די נעגערס.

„חברים!" — האָט ער אויסגערופן. —„זייט נישט אַזוי פאַר־צווייפלט. עס וועלן זיך נאָך געפינען מיטלען ווי אַזוי צו שאַפן וואַסער מיר זענען עטלעכע און זעכציק שטאַרקע מענער. מיר האָבן גענוג ביקסן און פולווער. מיר קענען אויפזוכן עפּעס אַ שיף, אָנפאַלן אויף איר און ביי איר צונעמען דאָס וואַסער און אַלץ, וואָס זי האָט. מיר האָבן עס ביז אַהער נישט געטאָן, ווייל מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר וועלן אונדזער סחורה ברענגען קיין אַמעריקע, און וועלן דאָרט מאַכן גוטע געשעפטן. איצט אָבער, ווען מיר געפינען זיך אין אַזאַ נויט, מוזן מיר עס טאָן. מיר דאַרפן צוריק פאָרן אַ גאַנץ קליינע שטרעקע, קומען אויף דער ליניע, ווו עס פאָרן געוויינלעך שיפן. אויף דער ערשטער שיף, וועלכע מיר וועלן באַגעגענען, וועלן מיר אָנפאַלן און וועלן זי צונעמען..."

דער פּלאַן איז געווען אַ ריכטיקער. עס האָבן זיך אַפילו געפונען מאַנכע מענטשן, ווי בען בראַס, ענגלמאַן, און אַנדערע, וועלכע זענען נישט געווען איינפאַרשטאַנען מיט דעם פּלאַן. זיי האָבן נישט געוואָלט זיין קיין פּיראַטן. עס האָט זיי אָבער נישט

געהאָלפן. די איבעריקע מאַטראָזן זענען געווען מסכים מיטן שיפ־
קאַפּיטאַן, זיי זענען געווען באַנדיטן און מערדער אינדערהיים און
זיי האָבן געוואָלט פאַרברענגען זייער אַלטע מלאכה אויפן ים.

„אָבער וואָס טוט מען מיט די נעגערס?" — האָט פלוצלונג
איינע געפרעגט.

„מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז מיר וועלן האָבן גענוג וואַסער,
ווען מען זאָל איינטיילן צו קוואָרט וואַסער אַ טאָג אויף יעדן
מענטשן", — האָט דער שיפקאַפּיטאַן געענטפערט. —„מיר געפינען
זיך אין אַ נויט, אין דער גרעסטער נויט, מיר מוזן זיך דערווייל
בער אנטשליסן צו ליידן אַ קורצע צייט. איך מיין, אַז ווען אַ מענטש
קען טרינקען ראָם און קאָניאַק אַנשטאָט וואַסער, קען ער זיך
באַנוגענען מיט אַ האַלבע קוואָרט וואַסער אַ טאָג. אַזוי אַרום וועלן
מיר אָפּשפּאָרן פינפאונדרייסיק קוואָרט וואַסער אַ טאָג. די פינפאונ־
דרייסיק קוואָרט וואַסער וועלן מיר איינטיילן צווישן די נעגערס.
נאָר זיי וועט עס זיין גענוג. ווען עס וועט נישט זיין גענוג און אַ סך
פון זיי וועלן אויסשטאַרבן, וועלן דאָך בלייבן איינינקע, די שטאַרקסטע
פון זיי. אפשר וועלן אויסהאַלטן צווייהונדערט פון זיי — הונ־
דערט און פופציק — גאָר הונדערט!.. ווען מיר וועל, ברענגען
קיין אַמעריקע הונדערט שטאַרקע נעגערס, וועלן מיר אויך זיין
בכוח צו קויפן נייע סחורה און צו פאָרן נאָך אַמאָל צום מלך
דשינגאָ".

„אונדזער שיפקאַפּיטאַן האָט רעכט!" — האָט געשריען דער
פראַנצויז לע־גראָ. — „אַ קוואָרט וואַסער אויף אַ מענטשן איז
צופיל אין אַזאַ נויט, אין וועלכער מיר געפינען זיך. עס איז גענוג
אַ גלאָז וואַסער אַ טאָג אויף אַ מענטשן! דאָס איבעריקע וועלן
מיר פאַרטרינקען מיט ראָם."

„די נעגערס וועלן דאָך אָבער שרייען! זיי קענען משוגע

ווען און צורייסן זייערע קייטן, צעברעכן די קאמערן און ארויס־לויפן אויפן דעק", — האט אן אנדער מאטראז באמערקט.

„דאס קען מען באווארענען", — האט דער שיפקאפיטאן גע־ענטפערט. — „מיר קענען גוט באפעסטיקן די טירן פון די שטאלן און מיר קענען שטעלן לעבן זיי א שטארקע וואך. ווערן זיי ווערן שטארק אומרויק, וועט מען שיסן אויף זיי. עס וועט גארנישט שאדן, ווען מען וועט טויטן איינעם אדער צוויי.

נאך לאנגע ויכוחים און געשרייען, איז געבליבן, אז מען זאל געבן די נעגערס פערציק קווארט וואסער א טאג. בען בראס, דער דייטשער מאטראז און נאך אייניקע זענען דערמיט זייער צופרידן געווען. זיי האבן בעסער געוואלט ליידן דורשט, איידער צו נעמען עטלעכע הונדערט מענטשן און ארייגווארפן זיי אין ים.

קאַפּיטל פופצן.

איך האָב עס אייך דערציילט אין עטלעכע ווערטער. איר קענט מיינען, אַז אַלץ האָט פּאַסירט אין אַ האַלבע שעה. אינדער־אמתן אָבער האָט די געשיכטע געדויערט פון זעקס אינדערפרי ביז פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג. קיינער אויפן שיף האָט אין דער צייט נישט געגעסן און נישט געטרונקען. די געפאַר צו שטאַרבן פון דורשט האָט אָפּגענומען ביי אַלעמען דעם אַפּעטיט.

די אומגליקלעכע נעגערס, וועלכע זענען געווען געוויינט, אַז מען זאָל זיי ברענגען אַלע אינדערפרי זייער פּאָרציע וואַסער, האָבן שטאַרק געליטן. די היץ איז געווען שרעקלעך. אין זייערע ענגע קעמערלעך אונטן אין שיף איז נישט געווען אויסצוהאַלטן. ווען זיי האָבן געזען, אַז עס ווערט שפּעט און מען ברענגט זיי נישט קיין עסן און קיין טרינקען, האָבן זיי אָנגעהייבן צו שרייען:

„אַגאָאַ! אגאָאַ! וואַסער! וואַסער!"

די געשרייען זענען געוואָרן אַלעמאָל העכער, אַלעמאָל שרעקלעכער, אַלע מאָל אומדערטרעגלעכער. אַ זייגער צוויי נאָכמיטאָג

האָבן מיר נישט געקענט איינשטיין אונטערן בריקל, ווו מיר האָבן זיך באַראַטן וואָס צו טאָן מיט זיי און מיר האָבן געמוזט אוועק-ביין ביים עק פון שיף, דאָרט, ווו דער רודער געפינט זיך. אָבער אויך דאָרט האָבן מיר געהערט די שרעקלעכע געשרייען פון די נעגערס:

„אגאַאַ! אגאַאַ! וואַסער! וואַסער!"

מיר האָבן זיי אָבער גאָרנישט געקענט העלפן. מען האָט געמוזט אָפּוואַרטן, ביז מען וועט זיך צונויפרעדן און מען וועט באַשליסן, וואָס צו טאָן מיט זיי. צולעצט איז דאָך באַשלאָסן גע-וואָרן, מען זאָל זיי געבן פערציק קוואָרט וואַסער אַ טאָג.

מען האָט באַלד אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט פון פינף מענטשן, וועמען מען האָט פאַרטרויט דאָס וואַסער. זיי האָבן געהייסן אַריינ-קייקלען די דריי פעסער וואַסער אין אַ באַזונדער קאַמער, וועלכע מען האָט געהאַלטן פאַרשלאָסן מיט צוויי שלעסער. פאַר דער קאַ-מער האָט מען געשטעלט אַ וואַך.

ערשט אַרום זעקס אַ זייגער ביינאַכט האָט מען דערלאַנגט די נעגערס זייער פּאָרציע וואַסער, אָבער וואָס פאַר אַ פּאָרציע! זיי האָבן קוים געהאַט צו באַנעצן זייערע פאַרברענטע ליפּן. די געשרייען און די געוואַלדן: אגאַאַ! אגאַאַ! זענען געווען שרעקלעך.

די מאַטראָזן זענען אַרומגעגאַנגען בייז, אויפגערעגט און פאַרטראַכט. אייניקע זענען אַרויפגעקראָכן אויף די זעגלביימער זיך אָפּצוקילן; אַנדערע זענען געשטאַנען צו צוויי, צו דריי ביים פאָרענץ פונם שיף און האָבן גערעדט שטילערהייט. אויף דער „ראַפּינאַ" איז איצט געהאָנגען אַ שוואַרצער שלייער פון נויט און פאַרצווייפלונג. דער שיפקאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר פלעגן פון צייט צו צייט אַרויסגיין אויפן בריקל מיטן שפּאַקטיוו אין דער האַנט און פלעגן אַרויסקוקן אויפן ים, טאָמער וועלן זיי דערזען אַ שיף.

לײדער, האָבן זײ גאָרנישט געזען. די „ראַפּינאַ" איז איצט געװען צו װײט פֿון דעם װעג, אויף װעלכן עס גײען געװײנלעך די שיפֿן. מען האָט זיך אַפֿילו אויסגעדרײט און מען איז געפֿאָרן צום ברעג. עס איז אָבער קײן װינט נישט געװען און מיר האָבן זיך געפֿונען גראָדע אין דעם אָרט פֿון דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, װו אין געװיסע צײטן פֿון יאָר איז גאָר קײן װינט נישטאָ.

דידאָזיקע געגנטן הײסן „די טױטע געגנטן" אָדער „די שטילע געגנטן". דער ים איז גלאַט, װי אַ שפּיגל. אַ גאַנצן טאָג בלאָזט נישט קײן לופֿטעלע. די זון ברענט, װי פֿײער. די לופֿט און דער ים זענען שטיל און רויִק, װי דער טױט. נאָר אין אָװנט און פֿאַרטאָג הײבט זיך אויף אַ לײכטער װינט. ער געדויערט אָבער נאָר אַ פּאָר שעה, דאַן װערט װידער אַלץ שטיל.

אַזױ איז פֿאַרגאַנגען די נאַכט. אַלע מענטשן האָבן אויף דער „ראַפּינאַ" זײער װײניק געשלאָפֿן, אינדערפֿרי איז די זון אויפֿגעגאַנגען און האָט װידער באַגאָסן דעם גרױסן װעלט-ים מיט אירע הײסע שטראַלן. די מאַטראָזן האָבן געװאַרט מיט אומגעדולד, עס זאָל שױן קומען די צײט, װען מען װעט זײ אױסטײלן זײערע פּאָרציעס װאַסער.

ענדלעך איז געקומען די צײט, װען מען האָט אָפּגעמאָסטן פֿאַר יעדן צװײ גלאָז װאַסער. — אַך! איר גליקלעכע מענטשן, װעלכע װױנען אין גרױסע און קלײנע שטעט, װו װאַסער האָט נישט קײן װערט! איר פֿאַרשטײט גאָרנישט װאָס פֿאַר אַ טײערע זאַך װאַסער איז! איר האָט גאָרנישט קײן באַגריף, װאָס עס הײסט אַ ביסל װאַסער, װען מען דאַרף עס?

יעדער מאַטראָז האָט צוגענומען זײן ביסל װאַסער שטיל־רויִק, טרױעריק, מיט שמערץ און פֿאַרצװײפֿלונג אין האַרצן. װאָס זאָל ער פֿריער טאָן מיטן ביסל װאַסער? זאָל ער עס אױסטרינקען מיטאַמאָל? זאָל ער דערמיט באַנעצן זײן ברענענדיק געזיכט? זאָל

פֿר עס באַהאַלטן אויף שפּעטער, ווען די היץ וועט ברענען און די צונג וועט פאַרטריקנט ווערן אין גומען?

אייניקע האָבן אויסגעטרונקען זייער וואַסער מיטאַמאָל, אַנ־דערע האָבן עס באַהאַלטן אין זייערע קאַסטנס. אַנדערע, ווידער, האָבן עס צעמישט מיט ראָם אָדער קאָניאַק און האָבן עס געהאַלטן אין פֿלעשער. איך און בען בראַס האָבן אַרייַנגעגאָסן אונדזער וואַסער אין פֿלעשער און האָבן עס געהאַלטן פֿאַרשלאָסן, ווי מען האַלט בריליאַנטן.

צו האַלבן טאָג, ווען די היץ איז געוואָרן שרעקלעך, אומדער־טרעגלעך, האָבן פֿיל מאַטראָזן געעפֿנט די קאַמערן, ווו עס האָבן זיך געפֿינען די פֿעסעלעך מיט ראָם און האָט געטרונקען וויפֿל מען האָט געוואָלט.

פֿון נויט און פֿאַרצווייפֿלונג האָבן די מאַטראָזן געטרונקען מער, וויפֿל זיי האָבן גענדאַרפֿט. באַלד האָט מען געהערט אויפֿן דעק לידער און שיכּורע געלעכטער. אַך! וואָס פֿאַר אַ געלעכטער איז דאָס געווען!

אַרום צוויי אַ זייגער האָט מען אויסגעטיילט די געגערס זייער וואַסער, דאַן האָט מען אָנגעהייבן זיי אַרויסצופֿירן אויפֿן דעק און זיי צווינגען צום טאַנצן. איצט האָבן די מאַטראָזן מער נישט געלאַכט פֿון די אומגליקלעכע. קיינעם איז שוין נישט געלעגן אין זינען צו לאַכן, יעדער האָט געזען פֿאַר זיך דעם שרעקלעכן טויט. דאָס וואַסער אין די פֿעסער איז געוואָרן אַלעמאָל ווייניקער און די היץ איז געוואָרן אַלעמאָל שטאַרקער און אומדערטרעגלעכער.

עס פֿלעגן זיין טעג, ווען עס האָט פּשוט געברענט. דאָס פּעך, מיט וועלכן מען האָט פֿאַרשמירט די שפּאַלטן פֿון דער שיף, עס איז צעשמאָלצן געוואָרן און האָט גערונען איבערן דעק, ווי וואַ־סער. עס איז געווען אוממעגלעך זיך צוצורירן צו אַ שטיקל אייזן. אפֿילו דאָס האָלץ אויפֿן שיף איז געוואָרן הייס, ווי פֿייער.

פון צייט צו צייט פלעגט מען הערן אַ ווילד, אומענטשלעך, שרעקלעך שרייען: „אַגאַאַ! אַגאַאַ!" — דאָס האָבן געשריען די אומגליקלעכע נעגערס אין זייערע שטאַלן. עס איז געווען אוממעגלעך זיי איינצוהאַלטן אָדער זיי צו דערקלערן, אַז מיר געפינען זיך אין אַ נויט.

ענדלעך זענען זיי געוואָרן ווילד און משוגע. זיי האָבן אָנגעהייבן צוצורייסן די קראַטעס, צו שפּרינגען און צו קראַצן די ווענט מיט זייערע נעגל. איינמאָל האָבן זיי אפילו אויסגעבראָכן די קראַטעס אין איינער פון די קאַמערן און האָבן געוואָלט אַרויסלויפן אויפן דעק. מען האָט געמוזט זיי צוריקהאַלטן און צוריקטרייבן מיט ביקסן און שווערדן.

הער קליאָמשע האָט געמוזט באַפעסטיקן די קראַטעס און באַשלאָגן יעדע קאַמער מיט נייע ברעטער. ווער ווייס, וואָס די אומגליקלעכע וואָלטן ווייטער געטאָן, ווען עס זאָל זיך נישט געווען טרעפן אַ נייע אומגליק, וואָס האָט אומגעבראַכט די „ראַפּינאַ" און וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו די ליידן פון די אָרעמע נעגערס.

אויפן דריטן טאָג זענען די געשרייען פון די נעגערס געוואָרן אַזוי שרעקלעך, אַז אַפילו די ווילדע מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ" האָבן עס שוין נישט געקענט אויסהאַלטן.

„וואָס וועלן מיר זיי נאָך האַלטן?" — האָט אויסגערופן דער פראַנצויז לע־גראַ. — „צו וואָס זאָלן מיר זיי אַוועקגעבן אונדזער לעצטע ביסל וואַסער? לאָמיר זיי אַריינוואַרפן אין ים! לאָמיר פון זיי לויז ווערן!"

מיר האָבן אַליין נישט וואָס צו טרינקען און מוזן אַוועקגעבן אונדזער וואַסער די שוואַרצע שדים!" — האָט געלאַכט אַן אַנדערער.

„לאָמיר זיי אויסשניידן ווי די שעפסן!" — האָט געראַטן אַ דריטער.

מען האָט געשריען, געליאַרמט און געמאַכט גוואַלדן. קיי־נער האָט נישט געוואָלט הערן, וואָס דער אַנדערער זאָגט. איך בין אַנטלאָפן און האָב מיך באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע. בען בראָס איז געשטאַנען פון דערווייטנס און האָט זיך נישט געוואָלט אַריינמישן. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיינע ווילדע חברים. ער האָט געוווּסט, אַז זיי זענען איצט אַזוי ווילד, אַז עס איז אוממעגלעך מיט זיי צו רעדן אַן ערנסט וואָרט.

עס איז זייער מעגלעך, אַז די ווילדע און פאַרדאָרבענע מאַטראָזן וואָלטן ענדלעך אויסגעפירט זייער דראָונג און וואָלטן ווירקלעך אַריינגעוואָרפן די נעגערס אין ים. זיי האָבן שוין קיינעם נישט געהערט און האָבן שוין קיינעם נישט געוואָלט פאָלגן. דער שיפקאַפּיטאַן האָט איבער זיי מער קיין מאַכט נישט געהאַט. עס איז נישט געווען קיינער אויפן שיף, וועמען זיי זאָלן וועלן הערן.

פלוצלונג האָב איך דערהערט אַ געשריי:

„פייער! פייער!"

איך בין אַרויסגעלאָפן פון מיין ווינקעלע, ווי אַ משוגענער, און בין געלאָפן. — וווהין? דאָס האָב איך אַליין נישט געוווּסט. איך בין געלאָפן, ווייל אַלע זענען געלאָפן.

ווען איך בין צוגעקומען צו דער קיך, האָב איך דערזען, ווי דער שיפקאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר זענען געשטאַנען מיט שטריק אין די הענט און האָבן געשלאָגן דעם נעגער, אונדזער קיכער, דערביי האָבן זיי געשריען אינדערהויך:

„זאָג אויס, דו הונט! דערצייל, שניימאַן!"

איך האָב פאַרגעסן צו דערציילן, אַז די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ" פלעגן אים רופן: ווייסמאַן אָדער שניימאַן, סנאָאָי. דער נעגער איז שוין געווען געוויינט מיט אָט דעם צונאָמען

און פלעגט זיך נישט באַליידיקן, ווען מען פלעגט אים רופן ווייסמאַן.

דעמאָלט אָבער האָבן דער שיפקאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר גאָרנישט געשפּאַסט. עס איז געווען אַ בלוטיקער ערנסט. זיי זענען געווען שרעקלעך בייז און שרעקלעך אויפגערעגט. ווען איך בין צוגעקומען, איז דעם נעגערס רוקן שוין געווען באַדעקט מיט בלוט.

מען האָט אָנגעהייבן צו שרייען און צו פרעגן, וואָס דאָ איז געשען, וואָס איז דאָס און פאַרוואָס האָט דער שיפקאַפּיטאַן מיט׳ן ערשטן אָפיציר געשלאָגן דעם נעגער. עס איז אָבער אוממעגלעך געווען פון זיי עפּעס אַרויסצוקריגן. אַלע זענען געווען דער־שראָקן, אַלע זענען געווען אויפגערעגט און אַלע זענען אַרומ־געלאָפן, ווי די משוגעים, האָבן געשריען, געליאַרעמט און גאָרנישט געטאָן.

שפּעטער איז די זאַך קלאָר געוואָרן.

איך האָב שוין דערציילט, אַז זייט מען האָט אָנגעהייבן אויסצוטיילן דאָס וואַסער אין קליינע פּאָרציעס, האָט מען געעפנט די קאַמערן, ווו עס זענען געשטאַנען די פעסלעך מיט ראָם און שנאַפּס און יעדער האָט געטרונקען, וויפל ער האָט געוואָלט. די מאַטראָזן פון דער „ראַפּינאַ" האָבן דערווייל געשיכורט אויף וואָס די וועלט שטייט.

דער נעגער ווייסמאַן, דער קוכער, האָט אויך געטאָן דאָס, אייגענע. אין דעם טאָג, ווען עס האָט אויסגעבראָכן דאָס פייער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אין אַ ווייטער קאַמער ערגעץ ליגט אַ פעסעלע ראָם, וואָס דער שיפקאַפּיטאַן האָט באַהאַלטן אויף אַ באַזונדערן פאַל. דאָס איז געווען אַ באַזונדערס גוטער סאָרט: עכטער „אַמאַיקער" ראָם, די בעסטע מאַרקע, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער „ראַפּינאַ".

אַלס קיכער האָט סנאַאי, ווייסמאַן ליב געהאַט דאָס בעסטע און דאָס פיינסטע. עס איז אים מיאוס געוואָרן דער געוויינלעכער ראָם, וועלכן אַלע האָבן געטרונקען און ער האָט געוואָלט פאַרזוכן דעם שטאַרקן און גוטן יאַמאַיקער ראָם; ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז דער שיפקאַפּיטאַן זאָל דערפון נישט געוואָר ווערן און זאָל אים נישט שלאָגן. ער איז דעריבער געגאַנגען שטילערהייט אין קעמערל, ווו דער ראָם האָט זיך געפונען. דאָרט איז געווען פינסטער. אָבער דער נעגער האָט מורא געהאַט צו עפענען דאָס קליינע, רונדע פענסטערל פון קעמערל.

ווו ער האָט גענומען אַ שליסל צום קעמערל, ווייס איך נישט, איך ווייס נאָר, אַז ער האָט גענומען אַ פּאָר פלעשער און אַ ליכט און איז גאַנץ פריי אַראָפּגעגאַנגען אין קעמערל אָנצאַפּן ראָם. דאָס פעסל איז געווען שטאַרק פאַרשפּונטעוועט און עס האָט אים געקאָסט פיל מי, ביז ער האָט עס געעפנט. בשעת דער אַרבעט, האָט ער אַנידערגעשטעלט דאָס ליכט אויפן פעסל.

ווען ער האָט ענדלעך אַרויסגעריסן דעם שפּונט פונם פעסל, איז דאָס ליכט אַריינגעפאַלן אין פעסל און דער ראָם האָט זיך אָנגעצונדן. דער נעגער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ווען ער האָט דערזען דאָס בלויע פייער פונם ראָם און ער האָט אין די ערשטע פּאָר מינוט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

ווען ער איז געקומען צו זיך און האָט אָנגעהייבן צו טראַכטן וואָס צו טאָן, האָט ער מורא געהאַט צו מאַכן אַ גוואַלד און אויס־צוזאָגן, אַז דער ראָם ברענט. ער האָט זייער גוט געקענט דעם שיפקאַפּיטאַן און האָט געציטערט פאַר אים.

ער האָט דעריבער באַשלאָסן אַליין אָפּצולעשן דאָס פייער. ער איז אַרויפגעלאָפן אויפן דעק, האָט געכאַפּט אַן עמער וואַסער און אַראָפּגעלאָפן מיט אים און האָט אים אַריינגעגאָסן אין פעסל

ראָם. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. ער האָט אָנגעהייבן צו לויפן אויפן דעק, כאַפּן עמערס מיט וואַסער און אַראָפּלויפן מיט זיי.

ווען ער וואָלט באַלד דערציילט דעם שיפקאַפּיטאַן אָדער אַנדערע פּעיקע מאַטראָזן, וואָס עס איז געשען, וואָלט מען זייער לייכט געקענט אויסלעשן דאָס פייער. פאַר נויט האָט מען געקענט פאַרשפּונטעווען דאָס פּאַס און עס אַרויסקייקלען אויפן דעק און אַרויסוואַרפן אין ים.

דער נעגער אָבער האָט מורא געהאַט אויסצוזאָגן, אַז דער ראָם ברענט אונטן, און האָט געוואָלט אים אַליין אויסלעשן.

דער ערשטער אָפיציר איז גראַדע געשטאַנען אויפן בריקל און האָט געקוקט אויפן ים, טאָמער וועט ער דערזען אַ שיף. אַזוי ווי קיין שיף האָט זיך נישט געוויזן, האָט ער אַראָפּגעקוקט אויפן דעק פונם שיף און דאָ האָט ער דערזען, ווי דער נעגער כאַפּט אַלע מאָל אַן עמער וואַסער און לויפט מיט אים אַראָפּ אין קעמערל, ווו מען האָט געהאַלטן די בעסטע זאַכן.

דאָס איז אים געווען שטאַרק פאַרדעכטיק. ער האָט גערעכנט, אַז דער נעגער באַהאַלט עפּעס אָדער גנבעט עפּעס. ער איז אַראָפּגעלאָפן פון בריקל, האָט געפונען דעם שיפקאַפּיטאַן און ביידע האָבן אָנגעהייבן צו שלאָגן דעם נעגער, ער זאָל אויסזאָגן, וואָס ער טוט דאָרט אונטן.

„פייער!" — האָט אויסגערופן דער נעגער.

„פייער!"—האָבן גענומען שרייען עטלעכע מאַטראָזן, וועלכע זענען געשטאַנען דערביי.

ווי איך פאַרשטיי, איז דער שיפקאַפּיטאַן דעמאָלט אויך געווען שיכור און ער האָט נישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. קוים האָט ער דערהערט, אַז אויף זיין שיף האָט אויסגעבראָכן אַ שריפה, איז ער נישט געלאָפן איינלעשן דאָס פייער, נאָר גענומען ממיתן און פּאַלמעסן דעם נעגער

ווען בען בראַס, לע-גראַ און אַנדערע עלטערע מאַטראָזן האָבן דערהערט דאָס געשריי: „פייער!" זענען זיי באַלד געקומען צולויפן און האָבן דערזען, ווי דער שיפקאַפּיטאַן און דער ערשטער אָפיציר שלאָגן דעם נעגער. זיי האָבן גערעכנט, אַז מען האָט שוין אויסגעלאָשן דאָס פייער און האָבן געוואָלט אַוועקגיין. דער אומגליקלעכער נעגער אָבער האָט געהאַלטן אין איין שרייען

„פייער! לעשט דאָס פייער!"

„ווו איז דאָס פייער? ווו ברענט עס? מיר זעען דאָך נישט!" — האָבן די מאַטראָזן געשריען.

אַזוי ווי קיינער האָט זיי נישט געענטפערט, — דער שיפקאַפּיטאַן האָט נאָך אַלץ געממיתט דעם נעגער, — האָט דער פראַנצויז לע-גראַ א פרעג געטאָן דעם קאַפּיטאַן:

„איז דאָס פייער שוין אויסגעלאָשן? ווו איז דאָס פייער?"

דער שיפקאַפּיטאַן האָט זיך איצט דערשראָקן און האָט אָפּגעלאָזט דעם נעגער.

„ווו איז דאָס פייער?" — האָט ער געפרעגט, א שיכורער.

„אונטן אין קאַמער נומער פופצן". — האָט דער נעגער געענטפערט.

„וואָס ברענט?"

„אַ פעסל ראָם".

אַלע האָבן זיך א וואָרף געטאָן צום קעמערל נומער פופצן. מען איז געלאָפן, מען איז געפאַלן איינער איבערן אַנדערן און מען האָט זיך געריסן צום קעמערל. יעדער האָט געוואָלט וויסן, וואָס עס טוט זיך און ווי גרויס איז די געפאַר.

יעדער האָט געוווסט, אַז עס איז נישטאָ קיין שרעקלעכערע זאַך אויף דער וועלט, ווי פייער אויף אַ שיף. דאַכט זיך, אַז די שיף שטייט אין וואַסער און דעריבער איז זייער לייכט צו לעשן דאָס פייער, און דאָך איז נישטאָ קיין שווערערע זאַך אין דער

וועלט, ווי צו לעשן אַ פייער אויף אַ שיף. מען האָט זיך נישט ווו צו רירן. ווען עס ברענט אַ הויז, קען מען שטיין פונדערווייטנס און עס לעשן. אויף אַ שיף אָבער מוז מען שטיין אויף דער שיף גופא און עס לעשן. עס קומט אויס דאָסזעלבע, ווען אַ הויז זאָל ברענען און די איינוווינער פון הויז זאָלן וועלן לעשן דאָס פייער פון אינעווייניק.

דאָס האָבן זייער גוט געוווּסט די מאַטראָזן פון דער „ראַ-פינאַ" און דערפאר זענען זיי געלאָפן מיט אַזאַ שרעק צום קעמערל נומער פופצן.

ווען מען האָט ענדלעך אויפגעריסן די טיר פון קעמערל, האָט מען ערשט דערזען, ווי גרויס עס איז די געפאַר. דאָס גאַנצע קעמערל איז געווען פול מיט געדיכטן רויך. אין דער צייט, וואָס דער שיפקאַפּיטאַן האָט געפּאַלמעסט דעם נעגער, האָט זיך דאָס פייער ערשט גוט צעברענט אין קעמערל.

עס איז געווען אוממעגלעך אַרייַנצוגיין אַהין. אַלע זענען גע-בליבן שטיין, ווי פאַרשטיינערט און האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. איצט איז שוין געווען אוממעגלעך אַרויסצוקייקלען דאָס פעסל מיט ראָם. דאָס האָלץ האָט זיך שוין אָנגעצונדן.

אַזוי ווי אַלע זענען געשטאַנען אַזוי דערשראָקן און פאַר-שטיינערט, האָט עס געגעבן מיטאַמאָל אַ קנאַק און אַ הילך, גלייך ווי מען וואָלט אויסגעשאָסן פון אַ האַרמאַט. דאָס ביסל ראָם, וואָס איז נאָך געבליבן אין פעסל, האָט זיך צעגאָסן איבערן קעמערל. עס האָט זיך באַוויזן אַ בלויער פלאַם...

אַלע ווערק פון זשול=ווערן

ביז איצט דערשינען די 1=טע 10 בענדער

I	אין דער הימלישער אימפעריע (ראָמאַן) — —	4.50
II	אויפן שאַנסעלאָר (אַ טראַגישע נסיעה) — —	4.50
III	דעם קאַפּיטאַן גראַנטס קינדער, 1=טער באַנד (ראָמאַן) —	4.50
IV	„ „ „ „ 2=טער באַנד „ —	4.50
V	דעם צאַרס קוריער (ראָמאַן) — — —	4.50
VI	די שולע פון די ראָבינזאָנס (ראָמאַן) — —	4.50
VII	אונטער דער זון פון אַפריקע (ראָמאַן) — —	4.50
VIII	אויף די וועגן פון דער וועלט, 1=טער באַנד (ראָמאַן)—	4.50
IX	„ „ „ „ „ „ 2=טער באַנד „ —	4.50
X	מענטש און ווונדער (ראָמאַן) — — —	4.50

קירצלעך דערשיינט פון דרוק די 2=טע סעריע, 10 בענדער.

אַלע ווערק פון מײַן=ריד

ביז איצט דערשינען

I	אַ שפּיל מיטן טויט — — — —	4.50
II	אַ קאַמף מיטן לויתן — — — —	4.50

אַלע ביכער פיין געדרוקט, אויף גוטן פּאַפּיר, שיין אַרויסגעגעבן.

פאַרלאַג — בוכהאַנדלונג

E. Gitlin, Warszawa, Nalewki 1
(Kramy Nalewkowskie)